STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03330

DI TRAGEDYES FUN LEBN

Pesach Wolkovier

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פסח וואָלקאָוויטש

די טראַגעדיעס פון לעבן

ראָמאַן

פסח וואָלקאָוויטש

די טראַגעדיעס פון לעבן

ראָמאַן

1989
תל־אביב — לאָס אַנדזשעלעס

Pesach Wolkovier

Die Tragedies Pun Lebn

Roman

Printed in Israel

כל הזכויות שמורות

דאָס בוך איז ארויסגעגעבן
דורך פרוי עוועלין אלעקסאנדער
פון לאס אנדזשעלעס
טעל: 9362330

Copright 1989 by Evelin Alexander
Printed in Israel



פסח וואָלקאָוויטש

א פאר ווערטער וועגן דאָזיקן בוך

עס איז ניט לייכט צו שרייבן וועגן א בוך וואָס איז אומדערוואַרט געפונען געוואָרן, געשריבן פון א מענטש, וועגן וועלכן קיינער האָט ניט געוווּסט אז ער פאַרמעסט זיך צו שרייבן און האָט וועלכע עס איז שרייבערישע אמביציעס. האָט ער טאַקע וועגן דעם אָנגעשריבענעם בוך קיינעם ניט דערציילט. ערשט נאָך זיין טויט האָט זיין פרוי עוועלין אלעקסאנדער געפינען דעם כתב יד פון דעם אומבאַקאַנטן בוך און עס געבראַכט פון אמעריקע קיין ישראל דאָ צו פאַרעפנטלעכן.

דער מחבר פון דאָזיקן בוך פסח וואָלקאָוויטש האָט דאָס בוך געשריבן זייענדיק צוריק אין פוילן, נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה, פון וואַנען ער איז אין 1939 יאָר אנטלאָפן קיין ראַטן פאַרבאַנד. פסח וואָלקאָוויטש איז זיין פריער יוגנט געווען פאַרבונדען מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין פוילן און נאָך זיין צוריקקומען קיין פוילן האָט ער, מיט זיין גאַנצן גלויבן, זיך אַקטיוו איינגעשפּאַנט צו העלפן בויען דעם סאָציאַליזם פון פעלקער־פריינדשאַפט און אויך באַנייען דאָרט און פלעגן די יידישע קולטור צווישן די געראַטעוועטע פון די טויט־לאַגערס און צוריקגעקומענע יידישע פּליטים, אין די שטעט פון דעם חרוב געוואָרענעם פוילן, אויף די חורבות פון יידישן לעבן.

פסח וואָלקאָוויטש האָט זיין אויפגאבע גענומען גאנץ ערנסט און מיט טיפן גלויבן און דאָס איז גאר ניט זיין שולד וואָס ער האָט געמוזט ניט בלויז זיך אָפּצוזאָגן פון זיין חלום נאר אויך צוזאמען מיט די מערסטע יידישע קאמוניסטן געצוווּנגען געוואָרן צו פארלאָזן דאָס "סאָציאליסטישע" פוילן און קומען קיין ישראל, פון וואנען ער איז שפעטער אוועק אין קאפּיטאליסטישן אמעריקע. דאָס בוך איז, ווי שוין געזאָגט, געשריבן געוואָרן אין פוילן און דערפאר טרעפן מיר דאָרט בלויז "פּאָזיטיווע" טיפּן, צווישן זיינע קאָמוניסטישע חברים, ער האָט נאָך דאן ניט געוווּסט אז די דאָזיקע "חברים" וועלן שפעטער אָפּן ארויסווייזן זייער אנטיסעמיטישן פּרצוף, וואָס וועט אים צווינגען דאָס "סאָציאליסטשע" פוילן צו פארלאָזן.

די באדייטונג פון דאָזיקן בוך איז, וואָס דער מחבר שילדערט אונדז צוויי טראגישע געשטאלטן אויף דער קאנווע פון דער חורבן־תקופה. מיר וועלן דאָ פארשטענדלעך ניט איבערגעבן דעם אינהאלט פון בוך און די טראגישע געשילדערטע געשטאלטן אויך דעם ווערט פון דעם בוך לאָזן מיר איבער צום משפּעט פונעם לייענער. וואָס מיר דערלויבן זיך צו זאָגן אז דאָס איז אן אינטערעסאנט בוך אין אז דער מחבר באזיצט א דערציילערישן טאַלאנט.

דערפאר דארפן מיר זיין דאנקבאר דער פרוי עוועלין אלעקסאנדער, וואָס האָט באשלאָסן אז דאָס בוך פון איר פארשטאָרבענעם מאן זאַל דערשיינען, א דאנק אירע פינאנסיעלע מיטלען. דערביי דארף אונטערגעשטראָכן ווערן

אז עוועלין אלעקסאנדער, וואָס וווינט שוין צענדליקע יאָרן אין לאָס אנדזשעלעס, איז דאָרט באקאנט אין יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן, ספעציעל אין די יידיש קרייזן, און געהערט צו די שטיצערנס פון דער יידישער קולטור, געשטיצט דאָס דערשיינען פון יידישע ביכער איז דאָך נאטירלעך, וואָס זי איז די ארויסגעבערין פון דאָזיקן בוך, וואָס שילדערט די טראגישע לאגע פון די יידן אין דער חורבן־תקופה. א וויכטיקער בייסטייער צו דער חורבן־ליטעראטור.

יוסף לודען

אָקטאָבער 1947. אין דער פוילישער שטאָט לאָדש. אייגענטלעך האָט וואצלאוו געטראַכט זיך צו באַזעצן אין זיין געבוירן־שטאָט ווארשע, וועלכע איז דאן געווען 90 פראָצענט צעשמעטערט. דאָך האָט די רעגירונג, ניט געקוקט אויף אלע שוועריקייטן, באשלאָסן אז ווארשע זאָל ווייטער בלייבן די הויפטשטאט פון נייעם פוילן. וואַרשע האָט זיך אנגעהויבן פון דאסניי צו בויען און עס זענען צוגעטיילט געוואָרן דירות פאר די אלע וואָס נעמען אנטייל אין בויען די שטאָט. וואצלאוו האָט אָבער גראד געענדיקט די הויך־שולע, אלס אן אדוואָקאט און איז געצוואונגען געווען זיך צו באזעצן אין לאָדזש. אָבער ניט ווייט פון דער שטאָט, אין ראָדאָגאזש, ווי פון צענטער פון שטאָט האָט מען באדארפט צופארן מיטן טראמוויי.

די שטאָט לאָדזש איז געווען, נאָך דער שרעקלעכער מלחמה, ווייניקער צעשטערט, ווי די אנדערע שטעט אין פוילן דערפאר אָבער אירע אָרימע קווארטאלן, דאָרט ווי עס האָבן פאר דער מלחמה געלעבט די גרויסע מאסן יידן, זענען געווען אין גאנצן צעשטערט און דעמאָלירט. אָבער ניט פון קיין אייראָפּלאנען נאָר פון די איינוווינער פון דער שטאָט, וואָס האָבן אין די דאָזיקע קווארטאַלן געזוכט און גענישטערט, און זוכנדיק יידישע אוצרות און יידישע פארמעגנס, האָבן וואַנדאַליש צעשטערט צענדליקע הייזער. ניט געפונענדיק קיין פארמעגנס האָבן זיי ארויסגעשלעפט אלץ וואָס עס

האָט זיך נאָר געלאָזט: פענצטער, טירן, צעקלאַפּט מויערן, צעריסן ווענט און דאָס אַלץ פון קיינעם ניט געשטערט, ביז עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ פעסטערע מאַכט און דורך אַ מלוכה־געזעץ פאַרווערט די מעשים רעים און גלייכצייטיקט גענומען אויף די חורבות בויען נייע און שענערע הייזער. אַזוי אַרום איז אויך ליקווידירט געוואָרן די שטיקנדיקע לופט פון לאַדזשער באַלוט דאָרט ווי עס איז דערשטיקט געוואָרן דאָס יידישע לעבן.

וואַצלאַוו האָט זיך באַזעצט אין ראַדאָגאָזשטש, וואָס איז אייגנטלעך געווען אַ דאַטשע־אָרט, פול מיט ביימער, בלומען, אַלץ איז דאָרט געווען גרין, די לופט פריש און גוט. אין די זומער־חדשים איז ראַדאָגאָזשטש געווען איבערגעפולט מיט יוגנט און עלטערע, וואָס פלעגן דאַ קומען זיך אָפּרוען און שפּילן זיך אויף דעם וואַסער. דאָס איז געווען אַן אויסגעצייכנטער פּלאַץ פאַר פאַרווייַלונג און באַזונדער פאַר פאַרליבטע פּאָרלעך. אָבער דער האַרבסט איז דאַ די גאָלדנסטע צייט, דאָס איז די שענסטע צייט פון יאָר אָבער ראַדאָגאָזשטש ווערט אין האַרבסט פּוסט פון די דאַטשניקעס, בלויז די שטענדיקע איינוווינער בלייבן אויפן אָרט. פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ראַדאָגאָזשטש געווען ווייניקער באַוווינט, ווייל די הייזער זענען ניט געווען צוגעפּאַסט פאַר די ווינטער־מאָנאַטן, אָבער נאָך דער מלחמה, צוליבן מאַנגל אין דירות אין דער גרויסער שטאָט לאָדזש האָבן מענטשן בעין ברירה זיך דאָ באַזעצט. זיך צוגעפּאַסט און אַן עצה זיך געגעבן.

אין האַרבסט איז איבער ראַראַדאַגאַזשטש אַראָפּגעפאַלן די בלעטער פון די ביימער און געלייגט זיך ווי אַ שימל איבער דעם טייכל, ווי זומער פלעגט מען זיך שיפן. דאַ

איז געווען אויך פריילעכער און לופטיקער, ווי אין שטאָט. אין די זונטיקן און יום טובים פלעגט א יוגנט דא קומען פריילעך פארברענגען.

וואצלאוו האָט דא אויך זיך צוגעפאסט, ער האָט פארנומען א וווינונג פון א שטוב מיט א קיך מיט אלע באקוועמלעכקייטן און געקענט נאָך דער ארבעט זיך גוט אפרוען. פון די פענצטער פון זיין שטוב האָט ער געקענט זעען דעם טייך און די בענק, וואָס זענען אין הארבסט געשטאנען ליידיק. זעלטן אמאל האָט דאָרט א פארליבט פארל זיך געטולעט איינער צום צווייטן. אין די מאָרגן־שעהן האָט וואצלאוו געהאַט א פארגעניגן זיך דא אדורכשפאצירן אויפן וועג צו דער ארבעט און אים איז געווען גוט אויפן הארץ און אויף דער נשמה.

געארבעט האָט וואַצלאַוו אין לאָדזשער מאגיסטראט (שטאָט־ראט) אלס אנגעשטעלטער אין דער ירידישער אפטיילונג. דער דירעקטאָר פון דער אָפטיילונג איז געווען א יונגער מאן, וואָס האָט זיך גוט באצויגן צו אלעמען. דאָס וויכטיקסטע וואָס ער האָט אויסגעמיטן דעם "ביטערן טראָפּן" האָט אויך וואצלאוו מיט אים זיך גיך באפריינדעט און אפילו איינער דעם צווייטן פארבעטן צו זיך אין די היימען. אזוי זענען אוועק די טעג אן באזונדער דאגות. עס איז געקומען דער חודש אָקטאָבער. עס האָט א גאנצע נאכט געקלאפט דער רעגן און פארגאסן די גאסן. דאָך האָט דער פרימארגן געברענגט דאָס געזאַנג פון די פייגל, ווי דער רעגן הערט אויף פליען זיי ארויס פון די נעסטן. דורכן פענצטער זעט מען ווי זיי שפרינגען פריילעכע פון איין צווייג אויפן צווייטן און מיט זייער געזאנג דערפרייען זיי דער מענטשלעכע נשמה. קוקנדיק דורכן פענצטער האָט ער געזען ווי צוויי פייגעלעך

קושן זיך מיט די שנעבעלעך און געהערט דאָס שווישטשען פֿון די קליינע פֿייגעלעך אין אַ נעסט, וואָס קענען נאָך ניט פֿליען און וואַרטן אויף דער מאַמען זי זאָל זיי ברענגען עסן און זיי געבן מיטן שנעבל אין די מײַלעכלעך אַרײַן און זיי טולען צו זיך.

דעם טאָג האָט וואַצלאַוו געהאַט מער אַרבעט ווי שטענדיק. ער האָט פֿון דער ביוראָ מיטגענומען אַ היים, וואָס ער האָט ניט באַוויזן דאָרט צו מאַכן. דער זייגער האָט אויסגעקלאַפּט שוין צוועלף און דער פּאָסט־טרעגער האָט, פֿאַרנדיק אויף אַ ראָווער, צעטיילט די בריוו פֿון הויז צו הויז. פֿאַר יעדן געבראַנגט פֿאַרשידענע נײַעסן, ביטערע אָדער פֿרײלעכע, און אפֿשר ליבע־בריוולעך. וואַצלאַוו פֿאַרטועט אין זײַן אַרבעט דערהערט ווי דאָס רופֿט אים די שכנהס טעכטערל – "וואַלאַצלאַוויע. ליסט דלאַ פּאַנאַ! (אַ בריוו פֿאַר אײַך!) זי פֿאַלט אַרײַן אַ פֿאַרסאָפּעטע אין זײַן שטוב און דערלאַנגט אים דעם בריוו אין האַנט.

דער בריוו איז געווען פֿון וואַרשע פֿון יוסטיץ־מיניסטעריום, צו וואַצלאַוו שאַדקאָווסקי מיט דעם באַשלוס אים וואַצלאַוון אָפּצוקאָמאַנדירן אויף דרײַ חדשים אין דעם שטאָט בזשעזשין אויף אַרבעט. ער ווערט פֿון יוסטיץ־מיניסטעריום געבעטן זיך גלײַך שטעלן אין קאָנטאַקט מיטן דאָרטיקן שטאָטראַט און מיט דער סעקציע פֿון יוסטיץ־דעפּאַרטאַמענט. דער בריוו האָט וואַצלאַוון שטאַרק דערשטוינט. ער האָט גאָר ניט געהאַט קיין חשק, אַפֿילו אויף דרײַ חדשים, צו ענדערן דאָס אָרט פֿון זײַן אַרבעט, ווי ער האָט דעראָבערט פֿרײַנד און געפֿילט זיך. גוט, אוודאי האָט אים ניט געגלוסט צו פֿאַרלאָזן זײַן באַקוועמע דירה און דאָס שיינע דאַטשע־געגענט

ראדיגאשטץ נעבן לאָדזש. איז ער, איבערלייענדיק דעם בריוו געשטאנען א פארזארגטערביים פענצטער, געקוקט אויף דעם שיינעם געגנט. אָבער דער שכל האָט אים דיקטירט זיך ניט צו פארלירן. ער האָט זיך גלייך אנגעטאן און אוועק געלאָזט זיך דער שטאָט צו זיין דירעקטאָר.

עס איז גראד געווען די צייט ווען די ארבעטער פארלאָזן די פאבריקן נאך דער ארבעט. די טראַמווייען און אויטאָבוסן זענען אנגעפאקט מיט מענטשן און עס איז קוים מעגלעך דאָרט א פוס ארייצושטעלן. די הויפטגאס פון דער שטאָט, די פיעטראַקאָווסקע, איז אויך געפאקט מיט מענטשן און ער האָט זיך קוים דורכצושטופט צו דער יאראטשא גאס, כדי זיך צו טרעפן מיט זיין דירעקטאָר. אויך דער דירעקטאָר דערזענדיק אים האָט שטארק זיך פארוואונדערט, ווייל קיינמאל קומט ער צו אים ניט אומגעבעטן, אָבער נאָך ווייזנדיק אים דעם בריוו פון יוסטיץ מיניסטעריום האָט ער אויך א דערשטוינטער זיך אוועקגעזעצט אויף דער סאָפע און זיך פארטראכט. אויך פאר אים איז דאָס גאר ניט געווען איינגענעם,ווייל ער האָט גראד פאר ווארצלאוון געהאָט וויכטיקע און אינטערעסאנטע ארבעטן, ער האָט אָבער גאָר ניט געקענט טאן קעגן באשלוס פון מיניסטעריום האָט ער גענומען ווארצלאוון טרייסטן, אז דאָרט איז מסתמא א וויכטיקע ארבעט און אין גאנצן אויף דריי חדשים אויך אין דער צייט וועט מען שטיין אין קאָנטאקט און ער האָט ווארצלאוון געוואונטשן ער זאָל מצליח זיין.

אהיימגעקומען איז ווארצלאוו אין א שלעכטער שטימונג, די הענט האָבן ניט געלייגט זיך צו דער ארבעט, וואָס ער דארף פארן אָפּפאָרן אויסענדיקן, און פון גרויס מידקייט איז ער פעסט אנטשלאָפן געוואָרן. דער שיינער פרימאָרגן און דער

פייגל־געזאנג האָט אים אויפגעמונטערט און ער האָט גענומען זיך צו דער ארבעט, וואָס ער האָט באדארפט אפצוגעבן דעם דירעקטאָר. אויף דער גאס, אונטער זיין פענצטער, האָבן קינדער זיך פריילעך געשפילט, פלעכטענדיק זייערע הענטלעך אין א ראד. האָט ער אין אלעמען פארגעסן און זיינע אלע געדאַנקען זענען אוועק צו יענע, שוין פארלוירענע, קינדישע יאָרן אין ווארשע, די שטאָט פון זיין קינדישע און יוגנט־יאָרן. א ווי גוט איז געווען ווען מען האָט פון חדר געיאגט זיך אהיים און אין די יידישע הייף, צוזאמען מיט די מושהלעך, יענקעלעך און שלומהלעך, געשפילט זיך אין די פארשידנסטע שפילן. ווי קען מען פארגעסן אונדזערע טייערע יידישע היימען, די יידישע גאסן, די שפאַצירן אין דעם זאַקסישן אָדער דעם ריין־יידישן קראשינסקיס גארטן? ער איז דאָך אויסגעוואָקסן אין די יידישע הייף דא צוזאמען, אין גרויס פריינדשאפט געשפילט זיך אין "קליפע", אין "פאלאַנט" אָדער אין "באהעלטענישן". די מאמעס פלעגן זיך צוקוקן פון די פענצטער און היטן זיי זאַלן חלילה זיך קיין קלאפ ניט געבן. ווי אָפט זיי פלעגן רופן: "מאָטעלע! שלומהלע! ס'איז שוין גענוג געשפילט זיך קום ארויף מאכן די לעקציעס", האָבן די מאמעס געבעטן. "זע, מאטעלע ווי דו ביסט פארשוויצט! קענסט זיך חלילה פארקילן, קום געשווינד, קום זינדעלע עסן!" די מאמישע געטריישאפט האָט זיי אומעטום באגלייט. א, די טייערע מאמעס, ווער האָט אייך אזוי גרויזאם אומגעברענגט? ניטא מער די טייערע יידישע היימען, די יידישע הייף און יידישע גאסן. ניטא מער די פריילעכע יידישע קינדער, ניטא די יידישע יוגנט וואָס האָט געטראָגן זיך אָבער די יידישע גאַסן מיט זייער גרויסן חלום פון פרייהייט

און גערעכטיקייט. די װאַרשעװער גערטנער װאָלט געקענט
א סך דערציילן, באַזונדער דער קראַשינסקי־גאַרטן, װי די
מאַמעס האָבן פאַרברענגט לאַנגע שעהן מיט זייערע קינדער.
און יידישע יוגנטלעכע האָבן דאָ געפירט ליידנשאַפטלעכע
פּאַרטייאישע און אַפילו פילאָזאָפישע דיסקוסיעס, געאַמפּערט
זיך צי עס איז דאָ אָדער ניטאָ קיין גאָט. װי איז ער
דער גאָט װאָס האָט געלאָזט אויסמאָרדן זיין אומשולדיק
פאָלק און אַנדערטהאַלבן מיליאָן יידישע קינדער? ניטאָ
מער זייערע טאַטעס און מאַמעס, ניטאָ מער קיין זכר פון
די היימישע געגנטשע, סטאַװקע, װאָלינסקע, מילע, מוראַנאָװ
און אַלע אַנדערע יידישע גאַסן. אַ בלוטיקער הוראַגאַן האָט זיי
אָפּגעװישט פון דער װעלט. אָפּגעװאַשן נאָר פאַר די פּאַלאַקן,
אָבער פאַר די לעבנגעבליבענע יידן װעלן אַט די גאַסן, די
יידישע קינדער און דאָס יידישע לעבן קיינמאָל ניט אַרויס
פון זייער זכרון. אויף אייביק װעט פאַר זיי בלייבן דער
רוף פון די יידישע מאַמעס, דער געװיין פון די יידישע קינדער
און אויף אייביק װעט בלייבן די שאַנדע פון די גרויזאַמע
מערדער, די געשיכטע װעט זייער פאַרברעכן און זייער
שאַנד קיינמאָל ניט אָפּװאַשן. אויך ער װאַצלאַװ, געבליבן אָן
זיין פאָלק, אין אַ פרעמדער װעלט מיט אַ פרעמדן נאָמען
צו װעלכע ער מוז זיך צופּאַסן, װייל עס װילט זיך דאָך װייטער
לעבן, אָבער װי לאַנג ער װעט לעבן װעט ער ניט פאַרגעסן
זיין יידישע װעלט אין װעלכע ער איז געבוירן, דערצויגן
און אַזוי ליב געהאַט. װי ער האָט זיך אויסגעלערנט צו
חלומען און שטרעבן צו אַ בעסער און אַנדער לעבן. יאָ, ער
װעט קיינמאָל ניט פאַרגעסן זיין אייגענע קינדהייט אַפילו
ניט זיין בייזן, אָפּט הונגעריקן רבין מיט זיין קאַנטשיק.

אוודאי וועט ער ניט פארגעסן די יידישע וועלטלעכע שולע, ווי עס האָבן ניט עקזיסטירט קיין קיינטשיק און די קינדער האָבן געלערנט מיט גרויס חשיק און פארגעניגן. אפילו פון די רעליגעזע תלמוד־תורהס זענען ארויסגעקומען גוטע און געלערנטע מענטשן. ווער קען פארגעסן, ווי געפייניקט אין די ענגע וואַרקשטאַטן האָט זיך דער יידישער ארבעטער, וועמען מען האָט ניט צוגעלאָזט אין קיין מלוכישע, ניט אין פריוואטע פאבריקן און זיי האָבן געפירט א ביטערן קאמף פאר א מענטשלעכן לוין און פאר מענטשלעכע רעכט און פרייהייט? ווער קען פארגעסן די יידישע באזאר־הענדלערס מיט זייער גראשיקע סחורות און גראשיקע פרנסות? ווער קען פארגעסן די יידישע טרעגערס און פורמאנעס מיט זייער באזונדער שפראך און שטארקע הענט? ווער קען פארגעסן די יידישע בעטלערס: בלינדע און שטומע קאליקעס, וואָס האָבן פארפלייצט די יידישע גאסן מיט זייער געבעט און מיט זייערע לידער. ווי גאַסן־טרובאַדורן האָבן זיי אויסגעזונגען געבירטיקס לידער, וואָס זענען געוואָרן דאָס געזאנג פונעם פאָלק. די הויפט־פלאץ פון די בעטלערס איז געווען די גענשע, דורך וועלכע מען האָט דורכגעפירט יעדן ייד, ארעם צו רייך, אויף זיין לעצטן וועג צום יידישן בית הקברות. דער שווארצער וואָגן מיט שווארץ באדעקטע פערד האָבן געפירט יעדן וואָס האָט באפרייט זיך פון אלע זיינע זאָרגן און צרות און אוועק צו זיין אייביקן רו.

אט שטייט פאר זיינע אויגן דער געטאָ, ווי מענטשן זענען געפאלן אויף די גאסן פון הונגער און עפידעמיעס. מען האָט זיי, ווי געשאָכטענע עופות געוואָרפן אויף וועגענער און געפירט זיי צום בית עולם, ווי מען האָט זיי, אָן תכריכים,

געוואָרפן אין די קברים. די געבליבענע על פּי נסביים לעבן טאָרן דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. און ווער וועט באַזינגען די העלדישע יידישע געטאָ־קינדער וועלכע האָבן געראַנגלט זיך מיט גרעסטן מענטשלעכן שונא, כדי אַריינצושמוגלען אַ ביסל קאַרטאָפל פון דער אַריאישער זייט, צו ראַטעווען זייערע עלטערן, און ברידער און שוועסטער פון הונגער־טויט? דאָס איז געווען די גרעסטע העלדישקייט וואָס האָט ווען אין דער געשיכטע געשען.

די דרינגענדיקע אַרבעט וואָס האָט געוואָרט אויף אים, פאַר זיין אָפּפאָרן, האָט אים אַרויסגעריסן פון די גרויליקע זכרונות, דאָס לעבן האָט אים גערופן אויסצופירן זיינע פליכטן. דער קאַיאַר מיט איר פרימאָרגן־ליכט, די ריינע, פרישע לופט וואָס האָט זיך אַריינגעריסן פון דרויסן האָט אים געמוטיקט צו גרייטן זיך צו נייע איבערלעבונגען. אָפּגעגעבן זיינע אַרבעטן אין דער סטאַנציע ביוראָ, צומאַרגנס אָפּגעגעסן זיין פרישטיק, איינגעפּאַקט די זאַכן, האָט ער צום לעצטן מאָל אַ קוק. געטאָן דורכן פענצטער. עס איז געווען אַ גאָלדענער האַרבסט־וועטער, די פייגעלעך האָבן געזונגען, די טייבעלעך געוואַרטשעט. נאָר די ליידיקע בענק ביים טייכל האָבן מיט בענקשאַפט געוואָרט אויף די פאַרליבטע פּאָרלעך, וואָס פלעגן דאָ זיצן אין די אָוונטן, אויך די שיפלעך האָבן געוואָרט אויף דעם אָנקומען פונעם פרילינג. דעם לעצטן בליק געוואָרפן אויף זיין צימער, צו וועלכע ער האָט זיך אַזוי צוגעוווינט, איז ער מיטן אויטאָבוס אַוועק קיין בזשעזשין.

דער אויטאָבוס האָט געשטעלט זיך נעבן אַ קליין הייזל, וואָס האָט באַדאַרף זיין דער וואָקזאַל און סטאַנציע און דאָ

האָט ער לאַנג געוואַרט ביז עס איז אָנגעקומען אַ צווייטער אויטאָבוס, וואָס האָט אָוועקגעפֿירט צו דער שטאָט.

קיין גרויסן באַגאַזש האָט ער מיט זיך ניט געהאַט, האָט ער, אַראָפּגייענדיק פֿון אויטאָבוס, צושפּאַצירט צום דאָרטיקן מאַגיסטראַט, וואָס איז געשטאַנען קעגנאיבער דעם ווײַסן הויז פֿונעם געריכטזאַל. צוגעקומען צו דער געביידע פֿון מאַגיסטראַט האָט ער אַ נײַגעריקער געעפֿנט די טיר און מען האָט אים דאָרט באַגעגנט מיט אַ פֿרײַנטלעכן ברוך־הבא. זיי האָבן זעט אויס געוווּסט וועגן זײַן קומען, ווײַל זײַן דירעקטאָר פֿון לאָדזש האָט וועגן דעם זיי צו וויסן געגעבן. האָבן זיי אים אויפֿגענומען, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן. דער אויפֿזעער האָט זיך פֿאַר אים פֿאָרגעשטעלט, זײַן נאָמען זביגניעוו בזשעזשינסקי, אַ הויכער 50 יעריקער בלאָנדער מאַן, זייער ריין געקליידט. נאָך אַ האַלב־שעהדיקן שמועס האָט ער אים פֿאַרבעטן צו זיך אין דער וווינונג. אויפֿן וועג איבער דער שטאָט האָט געגאָסן אַ דראַבנער רעגן, אויף די גאַסן האָט מען געזען ווי דאָס שטעטל בויט זיך, אויף די מלחמה־חורבות שטייען אויף נײַע הײַזער און פֿאַרווישן די מלחמה־ווונדן. זײַן נײַער באַלעבאָס זביגניעוו בזשעזשינסקי פֿירט אים צו אַ נײַע 3 שטאָקיגע געביידע ווי ער וווינט, זעט אויס ניט־לאַנג צוריק פֿאַרענדיקט געוואָרן. זײַן וווינונג, אַ פֿירצימערדיקע מיט באַלקאָנען און אַ קיך, אַלץ שיין אײַנגעאָרדנט. אין זײַן וווינונג שטעלט זיך פֿאַר אים פֿאַר זײַן פֿרוי, זי הייסט האַלינאַ, וואָס דערמאָנט מיט איר אויסזען אַ ייִדישע טאָכטער פֿון די וואַרשעווער גאַסן. אירע דרײַ ייִנגעלעך שטעלן זיך אויס ווי אויף אַ פּאַראַד אים צו באַגריסן, שטרעקן אויס זייערע הענטלעך און יעדער רופֿט אויס זײַן נאָמען. פֿון דער ערשטער מינוט איז ער געוואָרן

אין גאנצן היימיש מיט דער פאמיליע בזשעזשינסקי. נאכן אוונט ברויט האָט ער שוין דערוויסט זיך א סך נייעסן וועגן דעם שטעטל און וועגן זיין ארבעט וואָס ער דארף דא מאכן. גרייטנדיק אפצודאנקען פאר דעם אוונט־ברויט און גרייט מען זאַל אים אוועקפירן אין א האָטעל, ווי ער וועט די צייט וווינען. אָבער דא איז אים געמאַכט געוואָרן א סופריז, דאָס פארל בשעזשינסקי האָבן אים ארייגעפירט אין א ליכטיק גוט איינגעארדנטן צימער און געזאָגט צו אים: "דערלויבט פאניע וואלאצלאוויע מיר זאַלן אייך אזוי רופן. מיר ווילן איר זאָלט זיך ביי אונדז פילן היימיש. דער צימער איז צו אייער דיספאָזיציע און צוגעגרייט געוואָרן פאר אייך אויף אזוי לאנג ווי איר וועט דא זיין און ארבעטן אין דעם שטעטל." די פריינטלעכע ווערטער האָבן אים שטארק גערירט און ניט וויסנדיק, ווי אזוי אפצודאנקען האָט ער אים א פריינטלעכן א דריק געטאן זיין האַנט און דער פרוי א קוש געטאן אין האנט. ער האָט אויך באַקומען פון זיי דעם שליסל פון דעם פראָנט־ארייננגאנג. אין דער גאַנצער צייט האָבן זייערע קינדער זיך נייגעריק איינגעהערט צו אלץ וואָס עס איז פאָרגעקומען. דאָס זענען געווען דריי שיינע יינגעלעך, דער יונגסטער פון 9 און דער עלטסטער פון 15 יאָר. אין א גאָר קורצער צייט האָט ער צו דער פאמיליע זיך צוגעוווינט ווי צו אייגענע און באַזונדער האָט ער געפילט א נאָענטקייט צו זייערע קינדער.

זיין ארבעט איז באשטאנען פון אויסגעפונען די פערזאָנען פון דעם שטעטל, וואָס האָבן מיטגעארבעט מיט דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע־מאַכט און זיך א דאַנק דעם באַרייכערט. ער האָט באַדארף זיך באַשעפטיקן מיט די אלע

פאַרדעכטיקע מענטשן, וואָס זענען גרייט געווען צו פאַרקויפן זייער אייגן פאָלק און געדינט דעם טייוול, פאַר אים איז די אַרבעט געווען אַ זייער אינטערעסאַנטע, אין צוגעפּאַסטע, ווייל דאָס האָט אים אויך שטאַרק אינטערעסירט.

אין די ערשטע טעג האָט די אַרבעט אַזוי אים פאַרכאַפּט אַז ער האָט געהאַלטן פאַר נויטיק אויך אַהיים צו נעמען געוויסע אַקטן, פון אַזעלכע פאַרדעכטיקע פאַרברעכערישע פּערזאָנען, און זיי נאָך בעסער דורכצושטודירן אין דער היים. דאָס האָט אים געגעבן די געלעגנהייט זיך מער צו דערנענטערן מיט די קינדער פון דער פאַמיליע, וועלכע האָבן אויך געזוכט אַ דערנענטערונג, זיי האָבן מיט אים זיך באַראַטן וועגן זייערע קינדישע פּראָבלעמען, וועגן די שול־לעקציעס, וועגן די פילמען, וואָס זיי האָבן געזען, אַזוי אַרום זענען זיי מיט דער צייט געוואָרן גוטע פריינד. די עלטערן זענען געווען זייער צופרידן דערמיט און פאַר אים איז געווען אַ גרויסע סאַטיספּאַקציע און אַ מעגלעכקייט זיי אָפּצודאַנקען פאַר זייער גרויסער גאַסטפרינטלעכקייט.

נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַקענט מיט די וויכטיקסטע געריכט־פּראָבלעמען און דורכגעפירט זיין וויכטיקסטע אַרבעט, האָט ער נאָך דריי וואָכן באַקומען מער פרייע צייט, האָט ער זיך גענומען צו שפּאַצירן איבער דעם שטעטל. דאָס שטעטל בזשעזשין, וואָס איז אַמאָל געווען אַמערסטן באַוווינט דורך יידן, איז דורך די היטלער־מערדער געוואָרן יידן־ריין. אין דעם שטעטל, עטלעכע קילאָמעטער פון לאָדזש, האָבן יידן דאָן געלעבט אין גרויסער אָרעמקייט אָבער רייך געווען מיט אַ קינדער. די יידן באַשעפטיקט אַלס שניידער, שוסטער, הויזן־נייערס, קאַמאַשן־מאַכערס,

וואָס האָבן אמערסטן ארויסגענומען ארבעט פון פאַבריק־אייגנטימער. געוווינט האָבן זיי, זעקס אָדער אכט נפשות אין איין צימער. דער מאן האָט געארבעט ביי דער מאשין, דאָס ווייב האָט צוגעהאָלפן ביי אלע ארבעטן, געפרעסט און דערצו געקאכט, געוואשן וועש און אייביק געווען פארהאָרוועט. די קינדערלעך האָבן געוואלגערט זיך אויפן בעט, אָדער אויף דער גאס. געווען אויך אין שטעטל הענדלערס מיט גראשיקע פרנסות, פול מיט דאגות, קאָפדרייעניש און נויט. דאָס ערגסטע ווען אזא קבצנישע פאמיליע האָט באדארף חתונה מאכן א טאָכטער האָט אָט די שמחה זיך פארוואנדלט אין א גרויסן זאָרג. און דאָך האָבן יידן אין דעם שטעטל, ווי אין אנדערע שטעטלעך, געלעבט ווי איין משפחה, איינער האָט דעם צווייטן געהאָלפן, ניט געווען ביי יידן קיין פארברעכנס, קיין מאָרד אויך זעלטן געשלעגן. דער עלטערער דור האָט זיך אויסגעלעבט אין שיל און בית מדריש דער יונגער דור אין ביבליאָטעק. די טאַטעס האָבן געוואַרט אויף משיחן, די זין און טעכטער אויף דער סאָציאלער רעוואָלוציע. אָדער געחלומט וועגן א יידישער היים אין פאלעסטינע. די היטלער־מערדער האָבן די יידן פון דעם שטעטל אומגעבראכט און פאָלאַקן, פון פארשידענע ערטער, האָבן באזעצט זייערע ניט צעשעדיקטע הייזער און בארויבט זייער ארעם ביסל פארמעגן. אין די צעשעדיקט הייזער, אונטער די חורבות האָבן זיי געזוכט יידישע אוצרות. די שיל און דער בית מדריש איז פארברענט געוואָרן. געבליבן איז די שיינע ווייסע געביידע פון דער קאטוילישע קירכע, ווי דער אויסגעפאַשעטער גלח האָט געזאָרגט פאר זיינע פרומע קריסטן פונעם שטעטל, זיי זאָלן נאָכן טויט גלייך אריין אין גן עדן, און דערווייל ביים לעבן

געניסן פון דעם אָנגערויבעטן פאַרמעגן פון די דערמאָרדעטע יידן פון שטעטל.

אַזוי ווי וואַצלאַווס אַרבעט איז געווען זיך צו באַשעפטיקן מיט די פּראַקטישע פּראָבלעמען, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע־מאַכט איז זיין אויפגאַבע געווען אויך צו קומען אין צו די גערעכט־פאַרהאַנדלונגען פון אַזעלכע פאַרשוינען און זיך צוהערן צו די פאַרהאַנדלונגען, זיך פאַנאַטירט די פראַגן פון די ריכטער און די ענטפערן פון די באַשולדיקטע, וואָס האָט אויך באַדאַרף דינען פאַר א מאַטעריאַל פאַר זיינע פאָרשונגען און מאַטעריאַלן פאַר די אַרכיוון, איז אים דערפאַר אויסגעקומען ניט ווייניק צייט צו פאַרברענגען אין דעם געריכט־זאַל.

אין איינעם אַן ענדע אָקטאָבער טאָג, אין דרויסן האָט שטאַרק גערעגנט, איז ער, א פאַראינטערעסירטער אין זיינע דאָקומענטן, א גאַנצן אָוונט ניט אַרויס פון שטוב. צומאָרגנס איז ער אַוועק אין געריכט־זאַל און זיך געוווּנדערט וואָס אַזוי פיל מענטשן זענען געקומען זיך צוהערן צו די פאַרהאַנדלונגען. האָט ער קוים געפונען אַן אָרט אויף דער דריטער רייע פון דער רעכטער זייט פון זאַל און באַמערקט, אַז צווישן די אָנוועזנדע יונגע מענטשן און פרויען מיט דאָרפישע טיכלעך אויף די קעפּ איז געזעסן אַן עלטערע פרוי. זייער שיין געקליידעט, מיט א שוואַרצן הוט אויפן קאָפּ. דערווייל קומען אַן די דריי ריכטער, די אָנוועזנדע שטייען אויף און זעצן זיך צוריק, עס הייבן זיך אָן די פאַרהאַנדלונגען. ווען דער פאָרזיצער־ריכטער לייענט דעם באַשולדיקונג־אַקט, באַמערקט וואַצלאַוו אַז די עלטערע, שיין געקליידעטע פרוי, מאַכט עפּעס פאַרצייכענונגען אין א נאָטיץ־ביכל, האָט אים דאָס שטאַרק

פאראינטערעסירט — פארוואָס און פאר וועמען טוט זי דאָס? די פרוי אליין האָט אויך געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק, געהאַט אַן אינטערעסאַנטן פּנים, איז ווי אַזוי באַקענט מען זיך מיט איר? און אַט ביים איבערייס, ווען אַלע האָבן פארלאָזט דעם זאַל, ווער צו פאררויכערן און ווער סתם אויסצוגלייכן די ביינער נאָכן לאַנגן זיצן, און וואצלאוו האַלטנדיק דאָס אנגעצונדענע שוועבעלע וועלנדיק פאררויכערן באַמערקט, ווי אָט די דאָזיקע אינטערעסאַנטע עלטערע פרוי זוכט ביי וועמען אַ שוועבעלע אויך צו פאררויכערן, האָט ער גיך צוגעטראָגן איר דאָס שוועבעלע און זי האָט אים געדאַנקט. דאָס האָט אים געגעבן אַ גוטע געלעגנהייט זיך פאר איר פארצושטעלן אַלס וואצלאוו שאדקאָווסקי, זי האָט אים געגעבן נאָכאַמאָל זאָגן זיין נאָמען און געזאָגט צו אים — "איר זענט ווארשיינדלעך ניט לאַנג אין דעם שטעטל?", יאָ! ענטפערט ער "איך בין דאָ ניט לאַנג, געקומען פון לאָדזש אויף געציילטע מאָנאַטן!" אָבער זי האָט אים ווייטער מיט אינטערעס אויסגעפרעגט וועגן און ער האָט גערן געענטפער אויף אירע פראַגן. אַזוי האָבן זיי נאָך דעם באַקענען זיך צוריקגעקערט אין זאַל, ווי עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ווייטערדיקע פארהאַנדלונגען. זיצנדיק אויף דער באַנק האָט וואצלאוו מיט גרויס נייגעריקייט זיך צוגעקוקט צו דער, מיט וועלכע ער האָט נאָר וואָס זיך באַקענט. ער האָט ניט געקענט זיך דערקלערן פארוואָס זי אינטערעסירט אים? צי דאָס איז איר אינטעליגענט פּנים, צי דער רעספּעקט וואָס איר פערזאָן דערוועקט? דערמאָנט זי אים אין עפּעס וואָס ער קען זיך ניט דערקלערן.

אין עטליכע טעג אַרום, נאָך אַ ניט וויכטיקע געריכט־

פאַרהאַנדלונג, האָט ער זי ווידער געטראָפן אין געריכט־זאַל און ביים ארויסגאנג האָט ער זי באגריסט ווי א גוט באקאַנטע, געגעבן איר א קוש אין האַנט און געוואַגט זי צו פאַרבעטן אין דעם קאפע־הויז. זי האָט ניט אָפּגעזאָגט און ער האָט באשטעלט צוויי קאַוועס. ביים טרינקען האָט וואָצלאוו געפילט אז אט די עלטערע פרוי דערמאָנט עפּעס פון זיינע קינדער־יאָרן, און שטארק געוואָלט וואָס מער וועגן איר וויסן, מער פרעגן, וואָס ער האָט אָבער ניט געוואָגט. אָבער גראד זי האָט געשטעלט אים פראגן, ווי זי וואָלט וואָס מער וויסן פון זיין לעבן און מיט עפּעס א טיף מוטערלעכן שמייכל אים א זאָג־געטאָן — "איר אליין זענט דאָך אוודאי גאָר ניט קיין לאָדזשער געבוירענער?"...

וואַצלאַוו נעמט עפּעס דערציילן וועגן זיך און באמערקט אז זי זיצט ווי פארטראכט, אָדער ווי זי וואָלט געחלומט, אָדער זי וואָלט וועלן זיך עפּעס דערמאנען. ער באמערקט אז איר פּנים נעמט זיך רויטלען און זי פילט זיך עפּעס אומרואיק. דאן לייגט ער איר פאר ארויסצוגיין אויף א שפּאַציר און זי נעמט גערן אָן זיין פארשלאג. און זיי שפּאצירן אין דער ריכטונג צו איר הויז. עס איז גראד געווען א ניט שיינער האַרבסט־טאָג. די זון האָט קוים זיך באוויזן און קוים א שיין געטאן און, פארשווינדן. זיי זענען צוגעקומען צו איר הויז. זי האָט א דריק געטאָן זיין האנט, עפּעס א ביסל צו שטארק, ווי זי וויל מיט אים עפּעס רעדן נאָר זי לייגט דאָס אָפּ אויף א צווייטמאָל און זיך געזעגנט צום ווידערזען, מאָרגן אין דעם געריכט־זאָל.

דער פרימארגן האָט דאָסמאָל געצויגן זיך לענגער ווי שטענדיק. ער אלץ אָפּגעטאן, וואָס איז געווען פאר אים נויטיק

און ווען דער זייגער האָט געוויזן 10 האָט ער אוועקגעשפּאַנט צו דער געריכט געביידע. אָבער שוין פון דער ווייטנס האָט ער באַמערקט די פרוי יאַנינאַ, נעבן דער געביידע רויכענדיק, און ער האָט באַגריסט מיט א גוט־מאָרגן די נייע פריינדין און מיט א פריינטלעכן שמייכל. אויך א שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף אירע ליפּן. אָבער דאָסמאָל איז געשען וואָס די געריכטספּאַרהאַנדלונגען זענען ניט פּאָרגעקומען, ווייל דער הויפּט־ריכטער איז ניט געזונט געווען, האָט די פרוי העלענאַ, וואַצלאַוון פאַרגעלייגט, אויב ער האָט ניט קיין אַנדערן פּלאַן און אויב ער איז פריי, וויל זי אים ווייזן דאָס שטעטל. שפּאַצירן זיי איבער דעם שטעטל און זי רעכנט אים אויס די פריערדיקע נעמען פון די גאַסן און געסלעך, זי ווייזט אים די טייל שטאָט ווי עס האָבן פריער געוווינט די אומגעבראַכטע יידן. זיי האָבן שפּאַצירט א לענגערע צייט ביז זיי זענען צוגעקומען צום שטעטלשן פּאַרק. די לופט איז דאַ געווען א קלאָרע אוןביידע האָבן געזעצט זיך אויף איינע פון די בענק און דאַ האָט זי אים געזאָגט: "פּאַניע וואַצלאַוויע, היינט זענט איר פאַרבעטן צו מיר אויף אן איבערבייס!" און אירע ווייס־דעליקאַטע פינגער האָט זי צוגעשטעלט צו זיינע ליפּן, וואָס האָט באַדייט אז ער זאָל שווייגנדיק אַנעמעמען איר פאַרבעטונג. ער האָט פאַרשטענדלעך גאַר ניט געטראַכט איר אָפּצוזאָגן, פאַרקערט דאָס איז פאַר אים געווען גראָד זייער איינגענעם, האָט ער איר א קוש געטאָן אין האַנט פאַר איינשטימיקייט און דאַנק און זיי זענען אַרויס פון פּאַרק און אוועק אין דער ריכטונג פון איר הויז.

גייענדיק מיט איר אויף דער גאַס האָט ער באַמערקט אז די דורכגייענדיקע פרויען און די מענער באַגריסן זי מיט רעספּעקט,

ציען אראפ די היטלען אָדער קאָפּעלושן, ווי פּאר א זער חושבע איינוווינערין פון דעם שטעטל. דאָס הויז פון דער פרוי יאנינא קאנארסקא האָט געמאכט דעם איינדרוק פון א קליינעם פּאלאץ. דער טויער איז געווען פון שווארץ־גאָלד קאליר, די פענצטער, ווי אין א מוזעאום מיט קאלירט געשליפן גלאז. דער צוגאנג איז געווען פון גראז, ווי מען וואָלט געטרעטן אויף א ווייכן טעפּיך און פון ביידע זייטן פארזעצט מיט רויזן, און פארשידענע בלומען. די טיר א ברוין־דעמבענע מיט אויסגראווירטע קאנטורן. די טיר האָט געפנט א מיטליעריקע פרוי אין, מיט א העפלעכער באגריסונג ארייגעפירט אין דעם אויפנאם־האָל, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט מיט א העלן טעפּיך, די ווענט מיט בילדער פון פארשידענע גוטע מאלערס. דער גרויסן אויפנאם־צימער איז געווען מיט שפּיגלען און מיט גרויסע בילדער, איבער די שפּיגלען איז געהאנגען צוויי גרויסע קרישטאלענע קאַנדילאַבערס. דאָס אלץ האָט וואצלאווון אזוי פארוווּנדערט אז ער האָט זיך געשטעלט די פראגע — ווער איז דאָס איינגענטלעך די דאָזיקע עלטערע פרוי? וואָס פאר א סודותדיקייט שטעלט זי מיט זיך פאר? מען האָט אים ווייטער ארייגעפירט אין דער דאזיקער רייכער וווינונג. דורך די פענצטער פון די שטובן האָט ער געזען א פיינעם גארטן, ווי געפלעגט פון א גוטן גערטנער. די פרוי העלענא איז צוגעגאנגען צום פענצטער אפּגעריסן צוויי שיינע רויזן און ארייגעשטעקט איינע אין זיין לאץ און די צווייטע אין איר ווייסע בלויזע. זיי זענען ווייטער אריין אין דעם שלאָף־צימער, איינגעארדנט מיט גרויס געשמאק. מען זאָגט, טראַכט וואצלאוו, אז ווער עס האָט געלט ווייסט ווי שיין איינצואָרדענען זיין וווינונג נאָך דער

אמת. איז אז א גרויסע ראלע שפילט אויך דער געשמאק. וואצלאוו האָט געשפּאַנט איבער די צימערן און ווייטער געטראַכט, וואָס אייגנטלעך האָט אים אזוי אינטערעסירט מיט איר זיך צו באקענען, וואָס דערוואַרט ער פון דער דאזיקער באקאַנטשאַפט? אָבער די פרוי לאָזט אים ניט צופיל טראכטן און פירט אים ווייטער אריין אין א ניט־גרויסן זייטיקן צימער, וואָס איז געווען באהאנגען מיט קלענערע און גרעסערע בילדער, וואָס האָבן פארגעשטעלט פארשידענע טעאטער־סצענעס און די שוישפּילערין איז ניט געווען קיין אנדערע ווי די דאזיקע פרוי, די נייע וואצלאווס פריינדין יאנינא קאנארסקא. אָבער ווען וואצלאוו האָט גענומען זיך איינגעקוקט אין די בילדער האָט זי אים אוועקגעפירט פון דעם צימער און געזאָגט: "איר וועט נאָך האָבן א געלעגנהייט דערמיט זיך צו באַקומען, מיר וועלן נאָך אין דעם צימער אפּטער זיך באגעגענען, ווייל זי איז מיינס א לעבעדיקע מצווה. איצט איז דער טיש אין עס־צימער גרייט לאמיר דאָרט עפּעס איבערכאפּן. איך האָף אז מיר וועלן נאָך האָבן צייט אויף צו שמועסן איבער עטלעכע פּראָבלעמען וואָס דארפן אונדז ביידן אינטערעסירן".

דער טיש איז געווען אנגעגרייט פון שענסטן און בעסטן, מיט ווין און קאָניאק "דאָס אלץ, האָט דערקלערט די פרוי האלינא, האָט צוגעגרייט די דאזיקע פרוי מאַרגאָשאַ, וואָס איר האָט זי באגעגנט ביי מיר, זי קומט צו מיר אלע טאָג, זי איז די פּאַקטישע בעלעבאָסטע אין דעם הויז, זי פירט דא די גאנצע בעליבאטישקייט און פון צייט צו צייט באגלייט זי מיך אויך אין שטעטל און אפילו אין קינאָ אָדער טעאַטער". זיצנדיק ביים טיש באַמערקט ער אז די פרוי יאַנינאָ זעט

אויסביים טיש פיל יונגער און נאָך גאַנץ שיין, כאָטש די האָר זענען שוין האַלב גרוי קוקט פון איר אַרויס צוויי שוואַרצע אויגן. וואָרף ער איר אַ קאָמפּלימענט און זי שענקט אים אַ צופרידענעם שמייכל. אָבער אויך וואַצלאַוו איז צופרידן, עס דערמאַנט אים די אַלטע היים, ווי מען איז צופרידענע געזעסן ביי די משפחה־טישן. נאָכדעם זענען זיי געזעסן אויף דער ברייטער טעראַסע און געטרונקען קאַווע מיט קוכן. יאַנינאַ האָט אים אויסגעפרעגט, ווי ער פילט זיך ביי דער פאַמיליע בזשעזשינסקי און אים געזאָגט: "איך האָב געוווּסט אַז די דאָזיקע פאַמיליע זענען פיינע און אָרנטלעכע מענטשן, זייערע קינדער קומען צו מיינע נאָענטע פריינד און דערציילן וועגן אייך גוטע זאַכן". וואַצלאַוו דאַנקט איר פאַרן קאָמפּלימענט און ביידע שמועסן ביז דער זייגער ווייזט אַז עס איז שפּעט, דאַנקט ער האַרציק פאַר דער אויפנאַמע און ביים געזעגענען זאָגט זי אים אַז מאָרגן וועט אין געריכט־זאַל פאָרקומען אַ גאָר וויכטיקע פאַרהאַנדלונג און זי האָפט אים דאָרט צו טרעפן. מיטן געפיל אַז ער האָט דערוואָרבערט אין דעם שטעטל אַ נייעם פריינד איז ער מיט אַ גוטער שטימונג אַוועק צו זיך אין זיין צייטווייליקער היים. אַהיימקומענדיק אַ מידער, איז אין דער וווינונג געווען שוין די ליכט פאַרלאָשן, די משפחה איז שוין געשלאָפן אָבער אים איז ניט לייכט געווען איינצושלאָפן, ער האָט אַלץ געטראַכט וועגן דער מיסטעריעזער פרוי יאַנינאַ ווער איז זי און, וואָס טוט זי אין דאָזיקן קליינעם שטעטל? ער האָט דערמאָנט זיך די בילדער, און אירס אַ צימער, פון טעאַטער־סצענעס. און געטראַכט אַז די פרוי האָט אַמאָל מסתמא געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין טעאַטער, געווען אפשר אַ באַרימטע פרימאַדאָנע, און אָט האָט דער גורל אים מיט איר צענויפגעפירט.

רעבעקא

צומאָרגנס איז ער פרי געקומען אין געריכט־זאָל, ער האָט שוין דאָרט געטראָפן דער פרוי יאנינא זיי באגריסן זיך פריינטלעך און ער האָט זיך געזעצט נעבן איר. די ריכטער קומען אריין, אלע שטעלן זיך אויף. אויף דער באשולדיקונג־באנק זיצט א פופציק יעריקער, שיין געקליידט, זעט אויס א רייכער פויער, און ביי זיין זייט צוויי פארטיידיקער. פון דער צווייטער זייט זיצט א פרוי און ביי איר רעכטער האנט א מיידל פון א יאָר דרייצן. מיין פריינדין רוימט מיר איין אז דאָס וועט זיין א גאר וויכטיקער פראצעס.

דער געריכט־פאָרזיצער לייענט דעם באשולדיקונג־אקט: דער באשולדיקטער יאן מאַטושעווסקי, 56 יאָר אַלט און אייגנטימער פון עטלעכע מאָרג ערד האָט געקענט זייער גוט די יידן פון שטעטל, וועלכע זענען געווען 80 פראָצענט פון דער באפעלקערונג, ווערט באשולדיקט, אז אין דער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע, ווען די היטלער מאכט האָט אנגעהויבן רודפן און מאָרדן די יידן, האָבן טייל פון זיי געזוכט זיך אויסצובאהאלטן ביי באקאַנטע פויערים אין די ארומיקע דערפער, וועמען זיי האָבן פון פריער געקענט, אָדער מיט זיי געהאנדלט. זיי האָבן צו די פויערים געברענגט דאָס לעצטע וואָס זיי האָבן פארמאָגט און געבעטן מען זאָל זיי

אויסבאהאלטן. די גרעסטע טייל פויערים האָבן טייל פאר מורא דאָס ניט געטאָן. די פויערים זענען לאנגע יאָרן געהעצט געוואָרן דורך די פוילישע פאשיטיש־אנטיסעמיטישע פארטייען, אז אין זייער ארעמקייט זענען שולדיק די יידן, איז טאקע זעלטן א ייד אויסבאהאלטן געוואָרן דורך די פויערים. אָבער דער באשולדיקטער יאן מאטושעווסקי האָט דערפילט אז פון יידישן אומגליק קען ער רייך ווערן. און אז ווער פון די יידן זענען געקומען צו אים ער זאָל זיי ראַטעווען, האָט ער גערן גענומען פון זיי געלט און ווערטפולע זאַכן, אין געהיים אריינגעפירט און אן אונטערערדישן הייל, וואָס ער האָט דערצו צוגעגרייט זיי באהאַלטן, און די גאַנצע צייט געפאָדערט פון די באהאלטענע יידן זיי זאָלן אלץ וואָס זיי פארמאָגן אים אָפגעבן. און ווען זיי האָבן מער ניט געהאט וואָס צו געבן האָט ער אויסגעפרעסט ביי זיי אונטערשריפט, אז ער האָט ביי זיי אָפגעקויפט די הייזלעך זייערע און שטיקלעך באָדן, און ווען זיי האָבן אלץ אָפגעגעבן און מער גאָר ניט פארמאָגט אים צו געבן, איז ער אוועק צו דער דייטשישער מאכט און דערציילט אז צו אים האָבן זיך אריינגעריסן א ביסל יידן און געפינען זיך אין א באהעלטעניש ער האָט אנגעוויזן דאָס אָרט, ווי זיי געפינען זיך. די דייטשישע באַנדיטן זענען גלייך געקומען און די אומגליקלעכע אויפן אָרט דערשאָסן. דאָס זעלבע האָט ער געטאָן מיט פארשידענע גרופעס יידן, און יעדע פון זיי, ווען זיי האָבן מער אים ניט געהאט וואָס צו געבן, זיי איבערגעגעבן אין די הענט פון די דייטשישע רוצחים.

אין 1944 איז ביי דעם זעלבן יאַן געווען באהאלטן א פאמיליע פון א מאַן, פרוי און א קינד פון א יאָר 9, דא

רייסט דער פּאָרזיצער איבער די פאַרהאַנדלונגען און מאַכט א קורצן איבערייס. נאָכן איבערייס רופט דער געריכט־פּאָרזיצער אויס: רעבעקא אייזענבוים! עס שטעלט זיך אויף א שווארץ־חינהווּדיק מיידל און גייט צו נענטער צום געריכט־טיש. דער וואָזשני פון געריכט וויל ביי איר נעמען א שבועה אָבער דאָס געריכט באַפרייט איר דערפון מע דארף ניט קיין שבועה פון א מינדעריעריקע עדות. דער פאָרזיצער ווענדעט זיך צו דעם מיידל רעבעקא און פרעגט: "וואָס האָסטו צו דערציילן וועגן דעם וואָס עס איז געשען אין דעם בונקער ווו דו מיט דיינע עלטערן זענען געוועזן באהאלטן אין חודש מארץ 1943? זי ענטפערט:

"דער בונקער ווי מיר זענען געוועזן באהאלטן איז געוועזן באַדעקט דאָן מיט א פּראַסטיקן שניי. מיין פאָטער האָט מיט זיינע אייגענע הענט געמאַכט דעם בונקער, מיט דער האָפנונג דאַ איבערצולעבן די שרעקלעכע צייט פון דעם מאָרד איבער יידן, דער פאַן יאַן, זי ווייזט אָן אויף אים מיט די פינגער. האָט געשלעפּט פון אונדז פיל געלט, איך האָב געזען ווי מיינע עלטערן האָבן אים אויך געגעבן גאָלדענע פינגערלעך און אויערינגלעך. אלע וואָך פלעגט ער קומען אין בונקער און מיט געשרייען געפאָדערט מער געלט אָדער צירונג און געדראָט. איינמאָל האָב איך געהערט ווי מיין פאָטער זאָגט צו מיין מוטער: "אזוי ווי מיר האָבן מער ניט קיין געלט און ניט קיין צירונג האָב איך מורא, אז דער פאַן מאַטושעווסקי וועט אונדז אויסגעבן צו די דייטשן, ווי ער האָט דאָס געטאָן מיט די אנדערע יידן "איך האָב געהערט אז זיי רעדן אויך וועגן מיר, דערנאָך האָבן זיי מיר געזאָגט, אז איך זאַל ערגעץ אַנטלויפן, ווי נאָר מען וועט קומען נאָך

אונדז, "דו מוזט, האָבן זיי געזאָגט, זיך ראַטעווען, דו ביסט נאָך יונג און מוזט לעבן!"

— "אין א פּאָר טעג ארום, אין א פּראַסטיקן טאָג האָט אין בונקער זיך באוויזן דער פאן מאטושעווסקי א שיכורער און גענומען זידלען, שרייען און מאכן סקאַנדאלן. מיין פּאָטער האָט פארשטאַנען, מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן האָט ער געהייסן מיך גיך אנטלויפן און זיך ניט ווייזן אין דעם געגנט. איך האָב אלץ געהערט ווי דער פאן יאן שרייט צו מיינע עלטערן: "ארויס פון דאנען פּאַרשיווע זשידעס!" און געדראָט מיט דעם רעוואָלווער, וואָס ער האָט געהאלטן אין האנט. דערווייל בין איך ארויס און זיך באהאלטן ערגעץ נאָענט, קיינער זאָל מיך ניט זען. אָבער איך האָב אלץ געזען וואָס עס קומט פאר מיט מיינע עלטערן. דאָס ערשטע האָט ער ארויסגעוואָרפן מיין מאמען, זי איז געשטאַנען אויף די קני און זיך געבעטן, געוויינט אָבער ער האָט מיטן רעוואָלווער געגעבן איר א זעץ אין קאָפּ, זי איז אומגעפאלן און דאן האָט ער זי דערשאָסן צום טויט. איך האָב מיט טרערן אין די אויגן זיך דערמאָנט, וואָס די מאמע האָט מיר אנגעזאָגט אז איך מוז בלייבן לעבן". ווען זי זאָגט דאָס האָט מיין פריינדן געווישט פון די אויגן די טרערן. און רעבעקא דערציילט ווייטער:

— "אין דרויסן האָט געהערשט א שרעקליכער פראָסט און כ'האָב פון מיין באהעלטעניש מיט טרערן אין די אויגן געזען און גאָר ניט געקענט העלפן. מיין טאטע איז א האלב נאקעטער געשטאַנען נעבן טויטן קערפּער פון מיין מאמען און זיך געבעטן: פּאַניע מאַטושעווסקי, לאָזט מיך נאָך א ביסל לעבן, כ'וועל פרווון נאָך עפּעס פאר אייך געפונען, געלט אָדער אנדערע זאַכן און אייך אלץ אָפּגעבן, נאָר לאָזט מיך

לעבן פאר מיין איינציק טעכטערל, פאר מיין קינד, לאָזט מיך נאָר אפ! דאָס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער פון מיין טאטן, די ווערטער באגלייטן מיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג".

דערביי האָט זי זיך הויך צעוויינט, אין זאַל האָט עמעץ ספּאַזמירט און דער פּאָרזיצער פון געריכט האָט געמאַכט אן איבעררייס אויף צען מינוט. אלע אין זאַל האָבן זיך אויפגעשטעלט און געווענדעט די אויגן צו רעבעקאַן, וועלכע איז געשטאנען צוגעטולעט צו א פרוי וואָס איז די גאנצע צייט נעבן איר געזעסן און וואָס האָט זי באגלייט אהער צום געריכט. אין דער צייט האָט דער חיה־מענטש יאַן מאטושעווסקי זיך געשושקעט מיט זיינע אדוואָקאטן און וואָצלאוו האָב געפרעגט זיין פריינדין, צי איז דאָס פאר איר ניט צו שווער דאָ צו זיצן, ווייל ער האָט געזען אז די גאנצע צייט שטייען טרערן אין אירע אויגן. אלס ענטפער גיט זי אים א גלעט אין האַנד און געזאָגט "דאָס ערשטע מאָל קומט פאר אזא פּראָצעס אין אונדזער שטעטל, ווי קען איך דאָ ניט זיין?"

דאָס געריכט הויבט זיך ווידער אן. רעבעקאַן איז שווער ווייטער צו דערציילן נאָר דער פּאָרזיצער העלפט איר צו מיט די ווערטער" האָסט דערציילט אז דיין פאָטער איז געשטאנען א האַלב נאַקעטער און געבעטן אז דער פאַן מאטושעווסקי זאַל אים לאָזן לעבן, וואָס האָט פאַן מאַטושעווסקי אים אויף דעם געענטפערט? דערצייל, וואָס האָט ווייטער פּאסירט!"

"מיין פאָטער האָט זיך געבעטן און אויפגעהויבן די הענט צו הימל דאַן האָט פאַן יאַן אראָפּגעריסן דאָס העמד פון מיין טאטן און די הויזן אים געשלאָגן און א האַלב נאַקעטן

געשלעפּט אים איבער די גאַסן פון שטעטל און ווילד געשריגן – ווי האָסטו באַהאַלטן דיין ממזר? זאָג מיר ווען סיי ווי זי געפינען. דאָס האָט ער געמיינט מיך. מיין פאָטער האָט פון ווייטיק געשריגן ביז ער האָט אים צוגעפירט צו דער "געסטאַפּאָ", ווי מען האָט אים אומגעבראַכט".

דאָ האָט דער פאָרזיצער פון געריכט זי געפרעגט: "דו געדענקסט גענוי און דו דערקענסט אַז דאָס איז געווען פאַן מאַטושעווסקי און ניט קיין אַנדערער. אָדער אפשר ווער ענדלעך צו אים? דאַן זי ענטפערט: "מיין מאַמע האָט אים איבערגעלאָזט א צייכן אויפן גאַנצן לעבן, וואָס קיינער קען דאָס פון אים ניט אַוועק נעמען, זי האָט אים אָפּגעביסן דעם פינגער פון זיין לינקער האַנט! ווייל ער האָט געוואָלט זי פאַרגוואַלטיקן".

ביי די ווערטער האָט דער זאַל זיך אַ ריר־געטאָן, ווי אַ שטורעם וואָלט דורכגעלאָפן, און דער פאָרזיצער האָט געמוזט געבן אַ קלאַפּ מיט זיין האַמער אין טיש און געפאָדערט מען זאָל זיך באַרואיקן. אין דער צייט האָט דער באַשולדיקטער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיינע ביידע אַדוואָקטן האָבן אין דער שטיל זיך בּאַראַטן. דאָס געריכט האָט דערקלערט אַן איבעררייס ביז מאָרגן פרי.

אַרויס פון געריכט איז וואַצלאַוו צוזאַמען מיט דער פרוי יאַנינאַ מיט א גאָר שווער געפיל. מען האָט דאָס אויך געקענט באַמערקן אויף אַנדערע אַנוועזנדיקע. אָבער יאַנינאַ איז געווען אין אַ באַזונדער שלעכטן צושטאַנד און וואַצלאַוו האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס האָט דאָס באַזונדער געווירקט אויף איר אַזוי שטאַרק? ער האָט איר פאָרגעלייגט צו גיין טרינקען אַ

קאַווע, אָבער זי האָט קאטעגאָריש אָפּגעזאָגט און מיט אים זיך געזעגנט.

אויך פּאַר וואצלאוון איז דאָס געווען אַ שווערער טאָג, כאָטש אים איז גוט געווען באַקאַנט דאָס צו וואָס אזעלכע חיה־מענטש ווי מאטושעוויטש זענען פעיק אָפּציטאָן קעגן די יידן. ער האָט דאך אין זיינע דאקומענטן גענוג מאטעריאלן און גענוג זיך אָנגעהערט וועגן די שוידערלעכע מעשים, וואָס ניט נאָר די דייטשן נאָר אויך ניט־ווייניק פּאלאקן האָבן געטאן קעגן די יידן. וויפל כולוגאַנעס און פארברעכער האָט דאָס דאָזיקע פּאָלק פון זיך ארויסגעגעבן? ווער וועט זיי אויסרוימען מיט אן אייזערנעם בעזעם פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט? דאָס דערמאָנט אים אין זיין מאמען אין זיינע שוועסטערן און זייערע קינדערלעך, פאַרוואָס האָט מען זיי אומגעברענגט? זיי האָבן דאך קיינעם קיינמאָל קיין שלעכטס ניט געטאן. דערפאר איז זיין ציל, אלץ וואָס ער האָט אין זיינע דאקומענטן, אלץ וואָס ער הערט זיך אן. אין דעם געריכט־זאל, צו פארשרייבן, אַלע שוידערלעכע פאַקטן פון אומברענגען זיין פאלק, זיינע עלטערן און משפּחה. איז גוט וואָס ער האָט געהאָט אַזאַ ארבעט, וואָס קען אים דינען דעם דאָזיקל ציל, צו פאַרשרייבן און פאַראייביקן די דאָזיקע פאַקטן, באַזונדער די געשיכטע פון אָט דעם וווּנדערלעכן מיידל רעבעקא, וואָס האָט אים דערשיטערט מיט אירע ליידן, מיט איר לעבן אין אויך אים פארכישפט מיט איר האלטונג און חן. זאל די וועלט וויסן וואָס פאַראַ גרוילן עס איז געשען קעגן יידישן פאָלק און יידישן מענטש.

ביי טאָג, ווען קיינער איז אין דער ווינונג ניט געווען, האָט וואַצלאוו גענומען שרייבן אַ בריוו צו זיינע פריינד

אין לאָדזש. ער האָט געשריבן אונטער דעם איינדרוק פון דעם פּראָצעס. ווי עס איז אויפגעדעקט געוואָרן אזעלכע שווידערלעכע פאַקטן. ער האָט אין בריוו צו פריינד אויסגעגאסן זיין גאַנצן צאָרן אויף די מענטשן־חיות און דערביי גאָר ניט פאַרגעסן אז ער האָט אויך געטראָפן מענטשלעכע איידלקייט, וואָס נאָר דאָס קען ראטעווען די וועלט זי זאל ניט ווידער פארזונקען ווערן אין אַ נייעם בלוטיקן מבל.

דער זייגער איז שוין געווען זעקס אוונט, און אין האַרבסט ווערט פרי נאכט, האָט וואצלאוו אנגעטאָן דאָס רעקל, כדי אראָפּגיין אין גאס אוועקצולייגן דעם בריוו. אָבער דאָ קלינגט דער טעלעפאָן. ווער איז דאָס? יא, פרוי יאנינא. "איר דערקענט ניט מיין קול?" פרעגט זי און זאָגט: "פאניע וואצלאוויע, איר מוזט אומבאדינגט היינט אין אוונט צו מיר קומען, אויף אַ קאַווע, איך האָב פאר אייך אַ סופריז, איך ווארט אויף אייך!" וואָס פארא סופריז קען זי האָבן פאר אים? טראכטע ער. דאָס ערשטע אָבער לייגט ער אריין דעם בריוו אויף דער פּאָסט און גייט גלייך אוועק צום הויז פון פרוי יאנינען.

די פרוי יאנינא אליין עפנט אים די טיר און אן ווערטער פירט זי אים אריין אין דעם עס־צימער, ער בלייכט איבעראשט דערזעענדיק דארט זיצן דאָס ווּנדערלעכע מיידל רעבעקא מיט איר באגלייטערין, וועמען זי באַטראַכט פאר איר מוטער. די פרוי יאנינא שטעלט זיי אים פאָר — פאן וואצלאוו אן אדוואָקאַט פון לאָדזש! ער האָט איר געדאַנקט פאר דעם סיפּריז און פארגעניגן זיך צו טרעפן מיט דער, וואָס האָט אים אזוי שטארק אינטערעסירט און אינטריגירט. און אָט טרינקט וואצלאוו קאַווע און דערציילט זיי אז

ער איז אהער געשיקט אויף ארבעט, און איז דאָ נאָר צייטווייליק, דערביי קוקט ער אויף רעבעקאן און טראַכט, אז טויזנטער אזעלכע ווי זי האָבן דאָך געקענט בלייבן, לעבן און באשיינען די וועלט מיט זייער גוטסקייט און חן. פּאַרוואָס האָט אזא געטרייער דור געמוזט אומקומען און דערביי אזויפיל יסורים דורכמאכן און אזוי טראגיש אומקומען? ווער האָט פון די לעבנגעבליבענע קינדער בארויבט די שיינקייט, זייער קינדהייט און יוגנט און אזוי פרי זיי געצווונגען צו ווערן דערוואקסענע און נעמען אויף זיך דעם עול פון טראַגישן גורל. אזוי טראַכטנדיק ווענדעט ער זיך צו רעבעקאן – "אויב ביסט ניט מיד זאָג מיר ווי אזוי האָסטו זיך געראטעוועט און איבערגעלעבט אָט די שרעקליכע יאָרן?" אָבער דאָ רופט זיך אָן די פרוי יאנינא: – "פריער מוז איך אייך אויפקלערן, פּאַניע וואַצלאוויע, ווי אזוי זענט איר אלע היינט מיינע געסט? אָט ווען מיר זענען ארויס פון געריכט און מיט אייך זיך געזעגנט האָב איך באמעקט רעבעקאן, ווי זי גייט מיט דער פרוי האַננא, וואָס איז געוואָרן איר פאקטישע מוטער, האָב איך זיי אָפּגעשטעלט און געפרעגט צו זיי האָבן ווי צו נעכטיקן? האָבן זיי מיר געענטפערט אז זיי ווייסן נאָך ניט ווי זיי וועלן נעכטיקן, האָב איך זיי פארגעלייגט צו נעכטיקן אין מיין באשיידענע דירה, און איך בין זייער צופרידן, וואָס זיי האָבן אָנגענומען מיין פארשלאג, ווייל דאָס איז פאר מיר א כבוד און פאַרגעניגן זיי צו האָבן אלס מיינע געסט. און אויך אייך וואַצלאוויע צו געבן די געלעגנהייט מיט זיי זיך צו טרעפן און זיך באַקענען און איצט אויב רעבעקא איז אין דער שטימונג זאָל זי אונדז דערציילן" און זי דער ציילט:

— ״ווען מען האָט דערמאָרדעט אויך מיין פאָטער, און כ׳בין געבליבן איינע אליין אויף דער וועלט, בין איך צוגעגאנגען צום אויטאָבוס וואָס פאָרט קיין לאָדזש. איך האָב נאָך דעם שרעקלעכן, וואָס מיר איז געשען, אין גאנצן פארלוירן די שרעק, שוין גאָר ניט געהאַט מער וואָס צו פאַרלירן, דער טויט האָט מיך מער ניט געשראקן. ביים ארויסגיין אין לאָדזש פון אויטאָבוס האָט אן עלטערע פרוי, וואָס האָט ווייזט אויס מיך געקענט ארויפגעלייגט א טיכל אויף מיין קאפ, אזוי ווי דאָס טראָגן פויערישע מיידלעך און מיך געפרעגט וואהין ווילסטו מיידעלע גיין? האָב איך איר געזאָגט אז כ׳וויל פארן קיין ווארשע. ווייל כ׳האָב געהערט אין בונקער פון מיין טאטן אז ווען ער וואָלט געקענט וואָלט ער געפארן קיין ווארשע, האָב איך דערפאַר אויך באשלאָסן צו פארן קיין ווארשע. האָט די פרוי, וואָס האָט מיר אנגעטאָן דאָס טיכל אויפן קאפ, מיך צוגעפירט צום וואַגאַל, צוזאַמען מיט מיר אריין אין א וואגאָן און געפאָרן מיט מיר ביז וואַרשע, ניט ארויסרעדנדיק די גאנצע צייט צו מיר קיין וואָרט. אין מיטן פארן האָט זי ארייַנגעלייגט אין מיין האנט א זעמל מיט א שטיקל שינקע, וואָס כהאב שוין לאנג אין מיין מויל ניט געהאט, און דער הונגער האָט מיך טיף געמאטערט. אנקומענדיק קיין ווארשע פירט זי מיך ארויס פון דעם וואַקזאַל אין פראַגע, שטופט מיר אריין א ביסל געלט און זאָגט צו מיר: דו מוזט זיך אליין ראַטעווען! און איז אוועק. מער האָב איך די פרוי קיינמאָל מער ניט געזען אָבער וואַצלאַוו פרעגט זי: ״זאָג מיר ווען דו טרעפסט זי וואלסטו זי דערקענט?״ ניין! ענטפערט זי, ווייל זי איז געווען אין גאנצן פארדעקט איר פנים מיט א וויטשיילע. ״איך דערמאָן זיך ווי איצט, געווען איז דאָס אין א

דינסטיק אין אָוונט. איך בין געגאַנגען איבער דער הויפּטגאַס אין דער ריכטונג צו דער פּאַניאַטאָווסקי־בריק האָב איך דערזען א פרוי גייט מיט וואַליזקען אין איין האַנט און אין דער צווייטער א קויש. גיי איך צו און פרעג זי צי קען איך איר העלפן? קוקט זי מיך אָן מיט א ליבן שמייכל און גיט מיר דאָס קוישל איך זאָל דאָס טראָגן און זי פרעגט מיך ווי איך הייס. איך האָב איר ניט געענטפערט. נאָך דער בריק זענען מיר אַרויף אויף א טראַמוויי און געפאָרן ביז דער טשערניקאָווסקי גאַס. דאָרטן זענען מיר אין א הויף אַרויף אויף שטיגן. די פרוי עפנט די טיר און כ'זע אַז די פרוי איז אַליין. צו מיין איבעראַשונג גיט זי מיך א כאַפּ אַרום, דריקט מיך צום האַרצן, אַז איך האָב זיך אַזש צעוויינט. דאָ האָב איך זיך גוט אַרומגעוואַשן, די פרוי האָט מיר געגעבן ריינע וועש, וואָס איז אויף מיר געווען צו גרויס. אָבער איך האָב געפילט אַז איר גוטסקייט האָט דערוואַרעמט מיין האַרץ און מיר איז געוואָרן גוט אויף דער נשמה, אַז כ'האָב זיך ניט געקענט באַהערשן און געגעבן איר האַרציקע קושן. די פרוי האַננאַ האָט מיר אונגעזאָגט ניט אַרויסצוגיין פון שטוב, ניט צו גיין צום פענצטער, ניט עפענען קיינעם די טיר, אויב מען וועט קלאַפּן ווען זי וועט ניט זיין". און רעבעקאַ האָט דערביי געוואָרפן א שטיפערישן בליק צו איר היינטיקער מאַמען און מיט א שמייכל זיך געטולעט צו איר.

דערווייל האָט די פרוי יאַנינאַ געשטעלט אויפן טיש פּאַשידענע פּרוכטן און געבעטן אַלעמען עסן.וואַצלאַוו האָט פאַרזוכט א פרוכט און מיט אומגעדולד געוואַרט ביז אַלע וועלן אָפּעסן די פרוכטן און ער וועט קענען הערן וואָס איז ווייטער געשען מיט רעבעקאַן. חוץ דעם גרויסן אינטערעס צו

דעם, וואָס זי האָט דערציילט און אינטערערס ווי אזוי האָבן געלעבט די יידישע קינדער בכלל אין דער שרעקליכער צייט פון אומקום, האָט ער אלץ מער געפילט א גרויסע נאָענטקייט צו אָט דער וווּנדערלעכן מיידל. אירע גאנצע דערציילונג איז געווען געבויט זייער פּאַרזיכטיק. זי האָט זיך ניט געוואָרפן מיט קיין פראזן, ניט מיט איבריקע ווערטער, אלץ וואָס געפלאָסן פון איר מויל איז געווען אזוי פשוט און נאַטירלעך, וואָס האָט געמוזט ארויסרופן צוטרוי און גלויבן. ווען רעבעקא וויל ווייטער דערציילן דריקט די איצטיקע מוטער זי צו זיך און בעט זי זאָל אָפּלייגן, ווייל רעבעקא איז מיד די נאכט שלעכט געשלאָפן. זי דאַרף אויך אין דער פרי זיין פינקלעך ביים פּראָצעס און דריבער בעט זי אָפּלייגן דאָס דערציילן אויף א צווייט מאָל און זי בעט דריבער ביי וואצלאַוון און ביי דער פרוי יאנינא מען זאַל איר מוחל זיין. מיר האָבן טאקע באמערקט אז רעבעקאָ איז מיד און שלעפעריק, עס איז שוין אויך געווען גאנץ שפּעט האָט וואצלאַוו און מיט אלעמען זיך געזעגנט ביז מאָרגן אין דעם געריכט זאָל.

ווען וואצלאַוו איז געקומען אין שטוב האָט ער זיך געשטעלט די פראַגע — פאַרוואָס געפינט ניט דער דאָזיקער מענטשן־חיה יאַן מאַטושינסקי אין זיינע דאָקומענטן, אלס פאַרברעכער, וואָס האָט מיטגעאַרבעט מיט די נאציס? ווי אזוי איז ער ארויסגעפאלן פון די ליסטע פון פאַברעכער כאָטש ער שטייט דאָך פאר א משפּט באשולדיקט אין מאָרד, אין פאַרכאַפּן פרעמדע פאַרמעגנס, פאר באַרייכערן זיך אויף די חורבות פון יידישן לעבן און פאר מיטארבעט מיטן מערדערישן אָקופּאַנט? ער האָט טאקע שפּעטער גערעדט וועגן דעם מיט זיין אויפזעער און דער האָט אים געגעבן גערעכט און צוגעזאָגט אז ער וועט אויספאָרשן פאר וואָס דאָס איז געשען, צו האָט

דאָס ניט ווער באוווסטזיניק אים ארויסגענומען פון דער רשימה פון מלחמה־פארברעכער, ער האָט אים צוגעזאָגט וואָס גיכע אן אויספירלעכן ענטפער. ער האָט מיטן אויפזעער גערעדט אויך וועגן אַנדערע פראַגן אין שייכות פון זיין ארבעט און אוועק צום געריכט.

דער פראָצעס קעגן יידן־מערדער און מיטארבעטער מיט די נאציס האָט געצויגן זיך עטליכע טעג, עס זענען ארויסגעטרעטן עדות פון באשולדיקונג און פארטיידיקונג. עס זענען אויך געווען פאלן פון ארעסטירן עדות אויפן אָרט, פאר פאלש עדות־זאָגן. וואצלאוו האָט אין די דאָזיקע טעג אלץ פארצייכנט, און ארייגעפירט אין זיינע דאָקומענטן ביז דאָס געריכט האָט ארויסגעטראָגן דעם אורטייל. איינשטימיק פון אלע ריכטער, אז דער איינוווינער פון שטעטל בשעזשין יאן מאטושעווסקי ווערט פארמשפּעט צום טויט. דער באַשלוס איז גילטיק ביז דער פרעזידענט פון פויליש־סאָציאַליסטישן מלוכה־ראט וועט דעם אורטייל באשטעטיקן אָדער ענדערן.

וואַצלאַוו איז געווען צופרידן וואָס מיט זיין ארבעט אין דעם שטעטל האָב ער געהאָט די געלעגנהייט צו זיין אַנוועזנד אויף אזא וויכטיקן פראצעס, וואָס איז דאָך זייער כאראקטעריסטיש פון די באציאונגען פון גרויסע טיילן פון די פּאַלאקן און זייער אנטייל אין מאָרדן אָדער ארויסגעבן יידן אין די הענט פון די דייטשישע מערדערס.ליידער זענען אסך פון אזעלכע מערדער און פארברעכער ניט אנטדעקט און ניט באשטראָפט געוואָרן, ווייל זייערע קרבנות האָבן מער ניט געלעבט און עס איז ניט געווען ווער עס זאָל זיי באשולדיקן אָדער עדות־זאָגן. ער איז אויך געווען צופרידן וואָס ער האָט דא דערקענט ניט בלויז מערדער און פאַברעכער

נאָר אויך א פאר איידעלע מענטשן ווי די שיינע פרוי יאנינא קאנארסקא און דאָס דערוואַקסענע מיידל רעבעקא אייזנבאום און איר באגלייטערין־מוטער די פרוי האננא. דאָס אלץ האָט געהאט פאר אים א גרויסע באדייטונג.

נאָכן ארויסטראָגן דעם אורטייל האָט פרוי יאנינא ווידער פארבעטן וואצלאוון, און אויך רעבעקאן אין דער פרוי האַננאַן צום לעצטן טאָג, פון זייער פארברענגען אין דעם שטעטל. די צייט איז געווען פאר מיטאג און זיי אלע זענען צוזאמען דאָן ארויס פון געריכט־זאַל און אוועק צום הויז פון דער פרוי יאנינא. זיי האָבן זיך געזעצט אין גארטן צו טרינקען טיי, אלע צופרידענע פון דעם אורטייל איבער דעם מערדער יאן מאטושעווסקי. אויך די באלבאסטע, אין הויז פון דער פרוי יאנינא, איז געווען צופרידן. זי איז אין דער צייט פון דער אָקופאציע ניט געווען אין שטעטל, זי האָט אָבער געקענט דעם מערדער יאן מאטושינסקען אלס שלעכטן מענטש. אפילו זיין ווייב איז פון אים אנטלאָפן און מען ווייסט ניט ווי זי געפינט זיך, זי מיינט אז דער אורטייל איז א גערעכטער. און אוודאי איז רעבעקא געווען צופרידן וואָס דער מערדער פון אירע עלטערן איז באשטראָפט געוואָרן, כאָטש אירע עלטערן וועט זי קיינמאָל צוריק שוין ניט האָבן.

דאָס מיידל רעבעקא האָט, זיצנדיק ביים טיש, געפילט א חוב, ווייטער צו דערציילן וואַצלאַוון, וואָס מיט איר איז ווייטער געשען און וואַצלאוו האָט דאָך נאָר געוואַרט אויף דעם. און זי הויבט אן:

— "אין דער צייט ווען כ'בין שוין געווען אין גוטע הענט, ביי דער טייערע פרוי האַננא, וועלכע האָט מיך אויפגענומען ווי א געטריי מוטער. זי האָט מיך אָפגעוואַשן און אָנגעטאן

און מיך געוואָרנט איך זאַל זיך ניט ארויסרירן פון איר שטוב, ווייל ארום לויערן שונאים. אָבער זייענדיק אויסגערוט, גוט אויסגעשלאָפן און אויך ניט הונגעריק, וואָס איז דאָך אין מלחמה־צייט א גרויסע זאך, האָב איך אָבער פארמאָגט אין זיך דעם יצר פון נייגעריקייט און פארגעסן, וואָס מיין טייערע האננא האָט מיר אנגעזאָגט, עס איז מיר אויך נמס געוואָרן צו זיצן כסדר פארמאַכט אין דער שטוב, האָט זעט אויס דער טייוול מיך צוגערעדט, ווען כ'בין געווען אליין אין שטוב, אויף בלויז א מינוטעלע ארויסצוגיין אויף דער פרייער וועלט. איך בין דאָך ניט קיין ארעסטאנט. און אט בין איך פאר מיין ניט געהאכזאמקייט שווער באשטראָפט געוואָרן און מיט מיר איז געשען ווי אין "טויזנט און איין נאכט". אלע קוקן זי אן מיט נייגעריקייט וואָס זי וועט ווייטער דערציילן. און רעבעקא דערציילט:

— "ווען האננא איז אוועק צו די ארבעט אויף א גאנצן טאָג האָב איך אין זיך באשלאָסן א ביסעלע ארויסגיין איבער דער גאס, איינעטעמען אין זיך א ביסל פרייע לופט, בין איך אריין אין א קליין שמאל געסל איז מיר גלייך אנטקייגנגעלאפן א הונט מיט ווייסע און שוואַרצע פלעקן און אָנגעהויבן אויף מיר צו בילן. געווען בין איך נאָך דאן א קליין און יונג מיידעלע האָב איך זיך פארן הונט דערשראקן און געבעטן ער זאָל זיך אפטראגן. א הונט אָבער, אז מען דערשרעקט זיך פאר אים, ווערט ער מער אנגרייפעריש. אויף זיין בילן זענען אנגעלאָפן צוויי קליינע פוילישע יינגעלעך און מיך באפאַלן מיט געשרייען — מאַמאַ! טאַטאַ! א זשידוקע! האָב איך זיך נאָך מער פאַרלוירן אָבער דער געפאר האָט מיר געשטויסן צו אַנטלויפן אָבער זיי האָבן פארשטעלט מיר דעם

וועג און געהאַלטן אין איין שרייען – זשידווקאַ! זשידווקאַ! דאָך האָב איך זיך אריינגעריסן אין א צווייטער גאס און זיי זענען מיר אלץ נאכגעלאפן און געשריגן און דא איז אויפן ראג גאס געשטאנען צוויי דייטשישע סאָלדאטן און געזען ווי איך לויף און די יינגעלעך שרייען האָבן זיי מיך געכאפט אין זייערע לאפעס. דאן איז איינער פון די וואָס זענען מיר נאָכגעלאָפן, דער עלטערער פון זיי, זיך דערנענטערט צו די דייטשן און געזאָגט – יודע! דאָס איז געווען גענוג זיי זאָלן מיך אוועקשלעפן אין דער "געסטאפּאָ" און אויפן וועג מיך געשלאגן. איך האָב ניט געוויינט, געווען שוין, כאָטש נאָך א קינד, א ביסל פארהארטעוועט. אָבער דא האָב איך דערהערט, און מיט מיין יידיש פארשטאנען, ווי אן עלטערער אפיציר האָט די צוויי זעלנער באפוילן ניט צו שלאָגן נאָר מיך אריינפירן אין געטאָ. די זעלנער האָבן מיט א 'יא לייטענאנט!' געטריי דעם באפעל, מיך אריינגעוואָרפן אין געטאָ. אין געטאָ האָב איך זיך ארומגעדרייט אין גאנצן איינזאם, פון קיינעם ניט באמערקט און קיינער האָט אויף מיר קיין אכט ניט געלייגט, אזעלכע יתומים ווי איך האָט דא מסתמא ניט געפעלט. האָט קיינער ניט געפרעגט ווער איך בין, בין איך אוועק צום געשער בית עולם און דאָרט געפונען גענוג ארט, ווי זיך אוועקצוזעצן און אפרוען, א גליק וואָס כ'האָב געהאט ביי זיך די פאר זלאטעס, וואָס די אומבאקאנטע פרוי האָט ברענגענדיק מיך קיין ווארשע אריינגעשטופט. האָב איך געפילט זיך מער זיכער, אָבער ביי נאכט ווען כ'האָב געוואָלט זיך ערגעץ באהאלטן און איבערנעכטיקן האָב איך דערזען א לאך פון א ברייטע רער, האָב איך פארזיכטיק זיך דערנענטערט און דערהערט דאָרט דאָס קול פון אנדערע קינדער, האָב איך זיך שטיל צוגעשארט

צו די קינדער, וואָס זענען דאָרט געלעגן אין שטילערהייט געלייגט זיך דערנעבן. ליגנדיק איינגעטולעט אין דער נאכט האָב איך געטראַכט, וואָס פאַראַ שרעקליכע נאַרישקייט איך האָב אפגעטאָן, איך האָב געטראַכט וועגן דער גוטער פרוי האננא, ווי גוט איז מיר געווען ביי איר און איצט בין איך אויף הפקר. און פאר כעס אויף זיך אליין און חרטא, ווי אויך אין פאר קעלט, האָב איך ניט געקענט איינשלאפן.

— אזוי האָב איך אויף דעם בית עולם געוואַלגערט אין פארשידענע גריבער און באהעלטענישן. צווישן לעבן און טויט אַ פאר וואכן האָב איך געלעבט דא צווישן קברים און מצבות. כ'האָב זיך דא באקענט מיט אנדערע קינדער, וואָס האָבן דא געלעבט א לענגערע צייט. זיי האָבן מיר דערציילט אז יעדן טאָג ווערן קינדער געכאַפּט און ארויסגעשיקט פון געטאָ און יעדן טאָג ווערן אין געטאָ ווייניקער קינדער. ווען כ'האָב דאָס דערהערט האָב איך אנגעהויבן טראכטן, ווי פון דאנען צו אנטלויפן. ווייל כ'האָב שוין גוט געוווסט וואָס עס ווערט מיט די קינדער וועלכע מען כאפט. עס איז מיר דאן געבוירן געוואָרן א פלאן אז צוזאמען מיט א קליינע גרופע קינדער זיך ארויסצורייסן פון געטאָ און אריבער די אריאישע זייט. איינמאָל האָב איך זיך צוגעהערט צו א שמועס צווישן קינדער, ווי זיי האָבן דערציילט ווי זיי פלעגן זיך אריבערקריגן אויף דער אריאישער זייט אריינצושמוקלען פראָדוקטן אין געטאָ אריין. אָבער אויך אויף דער אריאישער זייט איז דאָס לעבן פאר יידישע קינדער אין סכנה. האָבן די קינדער אסך געטראַכט, ווי זיך צו ראַטעווען אין עס זענען צווישן זיי געווען פארשידענע מיינונגען, אָבער אַלע האָבן געהאַלטן אז אויב מען וויל בלייבן לעבן מוז מען פון דאַנען וואָס גיכער

אוועק. דאן האָב איך געבעטן די קינדער זיי זאָלן אויסהערן מיין פּלאַן. איך זיי דערקלערט אז אויב מען וויל בלייבן לעבן איז דאָס איינציקע אָרט צווישן די פּארטיזאנער, מיר מוזן צו זיי לויפן, ווי לאנג מיר זענען יונג און ווילן לעבן. ניט אלע האָבן מיט מיר איינגעשטימט אָבער עטליכע זענען צוגעשטאנען צו מיר און מיר האָבן אָנגעהויבן מאַכן פּלענער.

דא האָט רעבעקא געמאכט א קליינעם איבעררייס און מיר האָבן זיך מיט דער גרעסטער נייגעריקייט איינגעהערט אין איר יעדעס וואָרט און מיט שפּאַנונג געוואָלט וויסן, ווי אזוי האָבן די דאזיקע קינדער געקעמפּט פאר זייער לעבן און, ווי אזוי און צו האָבן זיי זיך געראטעוועט? און רעבעקא נעמט ווייטער דערציילן:

— "איך ווייס ניט פון וואנען האָט דאן זיך גענומען צו מי׳ר אזוי פיל דרייסטקייט אויסצוטראכטן א פּלאַן פון דאנען און וואהין צו אנטלויפן, וואָס איז דאָך גאָר ניט קיין לייכטע זאך, און פון אומעטום דראָט דאָך דער טויט. איך האָב די גאנצע צייט געפּארשט די וועגן און די מעגלעכקייט, ווייל כ׳האָב געפילט זיך פאראַנטוואָרטלעך אויך פאר די אנדערע קינדער, וואָס ווילן גיין מיט מיר און מיין פּלאַן דאַרפט דאָך דורך זיי אנגענומען און באשטעטיקט ווערן, ווייל אליין וועל איך דאָך ניט גיין אין אזא ריזיקאַלישן וועג. חוץ דעם זענען די אלע קינדער מיר געוואָרן נאענט און היימיש, נאָך היינט בענק איך צו זיי. האָב איך צונויפגעקליבן די חברה און זיי פאַרגעלייגט מיין פּלאַן, וואָס אלע האָבן באשטעטיקט און באשלאָסן וואָס גיכער, עס זאָל ניט זיין צושפּעט, דאָס דורכצופירן. איר וועט אוודאי פרעגן ווי קומט צו מיר אלס קליין מיידעלע דאָס שאַפן אזא פּלאַן? וועל איך אייך

דערציילן. געווען איז דאָס אזוי. איך האָב אין די נעכט ניט געקענט שלאָפן, בין איך אין דער פינצטער ארומגעגאנגען און דערגרייכט געוויסע ערטער ווי עס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן גרעסערע און קלענער גרופעס יידן, דאָס האָט מיר אנגעוויזן די זעקסיעריקע ראַזא, מיט וועלכע איך האָב באַזונדער זיך געחברט. איינמאָל האָב איך זיך איינגעהערט צו די רייד אין אזא באהעלטעניש פון דערוואַקסענע, ווי מען האָט גערעדט וועגן אריבערגיין די אריאישע זייט. אזוי אז מיין פּלאַן איז ניט געבוירן געוואָרן אין מיין מוח, נאָר כ'האָב איינגעזאַפּט אין מיין זכרון אלץ וואָס כ'האָב פון זיי געהערט און דערמיט כ'בין געקומען צו מיינע קינדער־חברים. געטריבן האָט מיך זיך צו ראטעווען און צו מיין דרייסטקייט ערשטנס דער אנזאָג פון מיינע עלטערן אז איך מוז זיך ראטעווען און מוז לעבן און צווייטנס דער געדאנק וועגן דער געטרייער פּאני האננא. איך האָב קעגן איר געפילט א גרויסן שולד. ווייל אנשטאָט איר אָפּצודאַנקען בין איך געווען צו איר ניט געהאַכזאם און כ'האָב געפילט א חוב זי צו איבערבעטן און מיט עפּעס זי פאַרגיטיקן. אָט דער געדאנק האָט מיך ניט געלאָזט רוען. און מיין דרייסטקייט האָט אויך ביי די אנדערע קינדער געוועקט דעם ווילן זיך צו ראטעווען און מיר האָבן באשלאָסן צו גיין אויף לעבן אין טויט, צו זיין געהאכזאם און דיסציפּלינירט. צו העלפן איינער דעם צווייטן, ווייל פארשידענע שטרויכלונגען קענען געשען אויפן וועג. און דאָס וויכטיקסטע איז ניט וויינען, זיין פארזיכטיק און ווען ווער פאלט אריין, מעג מען אים ווי שלאגן, מוז ער קענען שווייגן. אויף דעם זענען אלע מסכים געווען און געלייגט זייערע קינדישע הענטלעך צוזאמען ווי א שבועה פון אלעמענס אחדות. איך

בין געווען שטאָלץ פאר דעם צוטרוי און וואָס די קינדער זענען מסכים איך זאָל זיי אנפירן. א טאָג פארן ארויסגיין פון געטאָ, אין דער לעצטער נאכט, האָב איך געפילט אויף זיך די גרויסע אחריות.

"דער זייגער איז געווען פיר פארטאָג, מיר זענען צוזאַמען א גרופע פון פינף קינדער. מיר גייען שטיל אריין אין די קאנאליזאַציע־רערן פון די אונטערדישע ווארשער קאַנאלן. מיר גייען שטיל אין נאָך צוויי שעה דערהערן מיר שווערע טריט פון דייטשישע שטיוול. דאָס קלאפן ווערט אלץ שטארקער און שטארקער מיר וואַרטן ביז עס ווערט שטילער דאן גייען מיר ווייטער זוכנדיק א קורצערן וועג. מיר טאפטשען אין וואסער און אין בלאטע, ווייטער טרעפן מיר אן א שמוציק שטינקענדיק וואסער. ביז עס גיט פאר אונדזערע אויגן א שיין א דרויסנדיק ליכט און מיר דערפילן אז מיר האָבן דערגרייכט דעם ציל. אָבער פלוצים דערהערן מיר א שיסעריי פון אלע זייטן. מיר בלייבן שטיין און פארשטעקן זיך אין א ווינקל פון א וואנט און מיר ווארטן. מיר שטייען און וואסער אין הערן זיך איין אין דער שיסעריי, וואָס שרעקט. נאָר דער פאס ליכט, וואָס רייסט זיך אריין פון דרויסן, פילט אונדז אן מיט האָפענונג. די ליכט באלייכט אָבער די שטשאַרעס, גרויס ווי די קעץ, וואָס שפרינגען ארום אונדזערע פיס. מיר שטייען אן א שארך און מיר הערן א פייפעריי און אויסגעשרייען אויף דייטש, די ווערטער דערגיין צו אונדזערע אויערן און מיר מוזן אלץ וואַרטן אונטער דער ערד אין די שטינקענדיקע קאנאלן. די צייט ציט זיך אָן אַן ענדע. דערווייל באווייזט זיך פון דער לינקער זייט קאנאַל א מאן מיט א פרוי. אויך זיי ווילן זיך אדורכרייסן. עס איז געוואָרן שטיל בין איך

אוועק אויסשפירן וואָס דאָרט הערט זיך. א פרישע לופט האָט מיר א בלאָז געטאן אין פנים, נאָך אזויפיל צייט, וואָס מיר עטעמען אין זיך אריין די פארסמטע שטינקענדיקע לופט פון די קאנאלן. איך בין צוריקגעקומען צו די חברה און זיי געגעבן צו פארשטיין אז דאָס ארויסגיין צוזאמען איז געפערלעך, מיר מוזן ארויס איינציקווייז, ווייל מיר ווייסן ניט וואָס דאָרט טוט זיך, לייג איך פאר אז עמיצער פון אונדז מוז ארויס דער ערשטער און אויסגעפונען ווי מיר געפינען זיך, וואָס דאָרט קומט פאר און צו מעגן די אנדערע אויך ארויס. גוט זאָג איך צו דער חברה עס איז געקומען דער מאָמענט צו דעצידירן ווער עס זאָל ארויס דער ערשטער. קוקט איינער אויפן צווייטן און קיינער רופט זיך ניט אָן, זאָג איך צו זיי — הערט חברה! און קוק זיי אלעמען אין די פנימער. איר האָט מיך באשטימט צו זיין אייער קאָמענדאנטטאָ וועל איך באשטימען ווער עס זאָל ארויס דער ערשטער און געדענקט וועמען איך באשטים מוז גיין אויב ניט קען ער ווייטער ניט געהערן צו אונדזער גרופע. אַלע וואַרטן וועמען איך וועל אויסקלויבן און איך זעץ פאר — איר ווייסט דאָך אז מיר טאָרן ניט זיין פחדנים. גוט חברה? אלע האָבן געהערט און יעדער וועט מוזן אויספירן מיין באפעל. פארשטאנען?אַלע האָבן געשאָקלט מיט די קעפ. איך גיי זיך אביסל איבער אין דעם קאַנאַל און ווען איך קום צוריק קוקט יעדער מיך אן נייגעריק וועמען כ'האָב באשטימט צו זיין דער ערשטער. דאן זאָג איך אנטשלאָסן — איך האָב באשלאָסן אז איך זאַל זיין די ערשטע אָבער הערט זיך גוט צו וואָס איר וועט דאַרפן טאָן. ווען איך וועל ארויס וועט איינער פון אייך מיך מוזן פאַרטרעטן, וועמען איר וועט מוזן פאָלגן,

דאָס וועט זיין משהלע. ווען כ׳וועל ארויס און אז איר וועט הערן שיסן זאָלט איר דא בלייבן און וואַרטן אויף א סיגנאַל פון מיר. אויב כ׳וועל ניט קענען אַזא סיגנאַל געבן וועט משהלע דעצידירן וואָס איר זאָלט ווייטער טאָן. גוט! רופן זיך אלע אן איך גיב דעם לעצטן קוק אויף די וואָס בלייבן און נעם מיט דאָס איינציקע, וואָס כ׳פארמאָג — דאָס לעבן, און מיט פאמעליכע טריט דערנענטער איך זיך צו דעם אפענעם דעק פון דעם קאנאל און ניט טראכטנדיק קיין סך קריך איך ארויף, קוק זיך ארום פון אַלע זייטן אין דערזע ניט ווייט איז קליין וועלדל, שיטער פון ביימער, זאָג איך צו זיך — רעבעקא די מוזט ארויס און לויפן וואָס גיכער. איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט אז איך קען אזוי גיך לויפן, דערצו נאָך אזויפיל הונגעריקע טעג. און אָט ליג איך שוין אין דעם וועלדל אונטער א דיןביימל. איך גלייך זיך אויס דעם רוקן, קוקט זיך גוט ארום פון אלע זייטן און מיטן גאנצן כוח גיב איך אַ סיגנאַל. און איינס־צוויי זע איך, ווי די חברה לויפן און זענען שוין אלע ביי מיר, מען כאַפּט מיך מיט פרייד ארום, איך דערמאָן זיי אז עס איז נאָך צופרי זיך צו פרייען. מיר האָבן פאר זיך נאָך אַסך געפארן. קודם דאַרף מען אויסגעפונען, ווי מיר געפינען זיך, קיין שום אויפשריפט זעט מען דא אין ערגעץ ניט.

— מיר גייען און גייען, ביי נאַכט אין דער פינצטער און פארטאָג באמערקט משהלע אז פון ווייט זעט מען א געדיכטן וואלד. אָבער צו אים מוזן מיר אריבערלויפן א ברייט פעלד. מיר בלייבן שטיין זיך אָפּצורוען און דריי לויפן די ערשטע דורך און איך מיט משהלען נאך זיי. מיר זענען שוין ביי א גרויסן

וואלד און מיר גלויבן אז דאָס איז דער וואלד, וואָס ציט זיך קיין וואווער און אטוואצק. בלייבן מיר דא אפרוען. דא נעמען מיר צענויף אלע "פּראָדוקטן" וואָס יעדער פארמאָגט מיט זיך: פארדאַרטע שטיקלעך ברויט, ארויסגענומען פון מיסט־קאסטן פון דער דער דארטיקער קיך, אביסל רויע קארטאָפל, עטלעכע מייערלעך, א שטיק בריקעוו, דאָס אלץ האָט מען באדארף אָפּגעבן יענקעלען ער זאַל אלעמען גלייך אויסטיילן און א טייל היטן עס זאַל סטייען אויף עטלעכע טעג".

אָבער דא רייסט רעבעקא איבער איר דערציילן און פרעגט דעם פאן וואצלאוו צו האָט ער נאָך געדולד דאָס אלץ צו הערן? וואצלאוו קוקט זיך ארום און בעט דער פאני יאנינא צו מאכן אן איבערייס, צו טרינקען א קאלטן אָדער ווארעמען טרונק. אויפן טיש באווייזן זיך גלייך גלעזער, וואצלאוו וויל איר העלפן אָבער זי דערלויבט אים ניט און די פרוי האננא העלפט איר דערלאַנגען אלעמען צו טרינקען און איבערבייסן. דאָ באווייזט זיך די בעלעבאסטע פון יאנינאס וווינונג און זאָגט אז די געסט, דאָס הייסט רעבעקא מיט איר נייער מוטער וועלן היינט צוריק ניט פאָרן, נאָר ערשט מאָרגן, וועט זי מיט וואצלאוון זיי, שוין אויסגערוטע, צופירן צום אויטאָבוס. רעבעקא מיט האננא קוקן זיך אן מיט א שמייכל און זענען גערן מסכים צו בלייבן ביז מאָרגן. אויך יאנינא איז דערפון צופרידן און נאָכן איבערבייס נעמט רעבעקא ווידער צו דערציילן:

— "איך האָב אייך א סך דערציילט וועגן אונדזער גרופּע אָבער איצט מוז איך זיי פאר אייך פארשטעלן, אויף וויפל איך האָב וועגן זיי געוווסט:

משהלע איז אלט געווען 11 יאָר, געבוירן אין וואַרשע

ביי ארעמע עלטערן, דער טאַטע אַ שוסטער די מוטער האָט געוואַשן וועש פאַר רייכע מאַדאַמען, געוווינט אין אַ קעלער, ווי דער טאַטע האָט אויך געאַרבעט. דער שטויב און שטינקעכץ האָט פון גאַס זיך אַריינגעריסן אין שטוב דורכן פענצטער. זיי זענען צוזאַמען געווען זעקס קינדער.

ווען ער איז איינמאָל צוריקגעקומען פון דער אַריאישער זייט, ווי ער איז אַוועק אַ ביסל פּראָוויאַנט פאַר דער משפּחה האָט ער אין זיין היים מער קיינעם ניט געטראָפן, די דייטשן האָבן זיי אַוועקגעפירט אין אַ טויט־לאַגער.

רחלה איז דאַן אַלט געווען צען יאָר, געבוירן אין וואַרשע אויף מילע גאַס. געווען זענען זיי צען קינדער. דער פאָטער אַ הענדלער פון גרינס אויף דעם סמאַטשער באַזאַר.

ווען די דייטשן זענען אַריין קיין וואַרשע האָט מען מער ניט געקענט האַנדלען אויפן באַזאַר האָט דער טאַטע געהאַנדלט מיט פאַרשידענע זאַכן אויף דער גאַס און דערמיט קוים דערנערט זיין משפּחה. איינמאָל אין אַ נאַכט האָבן די דייטשן, מיט דער הילף פון פּוילישער און אוקראַאינישער פּאָליציי, אָפּגעשלאָסן די גאַנצע געביידע און צוגענומען פון דאָרט אַלע איינוווינער און אַוועקגעפירט צום אומשלאַג־פּלאַץ, דאָרט זיי אַריינגעטריבן אין לאַסט־וואַגאָנען פאַר בהמות און זיי אָפּגעשיקט צו אַ טויט־לאַגער. איר האָט, גייענדיק אויף די שטיגן, די מאַמע שטופּ געטאָן אין אַ זייט און זי איז אַריין אין אַ קעלער און זיך דאָרטן באַהאַלטן.

יענקעלע איז געבוירן געוואָרן אין פּאַלעניץ, אַלט געווען ניין יאָר. זיינע עלטערן האָבן זיך פאַרנומען מיט גערטנעריי, פאַרזייעט פאַרשידענע גרינסן און פאַרקויפט אויפן מאַרק. יענקעלע פלעגט זיי העלפן. זיי זענען געווען ניין קינדער ביי

זייער טאַטן און מאַמען. אין פּאַלעניץ האָבן געוווינט אַ סך ייִדן אָבער אויך דייטשן, ווען היטלער איז אַריין קיין פּוילן האָבן די דייטשן גענומען אונטערצינדן די ייִדישע הייזער און זיי פאַרברענט. אויך זייער היים איז מיט דער נאַכט פאַרברענט געוואָרן דערביי זענען דריי זייערע קינדער פאַרברענט געוואָרן. אירע עלטערן מיט די איבעריקע קינדער, וואָס האָבן געראַטעוועט זיך פון פייער, האָבן די ס.ס. לייט זיי אַריינגעוואָרפן אין אַן לאַסט־אויטאָ און זיי אַוועקגעפירט. ער איז דאַן געווען אין וואַרשע, ביי קרובים, און איז אַ דאַנק דעם געבליבן לעבן.

זישע געבוירן אין וואַרשע, ניין יאָר אַלט געווען. זיין פאָטער איז נאָך פאַר דער מלחמה געשטאָרבן אויף שווינדזוכט און זיין מאַמע איז געבליבן אַן אלמנה מיט צוויי קינדער. ער און די קליינע זאַשע, זיי האָבן געוווינט אויף ראַג סמאַטשע און גענשע. די מאַמע איז געווען אַ קעכן אין אַ רייכער שטוב און ער איז דאַן געווען נאָך אַ קינד, ווען די דייטשן זענען אַריין קיין וואַרשע איז גלייך אין די ערשטע טעג שוין ניט געווען קיין ברויט און עס איז אין דער היים ניט געווען וואָס צו עסן. האָט ער געזוכט אויף די גאַסן, וואָס צו טאָן צו ברענגען אַהיים אַ שטיקל ברויט. דאָס איז ניט אַנגעקומען לייכט. ניט געווען ווער עס זאָל אים העלפן. אַמאָל האָט ער געבעטן אַ פּאַפּיראָסן־הענדלער אים צו העלפן פאַרקויפן פּאַפּיראָסן. ער האָט אים געגעבן עטלעכע פּעקלעך צו פאַרקויפן און ער האָט דערפאַר געקענט אַהיימברענגען אַ פּאָר קאַרטאָפל און אַ שטיקל ברויט. איינמאָל איז אים געלונגען אַהיימצוברענגען אַ ביסל ברויט און צוקער אָבער אין שטוב האָט ער מער קיינעם ניט געטראָפן. מען האָט

שוין באוויזן צוצונעמען זיין מוטער און שוועסטערל. דאָס איז פאַר אים געווען דער גרעסטער קלאַפּ. ער האָט געזוכט זיי צו העלפן און גאָר ניט געקענט פאַר זיי טאָן. און מיך קענט איר דאָך שוין אויך, איר האָט דאָך געהערט אויפן פּראָצעס, וואָס עס איז געשען מיט מיינע עלטערן. יעדער פון אט די קליינע חברה קינדער האָט געהאַט זיין בלוטיקע ביאָגראַפיע. דאָס לעבן אין געטאָ שטייט מיר כסדר פאַר די אויגן, דער הונגער, עפּידעמיעס. האַלב־נאַקעטע קינדער. דער מאַסן־טויט. די כסדרדיקע ״לאַפּאַנקעס״ און אבלאַוועס, אויף וועמען די דייטשן און זייערע העלפערס זענען געגאַנגען אויף יאַגד, ווי אויף חיות און זיי געפירט צו די טויט־לאַגערס. ווען איך זאָל דערציילן אייך טאָג און נעכט, וואָלט דאָס אַלץ ניט גענוג געווען פון דעם, וואָס איך האָב דאָרט געזען און זיך אָנגעהערט. אָבער איצט וועל איך ווייטער דערציילן וואָס מיט מיר און מיט מיינע חברים איז ווייטער געשען:

— ״צו מאָרגנס, אין פּראַקטיקן באַגינען האָבן מיר געלאָזט זיך ווידער אין וועג אַריין. מיר זענען שוין געווען עטליכע קילאָמעטער פון דעם אָרט פון וואַנען מיר זענען אַוועק. פּלוצים דערהערן מיר אַ געשריי — שטיין, ניט רירן זיך פון אָרט! מיר בלייבן שטיין געמיטלעך אָן מורא ווייל מיר פאַרשטייען אַז דאָס זענען ניט קיין דייטשן און כ׳זאָג צו די חברה קומט אַלע נענטער צו מיר! פון ערגעץ שפּרינגט אַרויס אַ מאַן מיט אַ ביקס און פרעגט אונדז אויף אַ היימישן פּויליש — ווער זענט איר? אַלע ווייסן אַז מען דאַרף שווייגן. אָבער איך גיי צו אים נענטער און זאָג אַז איך בין די קאָמענדאַנטקע פון דער גרופּע קינדער. מיר זענען אַלע יתומים, די דייטשן האָבן דערמאָרדעט אונדזערע

עלטערן און מיר האָבן באַשלאָסן צו גיין קעמפן קעגן די דייטשישע מערדער. ער קוקט אונדז אָן מיט אַן איראָנישן שמייכל און זאָגט קומט מיט מיר קינדער!

— „מיר גייען נאָך אַ דורכן וואַלד און מיר קומען צו צו אַן אָרט ווי מיר זענען אַ גרעסערע גרופּע מענטשן מיט ביקסן. פאַרשטייען מיר גוט אַז מיר געפינען צווישן פּאַרטיזאַנער און מיר חלומען מיט זיי צו בלייבן. אָבער דער קאָמענדאַנט זייערע פרעגט אונדז אויס, ווי אַזוי מיר האָבן אַהער דערגרייכט, ער באַפעלט צו געבן אונדז עסן און זאָגט צו מיר: דו ביסט דער פירער הער זיך גוט איין, דאַ טאָרט איר ניט בלייבן, ווייל דאָס איז צו נאָענט צו וואַרשע, אויך מיר טראָגן זיך גיך פון דאַנען אָפּ, איר וועט גיין אין דער ריכטונג, ווי איך ווייז אייך, דאָס וועט דויערן אַ פּאָר טעג און איר וועט קומען אין דער געגנט פון מאַלקין, דאָרט איז אַ וואַלד ווי איר וועט טרעפן ווער עס זאָל אייך העלפן. זיי געבן אונדז מיט אַ ביסל פּראָדוקטן און זאָגן אָן צו גיין נאָר ביי נאַכט, ביי טאָג ליגן באַהאַלטן און זיך אָפּרוען.

— „מיר גייען ווייטער מיט מער האָפענונג און מער דערפאַרונג, אויך מיט אַ ביסל פּראָדוקטן. איך שטעל אָפּ די חברה און זאָג צו זיי: הערט חברה מיר טאָרן ניט גיין אַלע צוזאַמען, נאָר אָפּגערוקט איינער פון צווייטן מיט אַ צוואַנציק טריט און געדענקט אַז מיר וועלן ביז מאָרגן פרי ניט רוען מיר מוזן די נאַכט דורכמאַכן אַסך קילאָמעטערס. האָט יענקעלע אַלעמען צוגעטיילט אַ פּאָר ביס און מיר האָבן ווייטער געלאָזט זיך אין וועג אַריין. עס האָט זיך געפאָדערט אַסך מוט, אָבער דאָס לעבן האָט געהאָנגען אויף אַ האָר און יעדן

פון אונדז האָט מער פון אלץ געוואָלט לעבן. פאר יעדן פרייז לעבן. און דער ווילן האָט אונדז געטריבן אלץ ווייטער.

אזוי זענען מיר געגאנגען אין די נעכט גאנצע דריי וואָכן און פאר דער ליכטיקער שיין ניט געטארט זיך באווייזן. דאָך האָבן מיר אויפן וועג דערוווסט זיך אסך נייעס. א גליק וואָס דער פרילינג האָט אויך אונדז געמוטיקט. מיר האָבן אין זיך איינגעעטעמט פרישע לופט און זיך אנגעשעפט מיט פרישע כוחות".

דאָ האָט רעבעקא איבערגעריסן און געפרעגט צו זי לאנגווייליקט ניט קיינעם מיט איר דערציילן? אָבער וואצלאוו און יאנינא האָבן איר געענטפערט "ווי קענען מיר זיך לאנגווײלן,? פארקערט מיר זענען אזוי פארכאַפּט פון דעם וואָס דו דערציילסט, פון דער קינדישע העלדישקייט, ווי מיר וואָלט געלייענט א שפאנענדיקן ראָמאן און מיר ווילן גאָר ניט דו זאָלסט איבערייסן, מיר ווילן וויסן, וואָס ווייטער מיט דיר און די קינדער איז געשען! און רעבעקא נעמט ווייטער דערציילן:

"דאָס איז געווען אין א שיינעם זוניקן פרימאָרגן, אָבער פאר אונדז איז ער גארניט געווען אזוי פריילעך. מיר האָבן געוואָלט זיך, מידע נאָך א לאנגער נאכט מארשירן, אביסל אפרוען און אויך עפעס א קליינעם קיי טאן פון אונזער מאָגערן נאָך זאפאס. פלוצים האָבן מיר דערהערט א שוידערלעכע הינט־בילן און געשרייען. זאָג איך צו דער חברה, מיר זענען נאענט צו א באן־ליניע און דא איז זער געפערלעך מיר מוזן זיך גיך פונאנדערשפרייטן און מיר וועלן זיך טרעפן, ווי נאָר דאָס וועט זיין מעגלעך, דאָרט ווי דער פּאַרטיזאנער־קאָמענדאנט האָט אונדז געהייסן גיין, מיר געזעגענען זיך מיט ווייטיק און

שטים־לשון. דער געפילדער הער מען שוין פון גאָר נאענט. בין איך געלאָפן שוין אליין און דערהערט א געדיכטע שיסעריי. איך האָב געשראָקן זיך פאר מיינע חברה און טרערן האָבן זיך באוויזן אין מיינע אויגן. איך לויף און לויף ביז איך קום צו אַ קליין וועלדל, מיט געדיכטע יונגע ביימלעך, ארומגערינגלט מיט ווייסן זאמד. האָב איך פארשטאנען אז נאענט מוז זיין עפעס א וואַסער, איך בין אָבער מער ניט פעיק געווען צו טראכטן און פון גרויס מידקייט זיך אריינגערוקט טיף צווישן די ביימלעך און אנטשלאָפן.

אזוי איך בין דורכגעשלאָפן א גאנצן טאָג און אויפגעכאַפּט אין מיטן דער נאַכט. עס איז געווען פינצטער און קאלט. האָב איך אין דער פינצטער אָנגעהויבן גיין, זיך אביסל אנצוווארעמען. כבין געגאנגען מיט אַ שווערן געפיל, טראכטנדיק — ווי זענען איצט די אנדערע חברים? דערווייל בין איך צוגעקומען צו א פעלד און דערזען אין דער זייט א ליכט פון א פענצטער. האָב איך מורא געהאט זיך צו דערנענטערן. דאָ האָב איך דערזען א ביידל מיט פארשידענע קאסטנס און דערפילט דעם ריח פון היי און שטרוי, האָב איך זיך צוגעטולעט צום היי און ווייטער געשלאָפן. אין מיטן שלאָף האָב איך דערהערט מענטשלעכע שטימען האָב איך פאר שרעק זיך אויפגעריסן פון שווערן שלאָף, און דערזען אז עס איז שוין גרויסער טאָג און מענטשן שוין אויפן פעלד. דא דערפיל איך אז ווער דערנעטערט זיך צום אָרט ווי איך ליג, און אט שטייט נעבן מיר א יונג דארפיש מיידל. ווייז איך איר אן, מיטן פינגער צו די ליפן, זי זאַל ניט רעדן נאָר שווייגן. זי קוקט אן מיך א שמוציקע, אפגעריסענע מיט פארשלאָפענע אויגן, זי רעדט גאָרניט און גייט אוועק. איך זיץ אין שרעק

און טראַכט וואָס וועט איצטער זיין? איך בין אָבער ניט בכוח ווייטער צו גיין און בלייב זיצן.

לבין אזוי געזעסן און געליגן א לאנגע צייט און זיך ניט באוויזן אויף דער שיין. כהאָב געטראַכט אז דאָס מיידעלע וועט אפשר קיינעם וועגן מיר ניט דערציילן. ווי אנטשטוינט בין איך געבליבן ווען כ׳האָב דערזען דאָס מיידעלע קומט מיט איר מוטער, וועלכע נעמט מיך אן ביי דער האנט און פירט מיך אריין אין זייער כאטע, זי הייסט מיך זיך אפוואשן און דערלאנג מיר מילך מיט שווארץ ברויט און איך האָב געגעסן ווי א היישעריק, נאָך קיינמאָל ניט געווען אזוי הונגעריק ווי דאָסמאָל. איך עס און די מאמע מיטן מיידעלע קוקן אויף מיר מיט טרויעריקע אויגן, אפגעגעסן גיב איך דער מוטער, פאר א דאנק, א קוש אין האנד, אָבער מיט א גרויסן דאנק אין הארצן. אָבער די פויערטע פירט מיך אריין אין דעם צווייטן צימער און גיט מיר א קליידל זעט אויס פון איר טאָכטער און הייסט מיך דאָס אנטאָן. מיט וואָס האָב איך געקענט נאָך באדאנקען פאר אזא מענטשלעכקייט אין יענע צייטן פון מענטשן־שינאה? דערווייל איז אנגעקומען עפעס א מאַן, זעט אויס דער פאָטער פון דעם מיידעלע און עס זענען אנגעלאָפן מיט א געפילדער נאָך דריי קינדער, געקומען שוין צוריק פון דער שולע, ווייל די צייט איז שוין געווען, ווען מען גייט צוריק פון די שולן. די קינדערלעך האָבן געקוקט אויף מיר פריינטלעך נאָר דער באלעבאָס האָט געקוקט אויף מיר מיט א גרויסן חשד און מיך געפרעגט פון וואַנען איך בין און ווי קום איך א הער? זיין בליק און די פראגן האָבן מיך אנגעפילט מיט ציטער און דאָך האָב איך אים, מיט א געמאַכטער רואיקייט, געענטפערט אז איך שטאַם פון א

דאַרף נעבן קאַרטשעווע און אין דער מלחמה, ווען עס זענען געפאַלן באָמבעס איז אונדזער כאַטע פאַרברענט געוואָרן און מיינע עלטערן מיט צוויי ברידעלעך זענען דאָרט אומגעקומען, נאָר איך אַליין האָב זיך אָפּגעראַטעוועט און איך גיי איצט קיין מאַלקין דאָרט אָפּזוכן מיינע קרובים. די פרוי און די קינדער קוקן אויף מיר מיט רחמנות נאָר דער פאָטער באַטראַכט מיך מיט חשד פון קאָפּ ביז די פיס. זיי גייען אַלע צום טיש און בעטן מיך אויך צום עסן אָבער איך, פון דעם באַלעבאָס בליק, בין שוין גענוג זאַט, און דאָס האַרץ ציטערט אין מיר.

נאָכן עסן זענען מיר נאָך געזעסן, די קינדער זענען אַוועק זיך שפּילן אין דרויסן און אויך מיר פאַרבעטן צום שפּיל. אַוודאי וואָלט איך געגאַנגען זיך שפּילן אָבער כ׳האָב געוווּסט אַז כמוז זיין וואַך. אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן האָט מען מיר אויסגעבעט אויף דער פאַל אַ געלעגער, אָבער איך האָב געוווּסט אַז איך טאָר ניט שלאָפן. איך האָב דערווייל זיך גוט אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן. ווען דאָס ליכט איז געוואָרן אויסגעלאָשן און אַלע האָבן געלייגט זיך שלאָפן בין איך געלעגן אין גרויסן אומרו, ווייל דעם מאַנס בליק האָט שטאַרק מיך געשראָקן. ליג איך מיט אַ שווערן פאַרגעפיל און דערהער, ווי אין זייערע בעטן, אין צווייטן צימער, שושקעט מען זיך, איך הער קוים ווי ער זאָגט — מען מוז! און זי זאָגט — ניין! פאַרשטיי איך אין וואָס עס האַנדלט זיך. איך הער אויך ווי דער מאַן זאָגט צום ווייב־מאָרגן זאָלסטו איר געבן גוט אָפּצועסן, זי זאָל זיך גאָר ניט ריכטן. דאַן האָב איך באַשלאָסן ניט וואַרטן ביז פאַרטאָג. די לבנה האָט אַריינגעשיינט דורכן פענצטער האָב איך גענומען

א קליין בלייפעדער, וואָס כ'האָב פאַרמאַגט און אויף א שטיקל פאַפיר אנגעשריבן: זייער גוטע און געשעצטע פרוי איך דאַנק אייך פאַר אלץ וואָס איר האָט געטאָן פאַר מיר. איך דאַנק גאָט וואָס אייער בייזער מאַן האָט ניט געהאַט קיין שכל גלייך צו גיין צו די דייטשישע מאַכט, ווייל ביז פרי וואָלט איך שוין ניט געווען צווישן די לעבעדיקע. אין בעסטן דאַנק און צום ווידערזען נאָך דער מלחמה־מגיפה. אונטערגעשריבן – רעבעקאַ.

איך האָב דאַן שטיל געעפנט דאָס קליינע פענצטערל, ווייל די טיר וואָלט געסקריפּעט, און בין גיך אַרויס. איך בין געלאָפן, ווי פון וועמען געטריבן, אין איין אָטעם. און אַזוי זיך דערווייטערט אויף אַסך מיילן. ביז די הענער האָבן אָנגעהויבן צו קריייען, ווי זיי וואָלטן די מענטשן געוואָלט וועקן פון שלאָף.

"אַזוי האָב איך געוואָנדערט וואָכן און חדשים, געוואַלגערט זיך אין שטרוי און מיסטן, אין קעלערם פון חרובע שטעטלעך, געשלאָפן אין גריבער און אויף רוטשטאָוואַניעס. עס וואָלט צופיל צייט פאַרנומען דאָס אַלץ אייך דערציילן. איך אַליין בין גאָר ניט פעיק דאָס אַלץ צו געדענקען און צו דערציילן.

איינמאָל בין איך פון מידקייט אוועקגעפאַלן אונטער א קלייןביימעלע און געשמאַק געשלאָפן ביז דער פרימאָרגן, וואָס האָט מיך אויפגעוועקט, ס'איז געווען קאַלט, האָב איך געוואָלט מאַכן א פייער זיך אנצוואַרעמען, דערווייל האָב איך דערזען, פון ניט ווייט, א טייכעלע און בין פּאַמעלעך אוועק אַהין. זיך אָפּצוואַשן און זיך אָפּצופרישן. נאָכן אָפּוואַשן זיך האָב איך באַמערקט אַן איינזאַם הייזעלע קוק איך אַהין א נייגעריקע און מיר ווילט זיך גאָרניט גיין ווייטער. און אַט זע איך

ווי פון דעם הייזעלע גייט ארויס א קליין דאָרפיש יונגעלע און שלעפּט א ווייסע קו מיט שווארצע פלעקן צום פעלד אויף פּאַשע, זיץ איך אונטער א ביימעלע און קוק זיך צו ווי ער גייט אין מיין ריכטונג, און איך ווארט ער זאַל זיך דערנענטערן. אָט לאָזט ער אָפּ די קי זי זאַל פריי זיך פּאַשען און ער אליין זעצט זיך געמיטלעך אוועק, ער קוקט אריין אין די טאָרבע, וואָס מען האָט פון דער היים מיטגעגעבן און ער נעמט פון דאָרט ארויס צום עסן. איך בין דאָך געוועזן גוט אויסגעהונגערט האָט דער הונגער מיך געטריבן צו אים, דאָס הייסט צו זיין טאָרבע. איך גיב א שפּרונג ארויס פון מיין באהעלטעניש און מיט א שמייכל זאָג איך אים — גוט מאָרגן. ער קוקט מיך אָן מיט איבעראַשונג, פון וואנען האָב איך זיך דא גענומען? זעט אויס אז פרעמדע מענטשן קומען דא ווייניק אין דעם געגנט. קוקט ער אויף מיר, ווי ער וואָלט דאָס ערשטע מאָל א מענטש דערזען. ער קוקט פארגאַפט און עסט ניט מער. זעץ איך זיך נעבן אים און מיר רעדן ניט,מיר שווייגן. צום סוף פרעג איך אים ווי ער הייסט און ער זאָגט מיר — מאַרוש און איך זאָג אים אז מיין נאָמען איז רענא. ווייטער פרעג איך אים — פארוואָס עסטו ניט? נעם עס, זאָג איך אים, און גיב מיר אויך צו עסן ווייל מיך הונגערט! ער גיט מיר ברויט און מילך צו טרינקען פון זיין טעפּל און כבין זיך מחיה געווען. אזוי זענען מיר גאָר גיך געוואָרן פריינט. מיר האָבן זיך אָנגענומען פאר די הענט און געלאָפן צום טייכל און צוריק און מיר איז געווען אזוי גוט, פארגעסן אין אלע אומגליקן און געפאָרן בין איך צוריק געווען א קינד און מיט פרייד גענומען זיך שפּילן. דאָ האָט ער גענומען שפּילן מיט א מעסערל

און עס ער וואַרפן אין זאמד, וואַרפנדיק דאַרף דאָס מעסערל בלייבן שטיין. אן אז מיר איז דאָס געלונגען האָט זיין פנים אויסגעדרוקט א בייזע גרימאסע, האָב איך פארשטאַנען אז ער האָט גאָר ניט ליב געהאט צו פארשפילן. זאָג איך אים לאמיר וואָרפן נאָך אמאָל און איך וואָרף אזוי איך זאַל פארשפילן, דאן איז ער גאָר צופרידן. און מיר פארברענגען אין פריילעכע שפילן און כ'גיב אים צו געווינען. איז די צייט גיך אדורכגעלאָפן און די זון האָט אזוי ליבלעך געוואַרעמט. אָט הערן מיר, מען רופט אים, מארוש! מארוש, די מוטער רופט אים ווייל עס איז צייט די קו אויסצומעלקן. זאָגט ער צו מיר קום רענא. איך שעם זיך פאר דיין מאמע, זאָג איך אים. מיין מוטער איז א גוטע קום!

"ער נעמט די קי פארן שטריקל און איך גיי מיט אים, מיטן געדאנק צו זיין גוט פארזיכטיק. מיר קומען אן צו דער כאטע זע איך דאָרט שטיין א מאן מיט א פרוי און כ'רוף הויך אויס מיין "גוט אוונט" און ווען מארושע לאָזט מיך אליין ארייגייענדיק אין שטוב קוקןביידע, מאן און ווייב, זיך איבער און איך שטיי מיט אן אראָפגעבויגענעם קאָפּ און מיט א ציטער אין הארץ און דאָ הער איך א שטימע — קום אריין מיידעלע, ווערט מיר לייכט אויפן הארצן, די מוטער נעמט מיך אן ביים האנט און פירט מיך אריין אין דער כאטע. געווען איז דאָס אן ארעם ווייסע כאטע מיט אן אפענע שטאל פאר דער קו און דאָרט איז אויך געלעגן א חזיר מיט אירע פיר קליינע חזירמלעך. די כאַטע איז באשטאַנען פון צוויי קליינע צימערלעך און א קיך. אין קיך האָט מען געגעסן און געפירט דאָרט די גאַנצע בעליבאטישקייט. די מאַרושס עלטערן האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון גאנץ פשוטע ארימע

פויערים, וואָס קענען קיינעם קיין שלעכטס ניט טאָן און איך האָב פארלוירן יעדע שרעק. און געקוקט אויף זיי מיט צוטרוי.

"די גוטע פרוי האָט מיך אריינגענומען אין א קליין קעמערל, מיך אויסגעוואשן און אנגעטאן מיר יונגלישע וועש, אוודאי פון איר זון און כ'האָב געטראכט אז א גליק איז מיר אראָפגעפאלן פון הימל. דערנאָך איז זי מיט מיר אריין אין קיך ווי דער טאטע מיט מאַרושען האָבן געגעסן און כ'האָב געפילט אז דער מאן קוקט אויף מיר מיט גוטע אויגן עס האָט אזש געוואָלט זיך מיר צעוויינען. איך האָב מיט מארושס מאַמען געזעצט זיך צום טיש. דאָס עס איז געווען א גאנץ ארעם מאלצייט אָבער פאר מיר איז דאָס געווען ווי פון גן עדן. נאָכן עסן האָט די פרוי מיך אריינגעפירט אין א קליין צימערל, וואָס כ'האָב וואָס כ'האָב פריער ניט באמערקט און זי האָט מיר געזאָגט, כאָטש עס איז נאָך געגוג פרי אָבער ווייל דו ביסט מיד דארפסטו זיך גוט אויסשלאָפן. און מיך געלאָזט אליין.

"ליג איך און צום ערשטן מאָל פיל איך גאָר ניט, אז כ'דארף פאר עפעס מורא האָבן. כאטש פון געוווינהייט בין איך שטארק פאַרזיכטיק און הער זיך מיט חשד איין וואָס מען רעדט דאָרט אין קיך. און אָט הער איך ווי דער פאָטער רופט צו מארושן און זאָגט אים — רענא איז ביי אונדז א גאסט און, אויב דו ווילסט מען זאַל דאָס מיידעלע העלפן און זי זאַל זיין ביי אונדז, טארסטו אין שולע קיינעם וועגן איר ניט דערציילן קיין וואָרט, און קיינעם פון דיינע חברים ניט ברענגען אין שטוב אריין, פארשטאַנען? און ווייטער הער איך ווי דער מאַן זאָגט צו זיין פרוי: — זאָלסט איר אַנזאָגן זי זאַל גאָר ניט דערמאָנען און גאָרניט וועגן זיך דערציילן,

מיר ווייסן שוין אלץ, זי דארף זיין זייער פארזיכטיק. ווען כ׳האָב דאָס אלץ געהערט בין איך א רואיקע און צופרידענע פעסט אנטשלאָפן געוואָרן.

"איך בין געשלאָפן אין דעם טונקעלנעם צימערל און ניט געוווסט ווי שפעט עס איז. ערשט דאָס מרוקען פון דער קו און דאָס קוויטשען פון חזיר האָט מיר ארויסגעריסן פון בעט. כ׳האָב א נייגעריקע ארויסגעשטעקט דעם קאָפ און געזען אז עס איז שוין הויכער טאָג האָב איך הויך געזאָגט א גוט מאָרגן! און אלס ענטפער איז געקומען – א גוט מאָרגן דיר רענא!, זיך גוט אויסגעשלאָפן? איצט קום עסן! אנטשולדיקט וואָס כ׳בין אזוי לאנג געשלאָפן, כ׳בין געוועןמיד און שוין לאנג ניט געשלאָפן ווי היינט, האָב איך געזאָגט צו דער פרוי. אָפגעגעסן האָב איך אראָפגענומען אלץ פון טיש און גענומען וואשן די כלים מיט גרויס חשיק. די פרוי האָט געקוקט אויף מיר און מיך אריינגערופן אין דער צווייטער שטוב און מיר געזאָגט: הער רענא, מיר ווייסן ווער דו ביסט און מיר האָבן באשלאָסן דערווייל דיך צו האלטן. מיין מאַן ארבעט אין שטאָט און מיין זון גייט אין דער שולע, איך האָב ביז דער מלחמה געארבעט אין א קינדערהייט אין אָטוואָצק פאר יידישע קינדער. איך האָב דאָרט יאָרן לאנג געארבעט ביז מען האָט די אלע קינדער אומגעבראַכט. איך בין געווען שטאַרק צוגעבונדן צום אנשטאַלט און צו די קינדער און פון דאן בין איך ניט געזונט כ׳קען מער ניט אַרבעטן. מיין מאן ארבעט אין א פאבריק, ווייל ווי דו זעסט, האָבן מיר ניט קיין ערד און קיין שום ווירטשאפט, חוץ די קי און דעם חזיר, וואָס האָט דאָ ניט לאַנג געבוירן די פיר קליינטשיקע חזר׳מלעך. איך

און מיין מאַן ווילן דו זאָלסט דו בלייבן און מיר צוהעלפן צו דער אַרבעט. דאָס איז ניט קיין שווערע אַרבעט אָבער דו מוזט שטאַרק זיך היטן. אויב עמיץ וועט דאָ קומען מוזטו גלייך זיך באַהאַלטן. קיינער טאָר דיך ניט זען און גאָר ניט וויסן. אויב מען וועט דיך באַמערקן וועט דאָס זיין אַן אומגליק פאַר דיר און אויך פאַר אונדז. מיר וועלן טאָן אַלץ דיר צו העלפן. די מלחמה וועט שוין לאַנג ניט דויערן און וועט זיך ענדיקן מיט דער מפּולה פאַר די מערדערס. און אויב וועסט מיך הערן און טאָן וואָס כ'וועל דיר זאָגן, וועט נאָך זיין פאַר אונדז אַלע גוט. מיט די ווערטער האָט זי מיך צוגעטולעט צו זיך און כ'האָב איר פייערלעך צוגעזאָגט צו טאָן אַלץ, וואָס זי וועט מיך הייסן און זיין געהאַכזאַם און זיך גוט היטן. כ'האָב באַמערקט, ווי רעדנדיק צו מיר האָט זי געווישט אירע אויגן און כ'בין געווען גליקלעך וואָס כ'בין אַריינגעפאַלן צו אַזעלכע גוטע מענטשן. בין איך אַוועק און אַ זייט און שטאַרק זיך צעוויינט. די פרוי האָט מיך געפרעגט פאַרוואָס איך וויין און כ'האָב איר דערציילט, אַז איצט ווען כ'בין געקומען צו אַזאַ גוטע משפּחה, און מיר איז גוט קען איך אָבער ניט פאַרגעסן די מיט וועלכע כ'בין אַרויס און געטאָ. מיר זענען געווען פינף און איך טראַכט צו איז ניט זיי געשען עפּעס אַן אומגליק, צי האָט מען זיי ניט דערשאָסן. נעמט מיך אַן אַ געוויין. איך וואָלט זיי אַלעמען נאָך געוואָלט טרעפן לעבן און זיי זאָלן זיין גליקלעך, און דערביי ווישט איך מיטן פאַרטוך אויס מיינע אויגן. דאָ נעמט זי מיך ווידער אַרום, טרייסט מיך און גיט מיר אַ קוש. יאַ, זאָג איך, דאָס וואָס איר טוט פאַר מיר וועל איך אייך קיינמאָל ניט פאַרגעסן און אפשר קענען דערפאַר אייך אַמאָל גוט אָפּצודאַנקען.

האָב מיך מיט גרויס געטריישאפט גענומען זיך צו דער ארבעט, געוואשן די כלים און די וועש, געמאָלקן די קי, געגעבן עסן די חזרים, געהאָלפן אויך אין קאָכן פארן גאנצן הויזגעזונט און בכלל געטאָן אלץ צו זיין פאר זיי אלעמען נוצלעך און זיי זאָלן זיין פון מיר צופרידן.

"אזוי איז געפלאָסן די צייט, און איך האָב געלעבט נאָרמאל, ניט געטריבן געווען מער ווי א חיה אין וואלד, געהאַט מיין געלעגער, מיין עסן און דאָך האָט מיך אסך, אסך געפעלט. כהאָב פאַרלוירן מיינע עלטערן, מיינע חברים, מיין פאָלק. און וואָס וועט זיין ווייטער? איינמאָל קומט דער מאן אהיים פון דער ארבעט און דערציילטביים עסן; אז אומעטום רעדט מען אָפן אז די דייטשן פארשפילן, זיי לויפן פון די פראנטן, ווי פארסמטע מייז. זיי זוכן אָבער קרבנות פאר זייער מפולה. זיי נישטערן אין די דערפער, אין די קליינע שטעטלעך און זענען נאָך מער ברוטאָל. און ער זאָגט צו זיין פרוי, אז נאָכן אוונטברויט, ווען עס וועט ווערן פינצטער, וועלן מיר אלע נעמען לאפאטעס און אויסגראָבן א באהעלטעניש אונטער דער ערד, ווייל ווער ווייסט וואָס עס קען געשען? עס מאכט קיינמאָל ניט אויס צו זיין פאָרזיכטיק, יאָ, זאָגט די פרוי, און קוקט אויף מיך. איך האָב גוט פאַרשטאַנען אז עס האנדלט זיך אין דעם מיך אויסצובאהאלטן. און כ'בין געווען נאָך מער דאנקבאר פאר זייער זאָרג וועגן מיר. און טאקע, ווי נאָר עס איז געוואָרן פינצטער זענען מיר אלע אוועק, ווייט פון דער כאַלופע און מיט גרויס פלייס געקאָפעט און געקאָפעט, ביז שפעט אין דער נאַכט. אָבער דאָס האָט געדויערט עטלעכע נעכט. מען האָט די ווענט דערנאָך אויסגעשמירט מיט קאַלך. צוגעגרייט דאָרט

די וויכטיקסטע פאר א מענטש זאַכן. דעם צודעק אזוי פארמאַסקירט מיט גראָז עס זאַל ניט ווארפן קיין חשד. צום סוף האָט דער מאן אנגעזאָגט זיין ווייב, אז ער לאָזט איר איבער אזא פליסיקייט, אז אויב ער וועט ניט זיין אין שטוב און זי וועט דערהערן הינט־בילן, זאַל זי איבער בונקער אויסגיסן די פליסיקייט, די הינט זאָלן ניט דערשמעקן אז דאָרט געפינט זיך ווער באהאלטן. דאָ ווענדעט ער זיין בליק צו מיר און זאָגט: איך האָף אז אלץ וועט א דורך אין בעסטן ארדענונג.

אין עטליכע טעג ארום איז מיטאמאָל צעשטערט געוואָרן די ארומיקע שטילקייט. אויפן הימל האָבן זיך באוויזן אייראפלאנען און איבער די פעלדער האָט געטראָגן זיך א גערויש פון טאנקן מיט זעלנער. זיי זענען אָבער אוועק ווייטער און מען האָט פון ווייטן געהערט דאָס בילן פון הינט. האָט די פרוי מיר גלייך געהייסן כ׳זאָל אראָפּ אין דער באהעלטעניש. איך האָב דאָס גלייך געטאן. איך בין דאָרט געלעגן ביז עס איז געוואָרן פינצטער און ביז מען איז געקומען מיך פון דאָרט ארויסציִען.

„אזוי האָבן מיר געלעבט אין אומרו און שרעק עטלעכע וואָכן און דאָס אלץ צוליב מיר. איך האָב געפילט זיך גוט, וואָס מענטשן זאָרגן אזוי פאר מיין לעבן, דערצו ווען זייער אייגן לעבן איז צוליב מיר אין געפאר. ביז איינמאָל איז דער מאן אהיימגעקומען מיט א גרויסער פרייד, צעקושט זיך מיטן ווייב און זין. און אויך מיך צוגעדריקט צו זיך, מען האָט ענדלעך דערלעבט — אויס מלחמה! אוודאי גיט ער צו האָבן ניט אלע דערלעבט, נאָר די מערדער האָבן דערלעבט זייער מפּולה. דו ווייסט זיך, האָט ער מיט פרייד מיר געזאָגט, מער ניט

דאַרפן באהאַלטן. איך בין פאר גרויס פרייד אריינגעלאָפן אין דער צווייטער שטוב און שטאַרק זיך צעוויינט. איך האָב געוויינט, וואָס מיין לעבן איז געראַטעוועט און מיר האָט אזוי שטארק זיך געוואָלט לעבן. די פרוי איז גלייך אריינגעקומען צו מיר מיך געטרייסט און געזאָגט — הער מיין קינד אויב דו האָסט ניט קיין נאָענטע צו וועמען צו גיין קענסטו בלייבן ביי אונדז, מיר וועלן דיך האלטן ווי אן אייגענע טאָכטער. אָבער דו אליין דארפסט וועגן דעם באשליסן. דאָס געזאָגט און געלאָזט מיך אליין.

"צומאָרגנס האָט מען שוין געקענט הערן פריי פון ראדיא, וואָס איז אין דער צייט פון אָקאָפּאציע געווען פארווערט און מען האָט געמוזט די ראדיא־אפּאראטן אפּגעבן די אָקאָפּאציע־מאכט. איצט האָט דער ראדיאָ א גאנצן טאָג געהילכט וועגן זיג איבער די היטלער־מערדער וואָס דער ראדיאָ האָט אן אויפהער געגעבן פריילעכע נצחון־מארשן כ'האָב געהערט פון דעם מאן אז כאָטש. פוילן איז דערקלערט געוואָרן פאר א פריי און זעלבסטשטענדיק לאנד אָבער איבערן לאנד האָבן ארוממארשירט די זיגרייכע זעלנער פון דער רויטער־ארמיי.

"מיך האָט אָבער ווייניק אינטערעסירט די פּאָליטיק, כבין געווען דאן צו גליקלעך וואָס כ'האָב דערלעבט און צו אומגליקלעך מיט דעם וואָס כ'האָב פאַרלוירן.

"כאטש דאס איז געווען מיר צו שווער דאס זיי צו זאָגן. זיי האָבן דאָך אזויפיל פאר מיר געטאָן, זיי האָבן דאָך מיך געראַטעוועט פון טויט, דאָך האָב איך אויף קיין מינוט ניט פאַרגעסן יענע פרוי אין ווארשע, וועלכע האָט די ערשטע מיך, ווי א טאָכטער, אריינגענומען צו זיך און כ'האָב געפילט זיך צו יענער פרוי שטאַרק שולדיק, האָב איך

געזאָגט צו דער גוטער פאַמיליע אז איך האָב אין וואַרשע א גאָר נאָענטע צו וועלכע איך מוז פאָרן. זיי האָבן אויף מיר ניט געהאַט קיין פאריבל. אין כ'האָב זיי צוגעזאָגט אין זיי קיינמאָל ניט פאַרגעסן. דער מאן האָט באשלאָסן מיך אפצופירן קיין וואַרשע האָב איך ביים געזעגענען זיך צעקושט מיט דער פרוי און מיט מארישן זיך געזעגנט ווי מיט א ברודער.

"צו דער פרוי קיין ווארשע האָט מיך געצויגן דער געפיל וואָס כ'האָב מער ניט קיין מאמען ניט קיין טאַטן. עס האָט מיך געצויגן צו עפעס א היים וואָס די מערדער האָבן מיך בארויבט, זיי האָבן בארויבט מיין קינדהייט און מיין יוגנט. אויף אייביק וועל איך טראָגן אויף זיי מיין האס, און אויך אויף די אלע וואָס האָבן דערמאָרדעט מיינע עלטערן. און די אלע וואָס האָבן מיטגעארבעט מיט די היטלעריסטישע מערדער און כ'וועל אָבער קיינמאָל ניט פאַרגעסן די איידלע מענטשן, וואָס האָבן איינגעשטעלט זייער אייגן לעבן און מיך געראַטעוועט. איך בין גליקלעך וואָס כ'בין געבליבן לעבן כדי צו האלטן הייליק די צוואה פון מיין פאָטער צו דערציילן וועגן אלע מערדערייען, וואָס זענען אפגעטאָן געוואָרן קעגן די יידן. איך וויל דא אויך דערציילן, וואָס כ'האָב אסך שפעטער זיך דערוווסט, אז פון די פינף וואָס מיר זענען ארויס פון געטאָ, איז חוץ מיר נאָר איינער געבליבן לעבן דאָס איז זישע, ער איז געבליבן אַן אינוואליד, אויף איין פוס און לעבט אין ישראל. איך בין איצט גליקלעך וואָס כ'קען זיצן נעבן מיין נייער מאמען האננא און אייך דאָס אלץ דערציילן. איך האף אז אויך מיט אייך וועל איך בלייבן גוטע פריינט". נאָכדעם האָט יאנינא זיך אויפגעשטעלט און זי געקושט האָט וואצלאוו

זי ארומגענומען און געדריקט צו זיך, דערנאָך איז רעבעקאַ געבליבן זיצן שווייגנדיק אויף דער שויס פון דער פאַני האַננאַ.

וואַצלאַוו איז געווען שטאַרק גערירט פון דעם אַלץ וואָס רעבעקאַ האָט דערציילט, פון איר טראַגיש און העלדיש לעבן, וואָס זי האָט באַוויזן זייענדיק אַזוי יונג דורכצומאַכן. זי פאַרזיכערט אַז זי וועט קיינמאָל דאָס ניט פאַרגעסן, אָבער די וועלט, צי וועט זי ניט פאַרגעסן? דערווייל באַווייזט זיך אויפן טיש קאַווע מיט איבערגעבלייבענע וואַרעניקעס און יאַנינאַ בעט אַלעמען צום טיש. וואַצלאַוו פרעגט רעבעקאַן נאָך עטלעכע פראַגן און זי ענטפערט גערן, אַ צופרידענע וואָס זי האָט דאָס אַלץ דערציילט. וואַצלאַוו באַמערקט אַז רעבעקאַ האַלט עפּעס אַ ביכל אין האַנט און זי רעדט זיך שטיל דורך מיט האַננאַן. זי פרעגט אויב די אַנוועזנדע זענען ניט מיד וויל זי נאָך איבערלייענען אַ טייל פון אַ בריוו וואָס עס האָט געשריבן דער באַרימטער יידיש־פּוילישער פּאָעט יוליאַן טווים "צום אָנדענק פון מיין מאַמען אין פּוילן אָדער דעם טייערסטן שאָטן אירן" זי לייענט:

"אין גלייך הער איך די פראַגע: פון וואַנען איז דאָס דער 'מיר'? די דאָזיקע פראַגע איז אין אַ געוויסן זין באַרעכטיקט. זי ווערט מיר געשטעלט דורך יידן, וועמען כ'האָב תמיד דערקלערט אַז כ'בין אַ פּאָלאַק, און איצט וועלן מיר די זעלבע פראַגע שטעלן די פּאָלאַקן, פאַר וועלכע אין זייער גרעסטער מערהייט איך בין און וועל פאַרבלייבן אַ ייד.

"אָט איז דער ענטפער פאַר די ערשטע און פאַר דער צווייטע: איך בין אַ פּאָלאַק, ווייל אַזוי געפעלט עס מיר! דאָס איז מיין שטרענג־פּריוואַטער ענין, פאַר וועלכע איך האָב ניט בדעה קיינעם אָפּצוגעבן קיין חשבון, ניט אויסצוטייטשן און

ניט באגרינדן. איך טייל ניט פונאנדער קיין פאלאקן אויף, 'געבוירענע און ניט געבוירענע' און לאָז דאָס איבער פאר ראסיסטן, די היימישע און ניט היימישע היטלעריסטן. איך טייל איין פאלאקן, פונקט ווי יידן און אנדערע פעלקער, אויף קלוגע און נארישע, אויף ערלעכע און גנבים. אויף אינטעליגענטע און טעמפע, אינטערעסאנטע און לאנגווייליקע, אויף אונטערדריקער און אונטערגעדריקטע, גוט דערצויגענע און שלעכט דערצויגענע א.א.ז.וו. די דאָזיקע צוויי לאגערן זענען פארשטייט זיך ניט קיין פולקאמע. יעדע פון זיי פארמאגט אירע פארב־ניואנסן אָבער אזא צעטיילונג־ליניע עקזיסטירט. איך וואָלט געקענט זאָגן אז אויפן פאליטישן אויבערפלעך טייל איך איין די פאלאקן אויף אנטיסעמיטן און אנטי־פאשיסטן, ווייל פאשיזם איז שטענדיק אנטיסעמיטיש. דער אנטיסעמיטיזם דאָס איז זי אינטערנאציאָנאלע שפראך פון פאשיזם".

"איך לייען טווינסן, ווייל פויליש האָבן מיך געלערנט מיינע עלטערן. מיין מאמע האָט מיך געלערנט פוילישע לידלעך, וואָס כ'געדענק נאָך ביז היינט. און אט לייען איך אייך ווייטער וואָס טווין האָט געשריבן זייענעדיק אין ניו יאָרק, אָבער דאָסמאָל ניט "מיר פאָלאַקן" נאָר "מיר פוילישע יידן":

"מיר פוילישע יידן... מיר אייביק לעבעדיקע, דאָס הייסט מיר די אומגעקומענע אין די געטאָס און לאַגערס, מיר די שאטנס, וואָס וועלן איבער די ימען און אקעאנען זיך צוריקערן קיין פוילן און וועלן צווישן די חורבות אנוואַרפן א פחד מיט אונדזערע גאַנצע, ניט־גערירטע לייבער און מיט דעם געשפענסט פון אונדזער כלומרשט — אָפגעהיטע נשמות.

"מיר, דער אמת פון די קברים, מיר די אילוזיע פון עקזיסטענץ; מיר די מיליאָנען טויטע און צענדליק און אפשר עטלעכע צענדליק טויזנט כלומרשט ניט־מתים, מיר אן אומענדלעך־גרויסער ברודער־קבר; מיר א בית עולם, וואָס די געשיכטע האָט נאָך ניט געזען און וועט שוין ניט זען.

"מיר, די דערוואַרגענע אין די גאַז־קאַמערן און צעשמאַלצענע אויף זייף, מיט וועלכע מען וועט קענען אָפּוואַשן די שפּורן און אונדזער בלוט און דער קין־צייכן פון דער וועלט קעגן אונדז.

"מיר וועמענס געהירן האָבן באַשפּריצט די ווענט פון אונדזערע. אָרימע שטיבלעך און טויערן אונטער וועלכע מען האָט אודז מאַסנווייז אויסגעשאָסן בלויז דערפאַר וואָס. מיר זענען יידן.

"מיר, די הערלעכסטע אין דער געשיכטע — קופּע בלוטיק מיסט, מיט וועלכע מען האָט פעט געמאַכט די פּוילישע ערד, כדי די, וואָס וועלן אונדז איבערלעבן, זאָל בעסער שמעקן דאָס ברויט פון דער פרייהייט.

"מיר! פּוילישע יידן... מיר די לעגענדע, וואָס טריפט מיט טרערן און בלוט! ווער ווייס צי מען וועט זי ניט דאַרפן שרייבן אין ביבלישע פסוקים, אז זי זאָל מיט אייזן און בליי ווערן אויסגעקריצט אויף אייביקן זכרון".

"מיר וועלן ניט געפינען די קברים פון אונדזערע קינדער און מוטערס, ווייל זיי האָבן זיך אויסגעלייגט אין שיכטן, זיך אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן פאַטערלאַנד, אין דער גאַנצער ברייט — אין איין באַגרעבעניש, אין איין ספּעציעל באַשטימטן אָרט וווּ צו לייגן בלומען. נאָר, די וואָס ווען זיי זייען,

צערוואָרפן די קערנער, ווערסטו מוזן צעוואַרפן מיט אימפעט, אפשר ווערסטו דאָרט זיי צופעליק טרעפן".

געענדיקט דאָס לייענען האָט רעבעקא אָן אומעטיקע געפרעגט: "ווי איז דאָס מעגלעך וואָס דאָס פוילישע פאָלק האָט אַזוי מיאוס רעאגירט? און ווי קומט דאָס וואָס די גאַנצע וועלט האָט געוווּסט און געשוויגן?" אָבער אויך היינט, נאָך דעם שרעקלעכן וואָס עס איז געשען, קוקט מען אין מיין שולע אויף מיר מיט שינאה. כ׳וואָלט נאָך אַ סך געהאַט אייך צו דערציילן ווי אַזוי נאָך היינט איז צו אונדז די רעשטלעך געראַטעוועט, די באַציאונג פון מענטשן פון אַלע סאָרטן, אַ גליק, און דאָ האָט זי ארומגענומען האַננאַן, וואָס עס זענען נאָך דאָ אין דאָזיקן פאָלק אַזעלכע, ליידער געציילטע, וואָס זענען געווען און געבליבן איידל און מענטשלעך. אַ גליק, וואָס נאָך אַלץ וואָס מיר איז געשען האָב איך אין אַננאַן געפונען מיין נייע מוטער". אָבער דאַ האָט אַננאַ, וואָס האָט אַ סך געשוויגן, זי אָפּגערופן: אויך פאַר מיר, איז אַ גליק, וואָס כ׳האָב אין מיין איינזאַמקייט געפונען אַזאַ אינטעליגענטע, דרייסטע און טייערע טאָכטער".

אַזוי האָבן זיי פאַרברענגט אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין. וואַצלאַוו איז אַוועק צו זיך, צוזאָגנדיק ביים געזעגענען, מאָרגן צו קומען און רעבעקאַן מיט האַננאַן אָפּצופירן צום אויטאָ־סטאַציע. דאָס איז פאַר אים געווען אַ שרעקלעך שלאָפלאָזע נאַכט, פון בייזע חלומות און גרויליקע זכרונות פון מאָרדן, פייניקונגען. ער הערט נאָך די געשרייען פון קינדער, וואָס רופן פאַרצווייפל די הילף פון זייערע מאַמעס אָדער טאַטעס, וואָס זענען שוין מער ניט געווען צווישן די לעבעדיקע.

אין דער פרי האָט וואצלאוו מיט זיין פריינדין יאנינא באגלייט רעבעקען מיט דער פרוי האננא צום אויטאָבוס־סטאַציע. זיי האָבן מיט סימפאטיע באַוואונדערט די גרויסע צוגעבונדנקייט און געטריישאפט צווישן רעבעקאַן מיט איר ניי־דערצאָבערטער מוטער, אָט ווי טיף עס קען זיך שאפן א פריינדשאפט אויף אָט דער וועלט פון שינאה און פאלשקייט. פארן אָפפאָרן פון אויטאָבוס האָבן זיי זיך האַרציק געזעגנט און וואצלאוו האָט באמערקט, ווי יאנינא האָט דערלאנג רעבעקאַן עפעס אין האַנט אריין. דאָס האָט אים ניט געוואונדערט, וויסנדיק ווי שטארק דאָס דאָזיקע מיידל און איר טראגישע געשיכטע האָט געווירקט אויף איר. ווען דער אויטאָבוס איז אוועק האָט יאנינא געווישט אירע טרערן און געזאָגט צו וואצלאוון: "דאָס לעבן איז פול מיט טראגעדיעס, רעבעקאס טראַגעדיע איז אויך די טראַגעדיע פון איר גאַנצן פאָלק און זי אליין דאָס מיידל איז מיר געוואָרן אזוי נאָענט, מיט איר דערציילן סיי מיט איר האלטונג. ווען די אלע אומגליקלעכע וואָלטן געבליבן לעבן, וויפל ביכער וואָלטן זיי אנגעשריבן פון זייערע טראגעדיעס און זייערעליידן. וויפל פאַפיר און וויפל טינט וואָלט דערצו נויטיק געווען. אָבער אפילו ווען נאָכמער וואָלט באַשריבן געוואָרן, וואָלט דאָס אלץ ניט געקענט אָפשפיגלען דעם גאנצן גרויל פון דעם וואָס עס איז ווירקלעך געשען. פונדעסטוועגן דארף מען אלץ העלפן די דאָזיקע מענטשן עס זאָל באַשריבן ווערן דאָס וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט; וואָס זאָל בלייבן א בלוטיקער דאָקומענט פאר לאנגע דורות".

וועןביידע האָט נאָכן אוועקגיין פון אויטאָבוס, שפאצירט איבער די גאסן פון שטעטל, האָט יאנינא זיך ארויסגעכאַפּט

מיט אזעלכע ווערטער: "ווי כ'האָב פריער געזאָגט איז ראבעקאַס געשיכטע די שרעקליכע טראגעדיע פון איר פאָלק, עס עקזיסטירן אָבער אויך קלענערע, אָדער פערזענלעכע טראגעדיעס, וואָס זענען גאַנץ ווייטיקלעך פאר די וואָס האָבן דאָס דורכגעמאַכט". די דאָזיקע ווערטער האָבן אין וואצלאוון אנגעצונדן א געדאנק אז אויך זי יאנינא האָט עפעס גאָר וויכטיקעס צו דערציילן און די נייגעריקייט האָט אים געטריבן צו שטעלן איר אזעלכע פראַגן, וואָס זאָלן זי פראָוואצירן צו דערציילן. אויך זי האָט דאָך דורכגעלעבט די טראגישע מלחמה־יאָרן. אָבער יאנינא איז דאן גאָר ניט געווען געשטימט צו דערציילן, ערשטנס געפינט זיך גענוג דערשלאָגן נאָך רעבעקאס דערציילן איז בעסער ער זאָל זי באגלייטן א היים, ווייל זי האָט בכלל איצט ניט קיין שטימונג צו רעדן.

עס זענען אוועק נאָך עטלעכע טעג און וואצלאווס ארבעט אין דעם שטעטל האָט דערנענטערט זיך צו איר סוף און ער האָט ניט געגלויבט אז מען וועט אים פארלענגערן דאָס זיין דאָ. דערווייל האָט ביי דער פאַמיליע בזשעזשינסקי, ביי וועלכע ער האָט געוווינט, זיך געגרייט עפעס א טאפלטער יום טוב. די פרוי בזשעזשינסקא האָט געהאַט איר געבוירן־טאָג און עס איז געוואָרן פופצן יאָר נאָר איר חתונה מיט איר מאן. וואצלאוו האָט דאָס געוווסט נאָך איידער זיי האָבן אים פארבעטן צו דעם פייערלעכן אָוונט פון זייער יונגסטן זון. אָבער אזוי ווי יאנינא האָט אים געהאַט אויך פארבעטן אין דעם אוונט צו זיך האָט ער געמוזט גיין צו איר אין בעטן זי זאָל מיט אים מיטקומען צו דעם היימישן שמחה, וואָס זיינע באליבאַטים אָרדענען איין. און ווייל די בעליבאטים האָבן

שוין ניט איינמאָל געטראָפן זיי ביידן צוזאמען איז דאָך לאָגיש אַז זי זאָל זיך מיט זיי פּערזענלעך באַקענען.

יאַנינאַ האָט זיך אָבער געשעמט, געזאָגט אַז עס פּאַסט ניט זי זאָל קומען מיט אים, ווי אַ פּאַרטנערע ווען ער קען דאָך פּאַקטיש, לויט די יאָרן, זיין אירס אַ זון, און ווי קען זי גיין צו מענטשן ווען זי קען זיי ניט?

צו וואַצלאַווס גליק ווען ביידע האָבן געשמועסט וועגן דעם צו גיין אָדער ניט גיין איז אָנגעקומען זיין בעליבאָעס און געזאָגט צו יאַנינאַ, אַז אין זיין און באַזונדער אין זיין פּרויס נאָמען, וועלכע וויל שטאַרק זיך באַקענען מיט דער פּאַני יאַנינה, פּאַרבעטן זיי איר צו קומען אויף זייער אינטימען משפּחה־שמחה. אַזוי אַז יאַנינאַ האָט ניט געהאַט מער קיין אַרגומענטן אָפּצוזאָגן און מעגליך אַז איר האָט אויך געוואָלט זיך גיין צום דאָזיקן משפּחה־אָוונט.

ביי דער פאַמיליע בזשעזשינסקי, איז געווען זייער איינגענעם. דאָס פּאַרברענגען אין אַן אינטימער געזעלשאַפט האָט די אַלע אַנוועזנדע פאַרבינדן אין נאָך אַ גרעסערער פריינדשאַפט. אויך יאַנינאַ איז געווען צופרידן און גאָר ניט באַדויערט וואָס זי האָט געלאָזט זיך פּאַרבעטן, זי האָט דערמיט זיך דערוואָרבערט, אין דער פאַמיליע בזשעזשינסקי, נייע פריינד. דערפאַר האָט זי טאַקע וואַצלאַוון באַזונדער באַדאַנקט, ווייל נאָר אַ דאַנק אים האָט זי געהאַט די דאָזיקע מעגלעכקייט דעם אָוונט אַזוי איינגענעם צו פאַרברענגען.

וואַצלאַוו האָט דאַן אויך שטודירט אין אַ וואַרשעווער הויך־שול. געלערנט דורך קאָרעספּאָנדענץ און פון צייט צו צייט באַקומען פון דאָרט די שטודיר־מאַטעריאַלן און אָפּגעשיקט אַהין זיין אַרבעט. דאָרט האָט ער שטודירט צו באַקומען

זיין דאָקטאָראַט פאַר יוריסטיק. און דאַן געגרייט זיך צו די גרויסע עקזאַמינס. די אַרבעטן וואָס ער האָט געמאַכט פאַר דער יורידישע אָפּטיילונגען אין לאָדזש און אין ראַדיגאַשטש האָט אים דערמעגלעכט מאַטעריעל זיך אויסצוהאַלטן און צו לערנען, דערצו האָט די אַרבעט אים געגעבן די בעסטע געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט די אַלע שווידערלעכע פאַרברעכנס, וואָס עס זענען באַגאַנגען געוואָרן קעגן יידן אין פוילן, סיי דורך די דייטשישע מערדער, סיי דורך די פוילישע פאַשיסטישע און אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס.

כאָטש די אַרבעטן וואָס ער געמאַכט פאַר די יורידישע אָפּטיילונגען פון די ביידע שטעט האָט אים אַנגעפּילט מיט אַ שווער געמיט, איז ער דאָך, נאָכן אַ געשמאַקן שלאָף, אויפגעשטאַנען פריש און מונטער. דורך דעם פענצטער, ווי ער האָט געוווינט, האָט אַריינגעריסן זיך אַ פרישע פרילינג־לופט. דיביימער האָבן אַריינגעקוקט אין זיין פענצטער, פון די נעסטן האָבן אַרויסגעקוקט די שנעבלעך פון די פייגל און אַנדערע האָבן פריילעך שטיפעריש געשפּרונגען איבער די צווייגן, וואָס האָבן זיך צעבליט. די זון האָט שוין איינגענעם געוואָרעמט, אַלע סאָרטן פייגל האָבן מיט זייערע שטימען זיך צעזינגען. וואַצלאַוו האָט געקוקט דורכן פענצטער און געטראַכט וועגן דער וועלט, ווי דאָס מענטשלעכע לעבן איז פול מיט טראַגעדיעס, איז דאָך אָבער וווּנדערלעך שיין. אַלע באַשעפענישן וועלכע קעמפן פאַר זייער עקזיסטענץ, שפּרינגען און זוכן עסן, אַנדערע ווערן צעפּרעסן פון די שטאַרקערע, און דאָך רייסן זיך אַלע צום לעבן, זיי געבוירן קינדער, וועמען זיי פיעשטען מיט גרויסער ליבע. אָט זייגט אַ קאַץ אירע פינף קעצעלעך און גלעט און וואַשט זיי מיט ליבע. איז דאָך דאָס

אלץ א וווּנדערלעכע וועלט! ניט געקוקט אויף אַלע גרוילן און טראַגעדיעס רופט אים דאָס לעבן: — לעב ברודערקע, דרינג אַריין, וואָס טיפער אין לעבן און קעמפן אומידלעך פאר גערעכטיקייט! די וועלט זאַל באַפרייט ווערן פון די אַלע איבלען פון מענטשן און פעלקער־האס.

יאנינאַ קאָנאַרסקא

דאָס מאָל האָט יאנינאס הויז, וואָס איז דאָך שטענדיק געווען שיין און ציכטיק. אָבער ניט זייענדיק א געוויסע צייט צוליב זיין ארבעט, האָט עס דאָס מאָל אלץ אויסגעזען א ביסל אנדערש. א ביסל שענער, ווי ביז איצט. עס האָבן ארויסגעשיינט די ווערטפולע אנטיקן און די קרישטאלן. די צימערן, מיט דעם מעבל אלץ איינגעארדנט לויט א גוטן געשמאק און געקענט זיך פארגלייכן מיט די רייכסטע הייזער פון די אמאליקע לאָדזשער גרויס־אינדוסטריעלער, וואָס האָבן געלעבט אין זייערע פּאַלאַצן, וואָס דער נייער פוילישער רעזשים האָט זיי פארוואַנדלט אין קינדערהיימען אָדער אין ארבעטער־קלובן. וואָצלאוו קוקט זיך ארום און קען ניט אפּרייסן זיינע אויגן פון אָט די אלע ווערטפולע און נוצלעכע זאַכן, און ער ווייסט ניט וואָס פריער צו באוואונדערן. דערווייל קומט אריין יאַנינא מיט א זיסן שמייכל אויף איר פנים און וואצלאוון דוכט זיך אז אויך זי איז היינט מיט עפּעס אנדערש, ווי ער האָט איר אין דער לעצטער צייט געזען. זי זעט זיין נייגעריקייט און ווענדעט זיך צו אים מיט די ווערטער: ״ווייזט אויס, אז איר קוקט אלע מאָל אויף די זעלבע זאַכן און ווי כ׳זע קענט איר זיי נאָר אלץ ניט־זאַט אָנקוקן״. אויף דעם ענטפערט איר וואצלאוו: ״איך מוז אייך זאָגן, אז היינט

ניט אין אלע היימען קען מען טרעפן אזעלכע שיינע און ווערטפולע זאַכן, איך גלויב אז דאָס אלץ איז אין דער צייט פון דער מלחמה געווען גוט אויסבאהאלטן." יא, האָט זי געענטפערט, "ווען ניט וואָלט איך זיי דאָך זיכער מער ניט געהאַט. אָבער דאָס איז א לאנגע געשיכטע ניט אויף איצט צו דערציילן".

אייגענטלעך איז דאָך וואצלאוו היינט דאָ געקומען צוליב א גאָר אנדערע נייגעריקייט. אזוי ווי ער האָט שוין געענדיקט זיין ארבעט פאר דער שטאטישער יורידישער אפטיילונג און אים בלייבט נאָך צו זיין אין דעם שטעטל א קורצע צייט און דער אינטערעס אויסצוגעפינען ווער איז דאָס אייגענטלעך די פרוי יאנינא קאָנאַרסקאַ, לאָזט אים ניט גלייכגילטיק דאָס שטעטל צו פארלאָזן. ער מוז דאָך דערגיין די סודותדיקייט פון אָט דער אינטערעסאַנטער פרוי. זי האָט דאָך ביי אסך געלעגנהייטן אים געגעבן אָנצוהערן אז זי האָט אים עפעס וויכטיקעס צו דערציילן, און דאָס וואַרט ער דאָך פון איר. ער מוז דאָך לייזן דעם רעטעניש וואָס רינגלט זי ארום, די פראגע פאר וואָס וווינט זי ניט אין א גרויסער שטאָט, נאָר אין אזא קליין שטעטעלע? דאָס זענען דאָך פראגן וואָס דארפן זיין וויכטיק און אינטערעסאַנט. דערצו האָט דאָך אים יאנינא אליין גערופן צו זיך, ווייל זי וויל זיך מיט אים פאַרשטענדיקן וועגן א גאָר וויכטיקען ענין.

די פרוי וואָס באליבאטעוועט אין דאָזיקן הויז איז דאָסמאָל ניט געווען און יאנינא איז אוועק אין קיך ברענגען קאווע. האָט וואצלאוו דערווייל זיך איינגעקוקט אין די פאַטאָס, וואָס האָבן געהאָנגען אין א ווינקל פון אויפנאם־צימער. א גאנצע וואַנט איז געווען באַהאָנגען מיט

פּאַטאָס, זעט אויס פון איר יוגנט, און אויף א קליין טישל זענען געלעגן קאָלירטע אלבאָמען מיט פּאַטאָס פון טעאטער־סצענעס. די אלע פּאַטאָס און בילדער באווייזן אז זי יאנינא האָט געמוזט דורכמאכן אן אינטערעסאנט־פארביק לעבן אין איר יוגנט. ווען זי קומט אריין מיט דער קאווע מאכט איר וואצלאוו א קאָמפּלימענט, אין וועלכע פּרוי האָט דאָס ניט ליב? און פאקטיש האָט זי דאָסמאָל אויסגעזען יונג, זעט אויס אז זי האָט געהאַט צופרידענע טעג. זי זעצט זיך צום טיש און דערציילט אז זי האָט היינט באקומען א בריוו פון רעבעקאן, ווי זי בעט איר אים וואַצלאוון אָפּגעבן א גרוס. זי דאנקט איר וואָס זי איר האָט און דער פרוי האננאן אזוי גוט אויפגענומען, ווי זי האָט זיך געפעלט ווי אין אן אייגענער היים צום סוף פאַרבעט זי, א אויב יאנינא וועט נאָר זיין אין ווארשע, זאָל זיי אומבאדינגט ניט פארגעסן צו קומען צו זיי.

ביים טרינקען די קאַווע נעמט יאנינא אן אלבאָם פון טישל, זי עפנט און זאָגט צו וואצלאוון — "אָט דאָס בין איך! איר מיינט אז כ'בין ניט ענדלעך? יא, דאָס איז געווען אין טעאטער, אויף דער סצענע זעט מען ווירקלעך אויס אנדערש. דערצו בין איך דאָך דאן געווען אסך, אסך יונגער. איך בין אויך דאן געווען א באַרימטע פרימאַדאָנע אין טעאטער. ווי מיינט איר איך זע נאָך אויס ווי איך וואָלט אמאָל געווען א פרימאַדאָנע? איך גלויב אז איר וועט נאָך דא זיין א קורצע צייט און איך וועל אייך א ביסל וועגן זיך דערציילן. איך פיל א נויטווענדיקייט צו דערציילן, באַזונדער פאר אַ מענטש צו וועלכן כ'האָב צוטרוי און צו וועלכן כ'האָב סימפּאַטיע".

די רייד אירע האָבן נאָך מער אין אים אנגצונדן נייגער און ער האָט איר געזאָגט: "דאָס הייסט אז מיר האָבןביידע געמאכט זיך קאָמפּלימענטן. דאָס איז גוט און כ'בין צופרידן פון דער קעגנזייטיקער צוטרוי וואָס קען נאָר דערנענטערן. האָט דען ניט די טראגישע דערציילונג פון רעבעקאַן אונדז אלעמען דערנענטערט?"! "יא, זאָגט זי אויך דער ווייטיק האָט אונדז דערנענטערט".

ביים טרינקען די טיי האָט זי כסדר געוויזן אים אלץ אנדערע פּאָטאָס און דערקלערט אים פון וועלכע סצענע און וועלכע דראמע דער פּאָטאָ איז געמאכט, ווי זי איז ארויסגעטרעטן אין דער הויפּט־ראָלע, און איר נאָמען איז דאן בארימט געווען .זי איז אלס ארטיסטקע. ארויסגעטרעטן אין אסך אייראפּעישע שטעט און עס שטיקט איר אין האַרצן ווען דאָס צו דערציילן, פאר וועמען זיך אָפּרעדן פון הארץ. "אפשר וועט דערפון מיר לייכטער ווערן אויף דער נשמה, צו וועל איך דערצו געפינען א מער פּאַסיקן דערצו מענטש ווי איר",האָט זי געזאָגט?"

"איר ווייסט, זאָגט זי ווייטער, איך וואָלט שוין היינט געקענט האָבן אזא אָדער נאָך עלטערן זון פון אייך", יא, זאָגט וואַצלאוו, איך גלויב אז איר האָט זיכער געהאָט א זייער אינטערעסאנט לעבן, קען דאָס דאָך זיין א טרייסט, כאטש ס'איז ווייטיקלעך ווען מען דערמאָנט זיך דאָס אמאליקע, דערפאר איז טאקע געוואונטשן זיך אפצורעדן פון הארצן".

וואַצלאַוו האָט איצט געקוקט אויף איר מיט אנדערע אויגן און ערשט איצט פארשטאנען פון וואנען אירע צאַרטע, געפלעגטע הענט און די פיגור, אויך אירע רייד, ווי זי גערעדט מיט א רייכער סצענישער שפּראַך. זעט אויס, אז די אַלע ראָלן

פון איבסענס, טאלסטוי, טשעכאָוו׳ס און אנדערע דראמעס האָבן געפאָדערט פון איר, ניט נאָר זי זאָל גוט קענען אירע ראָלן, נאָר זי האָט דאָך געמוזט אסך אַרבעטן איבער זיך, וואָס האָט געשפייזט איר אינטעליגענץ און געלערנט איר צו דערקענען די טיפסטע ווינקעלעך פון לעבן. אוודאי האָט אזא רייך טעאטער־לעבן געמוזט איר געבן אסך צופרידנקייט אָבער דאָס רעאלע לעבן האָט מסתמה איר צוגעשטעלט ניט ווייניק צרות און ווייטאקן, וואָס זי טראָגט טיף אין זיך ביז איצט, און אפשר ביזן לעצטן לעבנס־אטעם. נאָכן זיצן פון ביידן א ביסל פארטראכט זאָגט זי: "יא, וואצלאוויע איך דערנענטער זיך שוין צו די זיבציקער, זאָגט ניט אז איך זע ניט אויס, ווייל דאָס איז ניט טייערער, פאר מיר קיין גרויסער קאָמפלימענט. דאָס באַווייזט נאָר אז כ׳האָב ניט דורכגעלעבט קיין געטאָס, קיין לאגערס און קיין הונגעריקע טעג. ניט אויף דעם האָב איך זיך וואָס צו קלאגן. מיינע זאָרגן און מיינע ליידן זענען פון א גאָר אנדערן מין, זיי שטאמען פון מיין פערזענלעכן לעבן. עס זענען דאָ אנדערע ווייטיקן ווי פון הונגער, שווער צו מעסטן וועלכע זענען גרעסער; דער הונגער נעמט צו די מעגלעכקייט פון טראכטן מיטן גאנצן באוווסטזיין. אַנדערש איז ווען מען ליידט ווען מען האָט ליב און מען איז געוווינט צו ווערן געליבט. אָבער אויך דאָס זענען ליידן, ליידן כאטש פון גאָר אַן אַנדערן סאָרט, אָבער ווי מען וואָלט פון הארצן עפעס ארויסגעריסן און מען בלייבט אויך ווי א הונגעריקער, ניט פעיק צום טראַכטן. אָפט בלייבט מען שטיין אין מיטן לעבן און עפעס רייסט פון דיר שטיקער, שטיקער. און מען פילט זיך ערגער ווי מען וואָלט צוגערויבט דיין גאַנץ לעבן.

זי רעדט און וואַצלאַוו קוקט אויף די ווענט און עס איז אים שווער אפצורייסן די אויגן פון די אלע בילדער. נאָר דא דערפילט ער ווי יאנינא קוקט אויף אים מיט א בליק, וואָס ער האָט שוין ניט איינמאָל ביי איר באמערקט, מיט א בליק ווי ער וואָלט איר אין עפעס דערמאָנט. דערפאר ווענדעט ער זיך צו איר: "זאָגט מיר טייערע, איר קוקט אויף מיר ווי איר וואָלט מיך פון ערגעץ געקענט אָדער ווי איך וואָלט אייך עמיצן דערמאָנט, ניט ריכטיק?

"וואָס קען איך ענטפער? זאָגט זי, איר דערמאָנט מיך א סך, וואָס כ'האָב שוין לאנג באמיט זיך צו פארגעסן. אָדער דערפון זיך אָפגעווינען, אָבער ווי קען מען אנטלויפן פון א לעבן מיט וועלכע מען איז געבונדן מיט בלוט און פלייש. ווי קען מען פון זיך אראָפוואַרפן דאָס אלץ מיט וואָס מען איז געוועזן געבונדן און געקנאָטן אָדער געפענטעט? אמאָל איז דאָס גוט ווען מ'איז דערמיט געפענטעט און מען קען זיך דערפון ניט באפרייען. אָבער דאָס איז מיר ניט געשען ביז מיין לעבן איז אריין אין א שווארצע, אָדער טונקעלנע כמאַרע און איז דאָרט פארבליבן. אָט וועגן דעם וויל איך מיט אייך זיך דורכשמועסן. כ'וויל ניט אוועק פון דער וועלט אין וועלכע איך האָב געלעבט אין די לעצטע יאָרן און עס זאַל ניט בלייבן קיין שפור פון מיין הערא‎ישער פארגאנגענהייט, וואָס זאַל אוועק ווי מיטן רויך. איך וויל ניט בלייבן קיין פאַרגעסענע. איך בין דאָך אין דער אַרטיסטישער וועלט געווען באַרימט און איצט ווייסט דאָך קיינער ניט ווי מיין געביין איז אהינגעקומען, ווייל כ'האָב זיך ניט געמישט אין קיין שום זאַך און דאָס צוליב מיינע פערזענלעכע דורכפאלן. אָט וועגן דעם וויל איך מיט אייך זיך דורכשמועסן. איך האָב באמערקט,

ווען רעבעקא האָט דערציילט וועגן איר טראַגעדיע, האָט איר געקענט אַזוי גוט זיך איינהערן, ניט־אָפּט טרעפט מען מענטשן וואָס קענען הערן דאָס וואָס א צווייטן טוט וויי. פאַר אייך וועל איך דערפאַר קענען עפענען מיינע טיפסטע אפילו אינטימע איבערלעבונגען. וואָס קען אפשר אויך זיין באַלערנט פאַר אַנדערע מענטשן. דאָס זענען מענטשלעכע פּראָבלעמען און דערמיט זענען מיר שוין געקומען דערצו וואָס כ׳וויל אייך דערציילן. ווייל כ׳וויל פון אייך וויסן אייער מיינונג צי מיין ביזאַיצטיקן שווייגן, איז געווען א ריכטיקע, אָדער מען טאָר אַזעלכע זאַכן ניט פאַרשווייגן און זיי פאַרעפנטלעכן? איך וועל אין גאַנצן זיך פאַרלאָזן אויף אייער מיינונג״.

אויף דעם האָט איר וואַצלאַוו געענטפערט:

״מיין טייערע יאַנינאַ, איך זאָג אייך צו, אויב כ׳וועל מיט עפּעס אייך קענען העלפן, בין איך פאַר אויך גרייט אַלץ צו טאָן. איך בעט אייך נאָר, איר זאָלט האָבן צוטרוי, און איך וויל טאָן וואָס כ׳וועל נאָר קענען און דאָס מיט גרויס דרך ארץ״.

נאָך די ווערטער האָט יאַנינאַ אים אַריינגעפירט אין שלאָף־צימער און זי נעמט אַוועק א גרויס בילד פון רעמבראַנד וואָס האָט פאַרדעקט א טירל און זי פירט מיך אַריין אין א קליין צימער, וואָס האָט ניט קיין פענצטער און זי באַלייכט עס מיט א שטאַרקע ליכט, דאָס צימערל מאַכט דעם איינדרוק פון עפּעס א מיסטעריעזע באַהעלטעניש, וואָס פילט אָן מיט עפּעס אָן אומרו. וואַצלאַוו דערפילט זיך אַביסל פרייער ווען ער דערהערט פון איר די ווערטער: ״ — דאָס אַלץ איז מיין! דא ליגט דאָס טייערסטע וואָס כ׳האָב ביז איצט פאַרמאָגט. דאָ אין דער באַהעלטעניש האָב איך געקענט רעדן צו מיינע

נאָענטסטע, צו מײַן פֿאַמיליע, וואָס כ'האָב פֿאַרלוירן, צו אַלץ וואָס איז מיר געווען נאָענט און טייער. איר װלאצלאַוויע זענט דער ערשטער פרעמדער פאר וועמען כ'האָב געעפנט דאָס דאָזיקע באַהעלטעניש, דאָס איז דערפֿאַר ווייל דאָ ליגט די געהיימניס פון מיין לעבן. ווי איר זעט זענען די אלע דאָ בילדער מיט גאָלדענע ראָמען און אויף די טעפּיכער האָב איך געטרעטן אין אויסלאַנד און זיי געבראַכט אהער. און דאָס וואָס דאָ געפינט זיך זענען פון פאר דער מלחמה, פון די נאָך גוטע צייטן. אין דעם קעמערל שמועס איך זיך אויס מיט די אלע, וועמענס פּאַטאַס איר זעט דא, אלע מיינע טייערסטע. איך ווייז אייך ארויס מיין צוטרוי, ווייל זיצנדיק אין געריכט איבער דעם מערדער פון רעבקאַס עלטערן האָט אין אונדזער ביידנס אויגן זיך באַוויזן טרערן און אויב איר האָט מיך געפרעגט מיט וואָס איך דערמאָנט מיך, ענטפער איך דערמיט, וואָס מיר ביידע זענען פון זעלבן געפייניקטן און דערמאָרדעטן פאָלק." זי האָט געמאַכט א קליינעם איבערייס און וויטער געזאָגט:

— "ווען רעבעקאַ מיט איר באַגלייטערין זענען ביי מיר איינגעשטאַנען איז דאָס פאר מיר געווען א גרויס געשעעניש און אויך א טאָפּלטער פארגעניגן, ווייל זי רעבעקאַ איז מיר געוואָרן גאָר נאָענט. יא איר האָט דאָס מסתמה באמערקט. איר וועט פרעגן פארוואָס? לאָמיר שפּילן אָפענע קאַרטן ווייל מיר ביידע האָבן א טיפן שייכות צו דער און צו די אלע רעבעקעס. לאָמיר זיך זאָגן דעם אמת, שוין די העכסטע צייט אראָפּצונעמען די מאַסקעס. דעריבער גלייב איך אויך אייך אז איר וועט זיין צו מיר אויפריכטיק און איר וועט מיר אויך דאַרפן העלפן".

— "אויב דאָס וועט זיין אין מיינע מעגלעכקייטן, טייערע יאנינא, האָט וואצלאוו, א טיף געריריטער איר געענטפערט, זאָגט מיר מיט וואָס זאָל איך. און מיט וואָס קען איך אייך העלפן? איך וועל דאָס אוודאי טאָן מיטן גרעסטן פארגעניגן און מיט וואָס כ'וועל נאָר קענען".

"דא צעלאַכט זיך יאנינא און מיט אן איראָנישן שמייכל. "איך פאדער חלילה פון אייך גאָר ניט אזעלכעס שרעקליכעס, איך וויל נאָר מיר זאָלןביידע זיך אָפן מודה זיין אז מיר געהערן צום זעלבן אָפשטאָם. נו צי איז דאָס אזוי שרעקלעך פאניע וואצלאוויע?"

וואצלאוו האָט געקוקט אויף יאנינען און אויך זיך צעלאכט און געזאָגט: "דער אמת אז כ'האָב קיינמאָל ניט אויסבאהאלטן מיין אָפשטאם, נאָר דאן ווען דאָס האָט באדראָט מיין לעבן. אמת אז כ'האָב ניט באזונדער זיך פארגעשטעלט מיט מיין אָפשטאם, ווייל דאָס איז גאָר ניט געווען נויטיק. איך בין, האָט ער ווייטער געזאָגט, צופרידן וואָס מיר האָבן דאָך די גאנצע צייט גאנץ זיך גוט פארשטאנען און געפילט א נאָענטיקייט". און אויסדריקנדיק זיין גרויסער צופרידנקייט האָט ער געגעבן איר א קוש אין האַנט. און דערביי, שוין ווי צוויי גאָר נאענטע זיך אָנגעגאסן גלעזלעך וויין און געזעצט זיך אויף צוויי פאטעלן און, ווי גוטע פריינד זיך אנגעקוקט, און ווי גוטע פריינד זיך געזאָגט, ווי צוזאמען:

— "אויך היינט האָבן מיר גאָרניט קיין נויטווענדיקייט עפנטלעך צו דעמאָנסטרירן אונדזער אָפשטאַם, ווייל כאָטש היינט לעבן מיר אין א לאנד, וואָס רופט זיך סאָציאליסטיש, איז אָבער די נשמה פון פוילישן פאָלק נאָך טיף פארסמט פון אנטיסעמיטיזם". זיי האָבן ווייטער אויפריכטיק געשמועסט זי

האָט גענומען א פאטא אין האַנט און אים געפרעגט: "ווייסט איר ווער דאָס מיידעלע איז?" ער האָט גוט געקוקט און ער האָט געזאָגט: "דאָס זענט איר מאדאם!" "יא איר האָט געטראָפן, דאָס בין איך זייענדיק 8 יאָר" און דאן ווייזט זי אים א גאנצן אלבאָם מיט בילדער פון איר משפחה. וואצלאוו איז געווען זיכער אז איר אָפשטאם איז ניט דער איינציקער סוד, וואָס זי האָט אים צו דערציילן, דאָך ער האָט געדולדיק געוואַרט ביז זי אליין וועט אירע סודות אים אנטפלעקן. האָט ער אויסגעהערט אלץ וואָס זי דערציילט אים. נאָכן דורכקוקן דעם אלבאָם האָט זי אים געפרעגט — נו ווי געפעלט אייך מיין משפחה? און זי זעצט זיך נענטער צו אים און דערציילט:

"מיין זיידע איז געווען דער רב פון אונדזער שטעטל נאווידוואר. א קליין שטעטל אונטער וואַרשע. מיין זיידע איז געווען א קלוגער ייד. אין דעם שטעטל האָבן געוווינט א סך יידן. וואָס זענען געקומען צו אים נאָך אן עצה אין יעדער פראגע. אויך די פויערים פון ארום זענען געקומען זיך אים צו בעראטן אין שווערע פאר זיי פראָבלעמען. מיין זיידע איז געווען קלוג און א למדן. ווען כ'בין אַלט געוואָרן זעכצן יאָר איז מיין זיידע געשטאָרבן, דאָס איז געווען א פארלוסט פארן גאנצן שטעטל. אין צוויי וואָכן ארום איז געשטאָרבן מיין בובע, נו קענט איר זיך פארשטעלן דעם טרויער, באזונדער פאר אונדז, ווייל מיין זיידע און באבע האָבן געוווינט ביי מיינע עלטערן. מיין זיידע האָט געלעבט 85 יאָר, די באבע 83 אוןביידע זענען קיינמאָל ניט קראנק געווען. איך האָב זיי ביידן שטארק ליב געהאַט. נאָך זייער טויט האָט ביי די יידן אין שטעטל זיך שטארק גערודערט, ווער עס זאַל איבערנעמען דעם זיידנס אָרט. עס זענען געבליבן צוויי ברידער, נאָר מיין

פאָטער איז געווען דער עלטערער קומט אים דאָס בענקל. מיין פעטער האָט דאָס גאָר ניט פאַרדראָסן, ווייל ער האָט געהאַט א גוטע פרנסה אוןביידע ברידער האָבן זער גוט געלעבט צווישן זיך. איך גערענק אז פון מיין פאָטער האָט מען געהאלטן נאָך מער ווי פון מיין זיידן, ווייל ער איז געווען זער קלוג און האָט אסך געלערנט און ער האָט באַקומען א גוטן שם צווישן די יידן אין דער וועלט."

ווייטער ווייזט זי וואצלאוון די פאטאָס פון אירע עלטערן און זי אליין פאַרזיכערט אז זי איז ענדלעך צו זיי. זי ווייזט אים די פאָטאָס פון אירע צוויי שוועסטערלעך און אירע ברידער. "מיר זענען געווען אכט קינדער און איך די עלטסטע. אלע זענען דערצויגן געוואָרן אין רעליגעזן גייסט. די מוטער איז געווען א זייער שיינע, אלע האָבן באַוווּנדערט איר שיינקייט, דאָס איז זי! זי האָט געטראָגן א שייטל און געווען שטארק פרום אויף מיר האָט מען געזאָגט אז כ'בין זער ענלעך צו מיין מוטער. מען האָט זי גערופן חנה, דאָס איז געווען איר נאמען, אלע קינדער זענען געוואָרן גוט דערצויגן און האָבן געלערנט אין די חדרים און ישיבות. פאר די מיידלעך האָט מען געדונגען ספעציעלע לערערס און האָבן זי געלערנט אויך פויליש. ווען איך בין געוואָרן 16 יאָר האָט די מאמע געבוירן דאָס יונגעלע לייבעלע, וואָס מען זעט אויף דער פאָטאָגראפיע. ער איז געווען א שיין און געגראטן קינד. פאַרשטענדלעך אז איך אלס די עלטסטע האָב געהאָלפן דער מאמען, געוואשן די קעפלעך פון די שוועסטערלעך און זיי געבאָדן, ווען די מאמע געבאָדן די יונגלעך. אין יענער צייט איז עפעס געשען מיט מיר אליין, ניט ווי סנדיק וואָס איך האָט אָפט ניט געהערט, וואָס די מאמע רעדט צו מיר, נאָר זיך אָפגעזונדערט

און געפּילט אַז עפּעס פעלט מיר. מיין מוטער האָט דאָס באַמערקט און מיך אַריינגערופן אין אַ באַזונדערן צימער און מיך אויסגעפרעגט, אפשר בין איך קראַנק, אפשר רופן אַ דאָקטאָר? אָבער מיין קראַנקייט איז געווען, וואָס כ׳בין רייף געוואָרן און געלעבט אין עפּעס אומבאַשטימטע חלומות, כ׳האָב ניט געחלומט וועגן אַ פּרינץ, וואָס זאָל קומען מיך נעמען, ווייל ביי אונדז זענען יונגלעך און מיידלעך שטענדיק געווען באַזונדער, כ׳האָב קיינמאָל מיט קיין, בחורים ניט געטראָפן זיך באַזונדער, אָדער מיט זיי געשמועסט. אפילו ווען כ׳בין געווען קליין. ביז כ׳האָב אָנגעהויבן צו פאַרשטיין עפּעס וועגן דעם. אָבער וועגן דעם וועל איך דערציילן אַ צווייטמאָל, דערווייל וועל איך אייך ווייזן די פּאָטאָס פון מיין פרומער משפחה, די ווייבער מיט שייטלען, די מענער מיט זיידענע קאַפּעלושן אָדער שטריימלעך".

אָבער וואַצלאַוון האָבן שוין געלאַנגווייליקט די פּאָטאָס און די דערציילונג וועגן איר משפחה. אַזעלכע געשיכטעס וועגן זייערע היימען קען דאָך הערן פון יעדן געראַטעוועטן ייד, וואָס אים האָט אינטערעסירט איז ווי אַזוי איז פון דעם מיידל יענטל אויסגעוואַקסן די באַרימטער פּרימאַדאָנע, וואָס האָט אַראָפּגעשיינט פון די טעאַטער־בינעס איבער די פאַרשידענסטע שטעט, און ווי אַזוי איז זי געוואָרן די פּאַני יאַנינאַ קאָנאַרסקאַ? ער האָט אָבער זיך אָנגעטאָן אַ גרויסן געדולד, ניט געפרעגט קיין קשהס, ווייל ער איז געווען זיכער אַז זי אַליין וועט אים אַלץ דערציילן. און זי האָט טאַקע דערציילט:

„איך דערצייל אייך דאָס אַלץ וועגן מיין משפּחה, ווייל ווי לאַנג האָב איך דען געקענט שווייגן, טראָגן אויף זיך אַ

פאלשע מאסקע, אנגיין פאר א קריסטן? ווי לאנג האָב איך זיך געקענט ארומטראָגן מיט א גרויסן ליגן, איך מוז דאָך כאטש פאר איין מענטש אראָפּוואָרפן פון זיך דעם ליגנט, וואָס האָט מיך געפּייניקט, ענדלעך א דאנק אייך איז דאָס איצט מיר געלונגען, זייט דעריבער געדולדיק אלץ אויסצוהערן וואָס כוועל דערציילן און זי דערציילט ווייטער:

"מיין פאָטער איז געוואָרן שטארק באליבט ביי מענטשן. כאטש ער האָט ניט געהערט צו די פאַנאטיש — רעליגעזע, האָט ער דאָך אפגעהיטן אלה רעליגעזע מנהגים. ער איז אָבער ניט געווען פון די, וואָס פלעגן זיך שארן אין אזייט, ניט דורכצוגיין נעבן א פּרוי. מיט איין וואָרט ער איז געווען, ווי מען פלעגט דאָס זאָגן, "צו גאָט און צו לייט". און איך האָב מיין פאָטער ממש פארגעטערט."

נאָכן איבערנעמען מיין זיידנס שטעלע אלס שטעטלדיקער רב האָט ער מיט קיין אנדערע זאַך זיך מער ניט באשעפטיקט. אָבער ווייל ער האָט געהאט א גוטע שטימע פלעגט ער בלויז אין די יום טובים מתפלל זיין אין שיל אלס חזן און מיין מוטער פלעגט דאן זיין אין זיבעטן הימל, אין דער היים ביי אונדז האָט קיין זאַך ניט געפעלט. מען איז געקומען צו מיין פאָטער פרעגן שאלות, וועגן חתונות און גטן. צו מיין פאָטער זענען אויך געקומען רייכע פּריצים זיך מיט אים האלטן אן עצה אָדער אויסצוגלייכן צווישן זיי סכסוחים, און אלע זענען אוועק פון אים צופרידענע. די מאמע פלעגט אזעלכע געסט אויפנעמען מיט טיי און געשמאַקן קוכן, וואָס האָט אויך געהאָלפן אויסצוגלייכן קאָנפליקטן.

איינמאָל איז צו אונדז געקומען דער פּריץ קאנארסקי מיט זיין זון יאַן. שיין איז דער דאָזיקער זון געווען, א הויכער און

געזונטער בחור. מיין מאמע האָט מיך דאַן געבעטן איך זאַל איר העלפן אויפצונעמען די חשובע געסט. דערביי האָט דער בחור ניט אַראָפּגעלאָזט פון מיר די אויגן. ער פּרובירט מיר צו העלפן, אָבער איך א פאַרשעמטע בין אַוועק פון אים, ווייל כ'האָב ניט געוואָלט מיין מוטער זאַל באַמערקן, ווי ער קוקט אויף מיר מיט אַזעלכע גרויסע אויגן און מיט אַזא ליבלעכן שמייכל. זיינע אויגן האָבן מיך געשטאָכן אין האַרצן און דאָס איז טאַקע געווען די סיבה, וואָס כ'האָב פון דאַן אַזוי שטאַרק זיך געענדערט, ניט געהערט וואָס מען רעדט צו מיר און אַרומגעשוועמען אין א ניט רעאַלע וועלט פון מאָדנע חלומות".

"איך דערמאָן זיך ווי כ'בין דאַן אַריין אין א צווייטן צימער און געפילט ווי מיין גאַנצער קערפּער וואָלט געווען אַנגעצונדן. פאַרגעסט ניט אַז כ'בין דאַן שוין געווען א מיידל פון זעכצן יאָר, וואָס האָט נאָך ביז יענער צייט, רעכט קיין בחור ניט אָנגעקוקט, דערצו נאָך א שגץ, וואָס דאָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן:

"יאַן איז דאַן געווען א סטודענט אין וואַרשעווער פּאָליטעכניקום און מיר פלעגן אין געהיים זיך טרעפן. ער האָט מיר געזאָגט אַז ער האָט מיך שטאַרק ליב און איך מוז זיין זיינע. איך האָב שרעקלעך זיך געשעמט. ניט געוווּסט ווי אַזוי צו האַנדלען, כ'האָב געוווּסט אַז דאָס איז א גרויסער חטא, וואָס קען לייגן א שווערן פלעק אויף מיין גאַנץ לעבן. און דאָך האָב איך ניט געקענט אים אָפּזאָגן און אַוועק אין געהיים זיך מיט אים טרעפן. פאַרגעסט ניט אַז ער איז געווען דער ערשטער בחור מיט וועמען כ'האָב זיך געטראָפן און ווען ער האָט מיך געקושט האָב איך זיך אין גאַנצן פאַרלוירן. ער פלעגט אויך פון דאַן קומען מיט זיין פאָטער צו מיין טאַטן

מאכן חשבונות און כ'האָב איינמאָל געהערט פון מיין טאַטנס מויל צו דער מאמען: 'דו ווייסט אז דער זון פון פריץ קאנארסקי איז א זער קלוגער, ער האָט א גוטן קאָפּ און ער פארשטייט א געשעפט'. האָט דאָס מיך געפרייט, וואָס מיין פאָטער האָט וועגן אים א גוטע מיינונג. און איך האָב זיך מער ניט געקענט באַפרייען פון דעם כישוף מיט וואָס ער האָט מיך געפאַנגען. זאָגט מיר וואַצלאוויע, צי האָט איר אמאָל שטארק ליב געהאַט און צו פארשטייט איר וואָס עס באדייט דאָס באקומען צום ערשטן מאָל א קוש פון א מאן?"

זי מאַכט א קורצן איבערייס און נאָך א מינוט שווייגן האָט זי פאָרגעזעצט:

"יאן האָט מיך אזוי פארכישפט און געשווירן אז כ'וועל זיין זיינע אז כ'האָב גאָר ניט געוווסט וואָס צו טאָן. כ'האָב גוט פארשטאנען אז עס וואַרט מיך עפּעס שרעקליכעס, וועגן וועלכע כ'האָב אפילו מורא געהאַט צו טראכטן, באזונדער האָט מיך געשראָקן וואָס עס וואַרט מיינע עלטערן. כ'האָב אָבער ווייטער זיך געמוזט טרעפן מיט יאנען. און יעדעס מאָל האָט ער גערעדט צו מיר כ'זאָל פארלאָזן מיין היים און גיין מיט אים, עס וועט מיר גאָר ניט פעלן. איך האָב אים אויך פארזיכערט אז כ'האָב אים ליב, אָבער עס איז נאָך ניט די צייט צו באשליסן און כ'האָב כסדר אָפּגעלייגט אויף א צווייטמאָל. אָבער ווען ער איז ערגעץ אַוועקגעפארן בין איך געבליבן ווי אָן א קאָפּ. די מאַמע האָט מיך געפרעגט, וואָס עס איז מיט מיר און כ'האָב איר געמוזט פאַרזיכערן אז מיר איז גאָר ניט. אָבער אין די נעכט האָב איך ניט געקענט שלאָפן, עס האָט מיך געפייניקט דער געדאַנק, וואָס וועט זיין מיט מיינע עלטערן, אויב כ'וועל אוועק מיט יאַנען?"

אמאָל שפּעט ביינאַכט, ניט קענעדיק אנטשלאָפן בין איך אראָפּ פון מיין געלעגער, שטילערהייט אריין אין קיך נאָך א ביסל וואַסער. מיין מאַמע האָט עפּעס אין מיר פאַרדעכטיקט מיר נאָכגעגאַנגען און געפרעגט פאַרוואָס איך שלאָף ניט? זי האָט מיך גוט אנגעקוקט און אויסגעשריגן: 'אוי ווי צו מיר! דו זעסט דאָך אויס ווי דו וואָלסט געווען חלילה ניט געזונט! זאָג וואָס איז דיר? 'מיר איז גארניט מאמע, האָב איך געוואָלט זי בארויקן, איך האָב נאָר געוואָלט א ביסל וואסער, גיי שלאָפן מאמע!' די מאמע איז אוועק און דאן האָב איך זיך צוגעהערט, ווי זיי רעדן צווישן זיך: 'דו ווייסט שלמה יצחק, עפּעס געפעלט מיר גארניט דיין טאָכטער, די לעצטע צייט פילט זי זיך עפּעס מאדנע, ווי ניט מיט אלעמען; און דער טאַטע ענטפערט: 'אפשר וועסטו גיין מיט איר צום דאָקטאָר, ער זאַל זי באטראכטן. אפשר איז דאָס ביי איר?... כווייס מען טאָר ניט פאַרלאָזן. כ'מיין חנהלע אז באַלד מאָרגן זאָלסטו גיין מיט איר צום דאָקטאָר.' 'דו ווייסט וואָס כוועל דיר זאָגן שלמה יצחק? אונדזער טאָכטער ווערט שוין זיבעצן יאָר און מע דאַרף שוין טראַכטן פאר איר א שידוך, מעגלעך אז דאָס איז די סיבה, וואָס זי פילט זיך ניט מיט אלעמען', 'דו מיינסט אזוי חנהלע? און אויב דאָס איז די סיבה ביסטו אפשר גערעכט, זי איז דאָך שוין טאקע א כלה־מיידל און עס איז שוין צייט זי זאָל האָבן א מאַן, כ'וועל זיך טאַקע וועגן דעם דורכרעדן מיט דער משפחה'. דערהערנדיק אזעלכע רייד האָב איך שוין געמוזט ווערן זייער פאָרזיכטיק און ארויסווייזן מיינע עלטערן אז איך פיל זיך גוט און אפילו פריילעך, כאָטש טיף אין הארצן האָט מיך געמאַטערט דער געדאנק, וואָס כ'גיי אָפּטוען, באַזונדער פאר מיינע עלטערן, צי וועלן

זיי קענען אזא קלאַפּ דורכהאלטן? איך בין אָבער געווען אזוי שטארק פארכישפט פון דער ליבע אז כ'בין גאָר ניט פעיק געווען אפילו צו טראכטן איבערצורייסן מיט יאנען".

"אלע שבת און זונטיק פלעגט יאן קומען צו מיר פון ווארשע און כ'האָב אים דערציילט וואָס מיינע עלטערן טראַכטן צו טאָן מיט מיר. די אלע טרעפונגען זענען געווען פאר מיר זייער איינגענעמע, אז כ'האָב זיך גארניט געקענט פארשטעלן, ווי אזוי וועל איך קענען זיין אן אים. זיין שיינקייט, איטעליגענץ און זיין שפראך האָט מיך אזוי באצויבערט אז כ'בין גרייט געווען מיין הארץ אים אָפּצוגעבן: איך בין פשוט געוואָרן, ווי א טייל פון אים. קיין זאך האָט ניט געקענט זיין ביי מיר שטארקער ווי די ליבע צום דאזיקן בחור.

"איינמאָל ביים געזעגענען זיך האָט ער מיר אריינגערוקט אין האנט א בריוו און געזאָגט אז איך זאַל דאָס איבערלייענען אין דער היים. דאָס איז, האָט ער געזאָגט, דער פלאן פאר אונדז ביידן און ביי דער נאענטסטער טרעפונג וועסטו מיר זאָגן, וואָס דו טראבסט וועגן דאָזיקן פלאַן. מיר זענען זיך צעגאנגען און צוויי באַזונדערע ריכטונגען.

"איך האָב דעם בריוו גוט באהאלטן, מורא האבנדיק אז עס זאַל חלילה ווער ניט אים זען. איך האָב מיך באזונדער געהיטן פאר מיין יונגערע שוועסטער, וואָס האָט ליב געהאט מיך נארשפיאנירן און ארייננשטעקן איר נאז אין מיינע עננים. דערפאר האָב איך זיך געהאַלטן מיט איר פון דער ווייטנס. יא פאניע וואצלאוויע, איר האָט זיך שוין באקענט מיט מיין גאנצער משפחה, אָט גיט א קוק דאָס איז זי מיין שוועסטערל. א, ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען זי וואָלט געבליבן

לעבן. זי האָט חתונה געהאַט פאר א רב אוןביידע מיט זייערע דריי קינדערלעך זענען אומגעקומען אין א טויט־לאגער".

וואצלאוו באקוקט די פאָטאָגראפיע פון א פרעכטיק מיידל און זאָגט: "איך בין זער צופרידן וואָס איר האָט מיך באקענט מיט אייער משפחה און נאָך מער דערפון, וואָס איר האָט מיר דערציילט פון אייער לעבן, וואָס איז דאָך אן אינטערעסאנטע און אויסערגעוועגלעכע, און איך דאנק אייך פאר דעם גרויסן צוטרוי צו מיר. איך בין זיכער אז אויך איר זענט צופרידן פאר דער מעגלעכקייט זיך אָפּצורעדן און איר וועט זיך פילן א ביסל פרייער". "אויב אזוי, האָט געענטפערט יאַנינאַ וועל איך ווייטער דערציילן":

"דער בריוו וואָס כ'האָב באקומען פון יאנען האָט מיך געמאכט זער נייגעריק און כ'האָב געוואַרט אויף א געלעגנהייט צו בלייבן אין גאנצן אליין, צו קענען דעם בריוו לייענען און באקענען זיך מיט זיין פלאן. צו קענט איר וואצלאוויע זיך פארשטעלן, ווען א מענטש האָט ווערמען שטארק ליב, ווי שווער ס'איז אים זיך צודערוואַרטן, צו קענען דורכלייענען וואָס ער שרייבט? כאטש איך בין געווען אין אים שטאַרק פארליבט בין איך אָבער שוין ניט געווען אזוי נאיוו ניט צו וויסן, אז יעדער בחור ווען ער וויל דערראבערן דאָס מיידל איז גרייט איר צוצוזאָגן גאלדענע גליקן, און ווען ער דערגרייכט זיינס ווערן די באַציאונגען צווישןביידן גאַנץ וואכעדיק. און אויך פאר דעם, אז אונדזערע באציאונגען זאָלן ווערן וואָכעדיק האָב איך מער פון אלץ זיך געשראָקן, און דערפאר אויך אזוי נייגעריק געווען דורכצולייענען זיין בריוו. איך קען אָבער ניט בלייבן אליין, ווייל דא עפנט זיך די טיר און מען רופט מיך צו גיין שפילן אין טאַרנעטשקע

(בינגאָ). ביי דער טיר שטייט מיין מוטער און פרעגט מיך, צום וויפלטסטן מאָל, 'ווי פילסטו זיך יענטעלע? 'יא איך פיל זיך זער גוט, ענטפער איך, און ציטער די מאמע זאַל ניט באמערקן דעם בריוו אין מיין האנט. און אז די מאמע זאַל מיך ניט פארדעכטיקן גיי איך שפילן מיט דער חברה".

"זיצנדיק אזוי ביים טיש באמערק איך אז עפעס קומען היינט מער מענטשן, ווי שטענדיק און די קינדער קוקן זיך איבער יענטל. יענטל, זאָגט צו מיר מיין שוועסטער, דאָס קומען צוליב דיר די שכנים,זיי קומען דיר שדכענען א חתן, זיי רייסן ממש אָפּ די טיר. 'און טראָץ דעם וואָס כ'בין עלטער פון איר האָב איך שטארק זיך פארויטלט. זע נאָר ווי זי שעמט זיך, ווען מען וואָלט מיר געשדכנט וואָלט איך גאָר געווען צופרידן'. דערווייל איז אריינגעקומען די מאמע און אלע זענען שטיל געוואָרן.

"כאטש עס האָט מיך שטארק באאומרואיקט, וואָס מען פארנעמט זיך און מען זאָרגט צופיל פאר מיר, בין איך דאָך געווען צופרידן צו הערן, ווען כ'בין געגאנגען פון די למודים אהיים, ווי מען רעדט וועגן מיר: זע נאָר ווי שיין זי איז אויסגעוואקסן! זאָגט אײן יידענע צו א צווייטער. דאָס איז דעם רבס טעכטערל, אַזאַ קראַסאוויצא קיין עין־הרע, א מיידל שיין ווי גאָלד! ווען כ'וואָלט געהאַט א דערוואקסענעם זון וואָלט איך מיר געוווּנטשן צו האָבן אזא געגראָטענע שניר. אנדערע האָבן זי גאָר אפגעשטעלט און געפרעגט: 'דו ביסט דאָס דעם רבס טאכטערל? איי ווי שיין און געגראָטן!'.

"די דאָזיקע לויב־ווערטער האָבן נאָך שטארקער מיך געשטויסן, וואָס גיכער דורכצולייענען דעם בריוו וואָס יאָן

האָט מיר געגעבן. איך האָב כסדר געטראַכט וועגן דעם, צי האָט ער מיך פּאַקטיש אַזוי ליב, ווי ער פאַרזיכערט מיר? און נעמענדיק אין האַנט דעם בריוו האָב איך מיט דער גרעסטער אויפמערזאַם געלייענט זיין יעדעס וואָרט. און ער האָט געשריבן: 'טייערע! דאָס יאָר ענדיק איך מיינע סטודיעס און וועל וואַרשיינדלעך אַנגעאַזשירט ווערן אויף אַרבעט אין דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס. עס איז מעגלעך אַז מען וועט מיך אַוועקשיקן קיין אויסלאַנד אויף אַרבעט. איז טייערע, ווי דו ווייסט האָב איך פון ערשטן בליק דיך ליב באַקומען און כאָטש דאָס האָט מיר געשטערט אין דער אַרבעט האָב איך דיך ליב און כ'בין גרייט אָפּצוגעבן פאַר דיר מיין לעבן. דעריבער בעט איך דו זאָלסט האָבן צו מיר צוטרוי וועט אַלץ זיין ווי אַמבעסטן.

"טייערע, איך האָב שוין אַלץ גענוי דורכגעטראַכט, ווי מיר וועלן לעבן. דערווייל וועלן מיר וווינען אין וואַרשע און דערנאָך... דערנאָך ...וועט אַלץ זיין גוט. געדענק אַז דו ביסט מיין גאַנץ לעבן און מיר וועלן זיך איינאָרדענען גאָר איינגענעם אונדזער לעבן. מיין ליבע צו דיר וועט דורכברעכן אַלע שטערונגען, וואָס וועלן שטיין אונדז אין וועג.

"דער בריוו האָט נאָך מער צעשרויפּט מיינע נערוון, איך האָבן ניט געגעסן, ניט געשלאָפן און אַלץ געטראַכט וואָס צו טאָן. דערווייל האָט ביי אונדז אין שטוב זיך גערודערט, שדכנים האָבן ניט אויפגעהערט צו קלאַפּן אין אונדזער טיר. אין שטוב האָט מיין טאַטע־מאַמע אַלץ געקליבן מיר אַ פּאַסיקן חתן און אַרומגעטראָגן זיך מיט גרויסע סודות. זיי האָבן גאָר ניט פאַרשטאַנען און גאָר ניט געוווּסט אַז איך האָב מיין אייגענעם גרויסן סוד, וואָס איך קען ניט און טאָר קיינעם

ניט דערציילן. אָבער וואָס עס האָט מיך אַמערסטן אויף מיינע עלטערן פאַרדראָסן איז געווען וואָס ניט זיי פרעגן מיך, ניט זיי באַראַטן זיך מיט מיר, נאָר זיי אַליין באַשטימען וועלכער מאַן איז גוט אָדער שלעכט פאַר מיר. זיי ווילן אויסקלויבן ווען, וואָס זיי געפעלט און ניט וואָס מיר געפעלט. זיי וועלן באַשטימען מיט וועמען איך זאָל חתונה האָבן, מיט וועמען לעבן, פון אים האָבן קינדער, ניט רעכנדיק זיך אין גאַנצן מיט מיין ווילן, ווי איך וואָלט וועגן מיין לעבן, מיין צוקונפט גאָר ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. אָט דער פאַקט איז פאַר מיר געווען אַזוי פּיינלעך, אַז דאָס האָט נאָך מער מיך געצויגן צו וועמען איך האָב ליב. ניין, נאָר איך אַליין וועל דעצידירן מיט אים צו לעבן. כ׳האָב געוווּסט אַז מיין באַשלוס צו לעבן מיט יאַנען איז עפּעס ביז איצט א ניט־דערהערטער, ניט ווייל יאַן איז ניט גוט אָדער גענוג שיין, נאָר ווייל ער איז ניט קיין ייד. און לעבן מיט א ניט־ייד איז פאַר א יידיש מיידל דאַן געווען דער גרעסטער פאַרברעכן. יאָ דאָס אַלץ האָב איך גוט געוווּסט און געוווּסט וואָס פאַרא שווערן וועג איך קלויב אויס. דעריבער איז מיר אַזוי שווער געווען צו דעצידירן און ענטפערן יאַנען, וואָס האָט אומגעדולדיק געוואַרט אויף מיין ענטפער. פאַר מיר איז געשטאַנען די פראַגע ניט בלויז איך, די קאַטאַסטראָפע, וואָס איך גרייט פאַר מיינע עלטערן נאָר אויך די מורא אַז אפשר טראַכט ער גאָר ניט אַזוי ווי ער רעדט?

״ווען איך דערמאַן זיך מיין שטעטל, די געסלעך, די חברטעס, מיין געבוירן־אָרט, ווי כ׳האָב זיך אָנגעשעפּט מיט די שענסטע חלומות און טרוימען, פון וואַנען כ׳האָב אַרויסגעטראָגן דאָס בעסטע און שלעכטס. וואָס איז דאָ אין

מיר. דאָס אלץ האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין געבוירן־שטעטל, מיין היים און מיינע עלטערן. דאָך האָט דער כעס, וואָס מען וויל מיך, ווי א זאַך פאַרקויפן, פאַר וועמען פאַרקנאַסן, וועמען כוועל ביז דער חתונה אפילו פאַר די אויגן ניט זעען. דאָס האָט מיך געשטויסן צו געזעגענען זיך מיט אַלץ, וואָס איז מיר טייער און צו פאַרייניקן זיך מיט מיין באַשערטן, וועמען איך אליין האָב אויסגעקליבן און ניט קיינער. די צייט איז געקומען איך האָב געמוזט זיך דעצידירן. דאָס וואָס מיינע עלטערן האָבן געוואָלט מיט מיר טוען האָט פון מיר אַוועקגעטריבן דעם גאַנצן איינגעבוירענעם צוטרוי צו זיי״.

וואַצלאַוו האָט מיט נייגעריקייט זיך איינגעהערט אין דעם וואָס זי האָט געזאָגט און דערציילט און ער האָט געטראַכט וועגן יענער יוגנט, וואָס זענען שוין ניטאָ, און באַזונדער די מיידלעך וועלכע האָבן געקעמפט און רעוואָלטירט קעגן זייער גורל. זיי האָבן זיך געבונטעוועט קעגן דער רעליגיע, ווי קעגן דער נאַציאָנאַלער אינטערדריקונג, געבונטעוועט זיך קעגן דער סאָציאַלער אומגלייכקייט, ווי קעגן דעם פּאָליטישן רעזשים, פאַר מער גערעכטיקייט און מער פרייהייט. האָבן זיי זיך געמוזט אויף בונטעווען קעגן זייערע עלטערן, וועלכע האָבן ניט געקענט פאַרשטיין אַז דער זון אָדער טאָכטער האָט זיין אייגענעם פאַרשטאַנד, זיינע מיינונגען און געפילן און ווילן אליין באַשטימען ווי אַזוי און מיט וועמען צו לעבן. באַזונדער זענען די טעכטער געווען אונטערגעוואָרפן דעם ווילן פון זייערע עלטערן. דעריבער האָט ער גוט פאַרשטאַנען יאַנינאַן, וועלכע האָט געוואָלט אליין באַשטימען איר גורל, דערצו איז זי דאָך געווען אויך פאַרליבט, אָט דאָס אלץ האָט איר געטריבן צו גיין אויף דעם וועג, וואָס זי האָט

אויסגעקליבן. אָט דאָס איז דער גרויסער סוד וואָס האָט פארוואנדלט דאָס יידישע מיידל פון נאָווידוואָר אין א קאנארסקא.

"אוי וואַצלאַוויע, זאָגט זי צו ווייטער; די צייט איז דערווייל געלאָפן, און איך האָב דערווייל געצווייפלט, ניט געווען אין גאנצן זיכער אין מיין גלויבן אין יאנעקן. אָבער אין מיין שטוב האָט מיך געמאטערט דאָס זוכן פון מיינע עלטערן פאר מיר א חתן. איינמאָל, ווען כ'בין געזעסן ביי זיך שטוב און געטראַכט וועגן יאנעקן. צו זאָל איך יא אָדער ניט זיך דעצידירן, איז אריינגעקומען מיין מוטער און פאָטער, די מאמע מיט א באזונדערן שמייכל, דעם אמת איז, אז כ'האָב איר זער ליב געהאָט. און זי זעצט זיך נעבן מיר. דער טאטע שטייט אנגעטאָן דאָס קאָפּעלע אויפן קאָפּ און גלעט זיין שווארצע באָרד מיט דער האַנט. די פינגער פון דער צווייטער האנט האלט ער אין וועסטל־קעשענע, דאָרט ווי עס איז געלעגן דער גאָלדענער זייגער, איך שטויס זיך אָן אז זיי ווילן עפּעס וויכטיק. מיר זאָגן, אָבער איך שווייג. דערווייל קוקן זיךביידע אָן, יעדער וואָרט דער צווייטער זאָל אנהייבן רעדן. די מאמע קוקט אויפן טאטן ער זאַל אנהייבן, דער טאטע קוקט אויפן דער מאמען און איך אויףביידע. אָט הויבט די מאמע אָן, אָבער דער טאטע גיט א הוס און די מאַמע בלייבט שטיל און דער טאטע הויבט אָן בזה הלשון: 'יענטעלע מיר קומען צו דיר מיט א גוטער בשורה. ווי דו ווייסט ווערסטו שוין באלד אכצן יאָר און ביי יידן טאר א מיידל חלילה לאנג ניט וואַרטן, און מיר ווילן דיך דעריבער חתונה מאַכן. מיר האָבן שוין טאקע פאר דיר אויסגעזוכט דעם פאסיקן חתן, א יונגער מאַן א בן תורה. דא

גיט די מאמע א זאָג' נאָך וואס פארא בן תורה!, אלע יידישע טעכטער געזאָגט. א שיינער בחור, א רבנס א זון, דאָס איז א גרויסע זכיה. מסתמה מין השמים.'.

"איך האָב געהערט אָבער קיין וואָרט פון מיין מויל ניט ארויסגעלאָזט און געוואַרט, וואָס זיי וועלן ווייטער מיר זאָגן. די מאמע האָט גערעדט ווייטער, אז כ'וועל זיין גליקלעך מיט אָט דעם חתן און דערביי געווישט די אויגן מיטן פארטוך. זי נעמט מיך ארום און זאָגט, הלואי זאַל דאָס טאקע זיין א זוג מין השמים. דאן זאָגט דער טאטע צו דער מאמען נו קום! זי וועט זיין צופרידן, מען דארף צוגרייטן די תנאים און זאַל זיין מיט מזל. ווען זיי זענען ארויס פון מיין צימער, האָב איך איראניש געטראכט, וואָס פארא גוטע עלטערן? זיי האָבן מיך שוין חתונה געמאכט! און איך דארף נאָר צושאקלען מיטן קאָפּ און זיין צופרידן. עפּעס א קלייניקייט א רבנס א זון און א לערנער, א בן תורה. זיי זענען זיכער אין זייער אויסוואל, כאטש זיי האָבן אים נאָך פאר די אויגן ניט געזען, פאר זיי איז גענוג וואָס דער שדכן רב חיים יוסל פון פארטשעוו איז געקומען מיט ברוכות פון רבין. ער דער רבי דארף דעצידירן מיט וועמען איך דארף א גאנץ לעבן זיין פארבינדן צוזאמען. מיין הסכמה דערצו דאַרפן זיי גארניט.

"אין צוויי וואָכן ארום דארפן אנקומען די מחתנים מיטן חתן צו אונדז אין הויז. עס איז נאָך דא גאנצע צוויי וואָכן און מען גרייט זיך שוין זיי אויפצונעמען. זיי וועלן ביי אונדז איינשטיין, טוט זיך שוין ביי אונדז "אויף טישן און בענק", ווי מען זאָגט. מען גרייט זיך צו דער גרויסער שמחה אָבער אויך דאָס שטעטל קאָכט, א קלייניקייט דעם רבס טאָכטער גייט חתונה האָבן. כ'האָב ניט געקענט דורכגיין די גאס,

מען זאַל מיך ניט נאכקוקן און מיך באטראכטן, ווי איך זע אויס. אויף אלע שטעטלדיקע צינגער איז געווען מיין נאמען. דערווייל איז אנגעקומען יאנעק, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן האָט ער פאר פרייד מיך געהאלדזט און געקושט. איך האָב אים אלץ דערציילט און מיר האָבן ביידע באשלאָסן זיך צוהאלטן גלייכגילטיק, זאָלן זיי דאָרט אלץ צוגרייטן און מיר וועלן ווארטן ביז יאנעק וועט ענדיקן די סטודיעס און אזוי ווי ער האָט שוין געהאַט א קאָנטראקט אויף ארבעט, וועט ער אין צוויי חדשים ארום מיך נעמען קיין ווארשע. ווען יאנעק איז אוועק בין איך געווען שוין זיכער אז מיין ליבע צו אים איז שטארקער, ווי מיין צוגעבונדנקייט צו מיין היים און צו מיינע עלטערן. ליגנדיק אין בעט האָב איך געטרוימט וועגן א גליקלעך לעבן וואָס מיר וואַרט מיט יאנעקן.

"דערווייל האָט מען ביי אונדז אין שטוב זיך געגרייט אויפצונעמען די געסט. עס איז שוין געווען באשטימט אז דער חתן וועט ניט שטיין ביי אונדז נאָר ביי מיין מומע שרה באַלטשע זי איז דאָך א צדיקה, אן אַלמנה מיט זיבן דערוואַקסענע זין, אלע ארנטלעכע סוחרים אין הענדלער, וועלן זיי שוין דעם חתן גוט אויפנעמען, ווייל ער טאר דאָך ניט זיין אין א וווינונג ווי עס געפינט זיך די כלה און די מומע האָט דאָך א גרויס הויז.

"ווען די מחתנים זענען געקומען האָט דער מחותן צו מיר זיך דערנענטערט, מיך אנגעקוקט מיט א שמייכל און מער האָב איך אים ניט געזען. דערפאַר אָבער די מחנתנטע דאָס איז שוין געווען א ווייבעלע!... זי האָט מיך פארנודיעט מיט אירע פראגן און גערעדט צו מיר איך זאָל זיין פאַר איר זון א גוט ווייב, ווייל ער איז ביי איר ווי אַן אויג אין קאָפ. זי האָט געגלעט

מיין פנים און מיך שרעקלעך נערווירט. איך האָב אָבער געמוזט זיך באַהערשן און אפילו אַרויסווייזן אַ צופרידענעם שמייכל. זונטיק האָט זיך אָנגעהויבן די צערמאָניע. עס איז געקומען די גאַנצע משפּחה פון די פאַרשידנסטע שטעטלעך. עס האָבן ניט געפעלט קיין סתם אורחים און ווען אַלע האָבן געהויבן די גלעזלעך צו אַ לחיים בין איך געזעסן אין מיין צימער, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ קליידל. נעבן מיר איז געזעסן מיין שוועסטער, וואָס האָט אויך ניט ווייניק מיך דענערווירט, מיר איז געווען טרויעריק אויף דער נשמה און זי איז מיך גאָר מקנה געווען און געזאָגט: 'ווי האַלט איך שוין דערביי, איך בין דאָך אין גאַנצן יונגער מיט צוויי יאָר, זי האָט געווונטשן מזל טוב און איך האָב געשוויגן.' פאַרוואָס ענטפערסטו מיר ניט, ביסט ניט צופרידן?' פרעגט זי און איך ענטפער 'יאָ שיינדעלע איך בין שטאַרק צופרידן, דו זעסט דען ניט אַז כ'בין צופרידן? און כ'האָב דערביי געגלעט מיינע האָר. דערווייל איז אַריין די מאַמע און געזאָגט צו מיר: 'נו, קום שוין אַריין! אַלע וואַרטן דאָך אויף דער כּלה. און זי האָט מיך גענומען אונטערן אָרעם און מיך אַריינגעפירט צווישן עולם, דערביי האָט זי פאַרדעקט מיין פנים מיט אַ טיכל, די מענער זאָלן חס־וחלילה ניט זעען מיין פנים. און איך האָב אַלץ גלייכגילטיק אָנגענומען געלאָזט אַלץ מיט מיר טאָן. מען האָט מיך צוגעפירט צו אַ טיש כ'האָב זיך אפילו ניט אָנגעקוקט, און ווען מען האָט עפּעס דאָרט געשריבן האָט מען מיר געגעבן אַ שפּיץ פון אַ טיכל, איך זאָל דאָס אָנרירן און כ'האָב, געהערט פון אַלעמען אַ פריילעכן אויסגעשריי — מזל טוב! מזל טוב! און מיך האָט מען אַריינגעפירט אין דעם צימער פון בלויז ווייבער,

אלע האָבן געטרונקען צו גלעזלעך וויין און פון דעם וויין וואָס מען האָט מיר געגעבן בין איך געוואָרן שטאַרק שלעפעריק און געבעטן דער מאַמען זי זאַל מיך אַריינפירן אין מיין צימער.

"ערשט דאַ האָב איך פריי אָפּגעעטעמט און גיך אַנטשלאָפן. אויפגעשטאַנען אין הויכן שוין טאָג, כ'האָב אפילו ניט געזען, ווי די אַלע געסט זענען פאַרשוווּנדן, צוזאַמען מיט די מחותנים, די טישן שוין אָפּגערייניקט. און כ'האָב געפילט ווי כ'וואָלט אויפגעשטאַנען ווי נאָך אַ בייזן חלום. דער חתן איז מיט מזל שוין אויך אַוועק. נאָר די מאַמע האָט מיך געפרעגט: נו, ווי געפעלט ער דיר דיין חתן? ענטפער איך: 'ער! ער! טייערע מאַמע, האָסט דאָך אים מיר אפילו ניט געוויזן, איך ווייס אפילו ניט ווער דאָס איז געווען, פאַרוואָס פרעגסטן, ווי ער געפעלט מיר?' נו, ענטפערט די מאַמע, זאַל זיין גוט וועסט אים שוין זען נאָך דער חופה. זי גיט מיר אַ קוש און גייט אַוועק.

"בין איך געבליבן מיט מיינע געדאַנקען, דער גאַנצער שפּיל מיט די תנאים האָבן נאָך מער באַפעסטיקט מיין באַשלוס, צו לעבן נאָר מיט אַ מענטש וועמען איך האָב ליב, מעג ער זיין ניט קיין ייד, וועלן מיר אָבער זיך ליב האָבן און האָבן די זעלבע צילן אין לעבן. איך האָב גאָר ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי, די אַלע פון מיין משפּחה און די אַנדער מיידלעך פון מיין פאָלק, קענען זיך צופּאַסן צו פרעמדע צו זיי מענער, זיך צוזאַמענלעבן, אָן טיפע געפילן, אָן ליבע. אַזאַ שטייגער לעבן האָט מיר אויסגעזען אומדערטרעגלעך און געוועזן צופרידן, וואָס איך וועל דאָס ניט מיטמאַכן".

"דערווייל האָט וואַצלאַוו באַקומען אַ טעלעפאָן פון לאָדזש ער זאַל, אין דריי טעג אַרום, זיך שטעלן צו דעם שעף פון זיין

אַמט אויף א קאָנסולטאַציע. זיי דאָרטן האָבן ניט געוווסט אז ער האָט שוין זיין ארבעט אין דעם שטעטל בזשעזשין געענדיק. אלע זיינע אויפגאבן דורכגעפירט, און לויט זיין איבערצייגונג גאָר ניט שלעכט. ווען ער האָט וועגן דעם דערציילט זיינע באליבאטיס, ווי ער איז איינגעשטאנען, האָט די פרוי בזשעזשינסקי און אירע קינדער דאָס ניט אויפגענומען, ווי אמבעסטן, זיי האָבן געוואָלט ער זאַל ווייטער בלייבן ביי זיי. זיי זענען געווען שוין צו אים צוגעוווינט. אויך ער איז געווען צוגעווינט און זיך גוט געפילט ביי אָט דער פריינטלעכער משפחה. ער איז אויך געווען צוגעוווינט צום שטעטל, ווי ער האָט געהאט אזעלכע טיפע איבערלעבונגען, ווי דער פראצעס קעגן דעם יידן־מערדער יאן מאטושעווסקי. און דערביי באקענט זיך מיט דעם וווּנדעלעכן מיידל רעבעקא און מיט איר גאנצער טראגישער פארגאנגענהייט. ער האָט זיך אויך באקענט מיט דעם גרויסן רעטעניש, וואָס האָט אים שטארק אינטריגירט און אינטערעסירט, וועגן דער מיסטעריעזער פרוי יאנינא קאָנאַרסקאַ, ווי ער וואָלט דאָס געלייענט פון עפעס א שפאנענדיקן ראָמאן. אזוי אז ער האָט אין דעם שטעטל א סך גענאָסן, דעראָרבעט זיך גוטע פריינד און די בעסטע איינדרוקן.

דעם אוונט האָט ער געגעסן אוונטברויט ביי דער פאַמיליע בזשעזשינסקי. דערנאָך זענען די קינדער פון דער פאמיליע אריין צו אים אין צימער און אים געבעטן ער זאַל צו זיי, ווי מעגלעך אָפטער קומען און געפרעגט אויב זיי וועלן זיין אין לאָדזש צי וועלן זיי קענען אים וויזיטירן. ער האָט אין די קינדער אויך געפונען אויפריכטיקע פריינד און זיי צוגעזאָגט,

ווייטער אנהאלטן די פריינדשאפט און ווייטער מיט זיי זיך צו טרעפן.

אזוי ווי ער האָט נאָך געהאַט פאר זיך צוויי טעג אין דעם שטעטל צו פארברענגען איז ער בייטאָג אוועק ווידער צו דער פרוי יאנינא. כאטש ער האָט פאר איר געשיכטע און אין איר רעטעניש געפונען א באשייד האָט ער אָבער אלץ געוווסט, אז זי האָט נאָך אסך אינטערעסאנטע זאכן צו דערציילן. האָט ער די גאנצע צוויי טעג, וואָס איז אים געבליבן, פארבראכט ביי יאנינען, נאָר אין די נעכט איז ער אוועק שלאָפן צו דער משפחה בזשעזשינסקי. ווען יאנינא האָט זיך דערוווסט אז ער פארט צוריק קיין לאָדזש, האָט דאָס אויף איר ניט גוט געווירקט, די סיבה האָט ער אויך איצט אנטפלעקט, ווייל ער וואצלאוו האָט זי דערמאָנט אין איר זון, וואָס ווען ער וואָלט נאָך געלעבט וואָלט ער געווען אין וואצלאווס יאָרן. דאָס איז אויך אפשר געווען די סיבות, וואָס זי האָט צו אים אזוי דערנענטערט און מיט אים זיך באפריינדעט. דעריבער האָט זי א ניט־צופרידנקייט אויפגענומען דעם פאקט וואָס ער פאָרט אוועק. וואצלאוו האָט דאָס באמערקט אין איר האלטונג און זי צו טרייסטן האָט ער איר געזאָגט: "טייערע פרוי יאַנינא, כאטש איך פאר פון דאנען אוועק וועל איך דאָך שטיין מיט אייך אין א כסדרדיקן קאָנטאקט, און אויב איר וועט ניט האָבן קעגן דעם, וועל איך דא אפטער קומען אייך וויזיטירן. זי האָט דאָס אויפגענומען מיט צופרידנקייט און געקוקט אויף אים, ווי זי וואָלט נאָך עפעס געהאַט אים צו זאָגן, נאָר געשוויגן.

א צווייט מאָל האָט זי געהאלטן א פּאַק מיט פּאָטאָס און אנדערע פּאַפּירן און געוואָנדן זיך צו וואַצלאַוון, מיט א

האַרציקע שטימע, און אים געזאָגט: "ווי איר ווייסט אז כ'האָב זיך אונטערגענומען אייך דערציילן, וואָס ביז איצט האָב איך דאָס קיינעם ניט געוואגט, און ניט געהאט אויך ווער צו דערציילן, וויל איך אייך שוין אלץ דערציילן ביזן סוף. דאן וועל איך אפשר זיין צופרידן, וואָס דעם סוד פון מיין לעבן וועל איך ניט מיטנעמען מיט זיך אין קבר. אפשר איז בעסער אוועקצוגיין פון דער וועלט און מיינע סודות דא פאר ווער ווערן איבערלאָזן? און אפשר וועט די געשיכטע פון מיין לעבן האָבן פאר ווער ווערן א ווערט, אויב אויך איר וועט די געשיכטע אמאָל פאר אנדערע דערציילן, ווי איך דערצייל דאָס פאר אייך. אפשר וועט דאָס זיין א לערע פאר אנדערע מיידלעך, אזעלכע ווי איך בין געווען, זיי זאָל וויסן ווי אויסצומיידן די פעלערן, וואָס איך האָב געמאַכט אין לעבן, און וויסן אין זייער לעבן בעסער פון מיר צו האנדלען; זיי זאָלן זיין גענוג זעלבסטשטענדיק און באַפרייען זיך פונעם דרוק פון זייערע עלטערן, כדי זיך שאפן א בעסער לעבן.

"איך פארשטענדלעך בין דאן געווען צופרידן מיט מיין באשלוס כאטש כ'האָב אין גאנצן זיך ניט אפגעגעבן רעכנונג, וואָס מיין טאט און מיין באשלוס קען ברענגען פאר מיינע עלטערן. איך בין זיכער שולדיק וואָס כ'האָב ניט געהאט דעם מוט אפן זיך אנטקייגנצושטעלן דעם ווילן פון מיינע עלטערן און דאָס האָט אין א גרויסער מאס געברענגט פאר זיי די גרויסע טראגעדיע. אויך אין מיין שפעטערדיקן פערזענלעכן לעבן, וועל איך קיינעם פון אונדז, ניט אים און ניט מיר באשולדיקן, פאר דעם וואָס נאָכן אנגעהויבן א זיין שיין לעבן, האָט שפעטער פּאַסירט, אפשר איר אלס אדוואָקאט, וועט, ווי אלע יוריסטן, זוכן דעם שולדיקן. איך אָבער וועל אייך

דערציילן דעם גאנצן אמת ערשט צום סוף הערן אייער מיינונג. איך וועל אויסנוצן די צייט, יעדעס מאָל ווען כ'וועל קומען קיין לאָדזש, מיט אייך זיך צו טרעפן און פארזעצן אייך צו דערציילן, אָבער דערווייל הערט וואָס ווייטער איז געשען:

"געווען איז דאָס אין חודש יולי. יאן האָט שוין דורכגעמאכט אלע עקזאַמינס. אָבער ביי מיר אין שטוב האָט מען געגרייט זיך שוין צו מיין חתונה, כאָטש עס איז געווען נאָך דריי חדשים צייט. מען האָט דא געפּאָרעט זיך וועגן א חתונה קליידל און אנדער פאר מיר נויטיקע זאכן. כ'האָב זיך גאָר ניט אריינגעמישט, גאָר ניט געשטערט עס זאַל ניט פאלן אויף מיר קיין חשד, נאָר ביי זיך געטראַכט אז איך מוז וואָס גיכער אַוועק פון דער היים און זיין מיט אים. כ'האָב אלץ וויניקער געטראכט וועגן די קאָנסעקווענצן, ווייל מיין הארץ האָט שטארק געצויגן צו אים.

"שבת צו הבדלה בין איך שוין געווען אין ווארשע. יאנעק האָט מיך ארויפגעפירט אויפן פערטן שטאק פון דער לעשנא גאס. איז געווען א קליין בוידעם־שטיבל אָבער ריין־ציכטיק. איך האָב מיט זיך גאָרניט גענומען, ווייל כ'בין ארויס פון שטוב מיט א תירוץ אז איך גיי אויף א שפאציר. ווי איך קוק זיך ארום אין צימער באווייזט זיך אין דער טיר א פרוי און זי פרעגט יאַנעקן צי ער דאַרף נאָך עפּעס און צי אלץ איז אין אָרדענונג, ווען ער ענטפערט איר שטעלט מיך פאַר פאַר זיין א ווייב. זי גיט א שמייכל און איך זייענדיק צומישט שאקל צו מיטן קאָפּ, ווערנדיק אין גאנצן רויט. דאָס פּנים האָט געברענט ביי מיר, א גליק וואָס זי איז גלייך אוועק.

"ווען מיר בלייבן אַליין נעמען מיר זיך שטאַרק ארום און

איך קען ניט פון אים זיך אפרייסן, פון פרייד און פון אומרו. ער באַרואיגט מיך און זאָגט מיר צו אַז אַלץ וועט זיין גוט. ער נעמט ארויס פון דער שאפע נאכט־וועש פאַר מיר און ווייזט מיר אַז ער האָט געקויפט פאַר מיר עטלעכע קליידלעך וויסנדיק אַז איך וועל גאָר ניט קענען ברענגען מיט זיך, און אַ צופרידענע פארגעס איך אין מיין היים, וועלכע כ'האָב צוליב אים אזוי אומגעריכט פאַר מיינע עלטערן פאַרלאָזט.

"שטענדיק, ווען כ'פלעג קומען צו יאנעקן קיין וואַרשע, האָט ער מיך ארומגעפירט איבער אַלע אירע ווינקעלעך און אויך ארויסגעפאָרן מיט מיר אונטער דער שטאָט. איצט כ'בין שוין אַלט געוואָרן 18 יאָר און געקומען שוין אין גאַנצן צו אים. פלעגט ער יעדן טאָג, ווען ער איז נאָר קומען אהיים, מיך אזוי קושן אַז כ'האָב גאָר ניט געוווּסט פאַרוואָס דאָס קומט מיר, און פאַרוואָס האָט ער מיך אזוי ליב?. עס איז שוין געווען נאָענט צו הארבסט, די קינדער האָבן שוין אנגעהויבן צו גיין אין די שולעס, האָט יאנעק מיך גענומען אויף די קני און דערציילט מיר זיין פּלאַן, ווי אזוי מיר וועלן ווייטער לעבן. דאָס ערשטע האָט ער מיר געברענגט אַ מתנה צו מיין געבוירן־טאָג און געזאָגט אַז ער האָט פאַר מיר נאָך אַ בעסערע מתנה, ער האָט מיר דערציילט אַז זיינע פריינט האָבן דערלעדיקט אַז איך זאָל שוין די אנדערע וואָך אנהייבן לערנען אין אַ טעכניקום פאַר טעאַטער־קונסט. דאָס איז אַ שולע פון פאַרשידענע טעאַטער דיסציפּלינען און אין משך פון לערנען ווערן די שילער אויסגענוצט אַלס סטאַטיסטן אין פאַרשידענע טעאַטער־סצענעס. דערביי האָט ער אַלץ געשפּינען פאַר מיר זיינע פּלענער און מיך געבעטן:

'זאָג מיר צו יאנינא אז וועסט ווערן א גרויסע ארטיסטקע! און וועסט מוזן אריינגיין אין דער ארטיסטישער וועלט און גלייכצייטיק וועסטו דאָך זיין די פרוי פון א דיפּלאָמאט און וועסט זיך מוזן באקענען און אריין אין מיין שפּעטערדיקע געזעלשאפט. ווייטער האָט ער מיך געקושט און געזאָגט: טייערע דו ביסט שיין, דיין שיינע פיגור און דיין אויסשפּראך וועט דיך ברענגען גרויס דערפאָלג און דיך מאכן בארימט. דו ביסט אין גאנצן 18 יאָר אָבער כאטש איך בין 28 יאָר ווארט אויף מיר אויך א גרויסע דיפּלאָמאַטישע קאַריערע. אין אונדז ביידן צוזאמען וועט זיין זער גוט'. אויף דעם האָב איך אים געענטפערט: יאנעק איך ווינטש דיר דאָס בעסטע איך האָב דיך זער ליב און ביסט מיר אזוי טייער, וואָס איך קען דאָס גאָרניט אויסדריקן. איך ווייס און פיל אז דו ביסט פאר מיר אלץ אין דער וועלט און אויך דו וועסט טאָן פאר מיר אַלץ אין מיין לעבן. איך דאנק דיר וואָס האָסט פאר מיר דערלעדיקט, פון וואנען האָסטו געוווסט, אז ווען כ'פלעג גיין אין א קינאָ בין איך מקנה געווען די ארטיסטיקעס און געחלומט צו ווערן אן ארטיסטיקע? איך וויל דיר אויך זאָגן אז אין דער שולע אין מיין שטעטל האָב איך געשפּילט אין דעם דראמאטישן קרייז און די לערערס פלעגן אלע מאָל זאָגן אז איך האָב פעיקייטן און וואָלט געקענט זיין אן אַרטיסטיקע. אָבער ווי האָב איך דאן געמעגט אפילו חלומען וועגן דעם? אָבער היינט ווען דו גייסט מיין חלום פארווירקלעכן האָסטו פּשוט מיר אריינגעשטעלט א נייע נשמה און נאָר א דאנק דיר וועט מיין חלום רעאליזירט ווערן, דאָס וועט זיין פאר אונדז ביידן א ליכטיקע צוקונפט דאָס זאָגנדיק בין איך אים פאר דאַנקבארקייט ארויפגעפאַלן

אויפן האלדז און געקושט. אין מינוטן ווען כ׳פלעג אים ארומנעמען האָט מיין לייב געברענט מיר ווי פייער. און דאָך וואָס מיר האָבן זיך געקושט און ער האָט מיך געהאלטן לאנג אויף זיין שויס איז דאָך צווישן אונדז ניט געווען קיין געשלעכטלעכע באציאונגען דאָס איז געווען פאר מיר אומפארשטענדלעך אָבער, דאָך איז מיר גאָר ניט איינגעפאלן אז עס איז פֿאַראַן עפעס דערפֿאַר א סיבה. מיר איז געווען גוט פון זיינע באציאונגען און כ׳בין געווען דערפֿאַר אין גוטע און צעפרידענע שטימונגען מער, האָט איך געמיינט, קען מען פון א מאַן גאר ניט דערוואַרטן.

"דערווייל ווען איך בין געווען גליקלעך, האָט דאָרט אין מיין שטעטל געטוען זיך עפעס שרעקליכעס. ווען אין מיין היים זיי האָבן זיך דערוווסט אז כ׳בין אוועק מיטן פריצ׳ס זון און פארלאָזט טאַטע־מאַמע אין א גרויסע שאַנדע, אין גרויסע יסורים. עפעס א קלייניקייט א רבנס א טאָכטער, אזא חצופה איז אוועק מיט א שגץ און אזוי פארשעמט איר גאנצע משפחה און אלע יידן פון שטעטל. האָט דער טאטע צונויפגערופן אַ מנין יידן אין זיין שטוב אריין, אלע קינדער האָבן זיך אויסגעשטעלט אין א רייע און דער טאטע אָנגעצונדן צוויי ליכט און געזאָגט קדיש, ווי נאָך א טויטן און געריסן קריאה. די מאמע און די ברידער און שוועסטער האָבן געוויינט און געזעסן נאָך מיר זיבן טאָג שובה. אויך אלע יידן פון שטעטל האָבן געטרויערט נאָך דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט דעם רב מיט זיין משפחה געטראָפן. דערווייל האָט דער רבי געפסקנט אז דער שידוך טאר ניט מבטל ווערן און דארף פאַרקומען צום באַשטימטן טערמין, נאָר אנשטאָט מיר וועט די כלה זיין מיין יונגערע

שוועסטער שיינדעלע, און אנשטאָט מיך וועט מען איר פירן צו דער חופה. און מיין נאָמען האָט דער טאטע קיינמאָל אין שטוב ניט געלאָזט דערמאנען.

"עס זענען אוועק לאנגע יאָרן און איך האָב גאָר ניט געהערט פון מיין היים, ניט פון מיין שטעטל. איך בין אויך געווען אין גאנצן פארנומען מיט מיין טעאטער־קאריערע און אויסערדעם האָט קיין זאך פאר מיר ניט עקזיסטירט. מיינע לערערס אין דער טעאטער־שולע זענען געווען פון מיר צופרידן און מיר פארויסגעזאָגט א גרויסע קאריערע אין דער טעאטער־וועלט. מיין מאַן יאנעק איז געווען דערפון אַנטציקט און אלע לויב־ווערטער וואָס כ'האָב באקומען האָט ער דאָס גענומען פאר זיך. און מעגלעך מיט רעכט, ווייל נאָר אַ דאַנק אים, א דאַנק זיין איניציאטיוו, האָב איך געקענט דערצו דערגרייכן און מאַכן אזעלכע פארשריטן אין מיין ארבעט. און איך וועל דאָך דאָס קיינמאָל ניט פארגעסן.

"דערווייל האָבן זיך אונטערגערוקט צוויי וויכטיקע דאטעס. מיין מאַן צוזאַמען מיט זיינע פריינד האָבן מיר צוגעגרייט א סורפריז. א באנקעט צו מיין 28 געבוירן־טאָג און צו 10 יאָר פון אונדזער צוזאמענלעבן. די צוויי דאטעס זענען אויך געווען געבונדן מיט דעם ענדיקן דורך מיר די טעאטער־שולע, מיט אן אויסצייכענונג, וואָס איז דאָך געווען דאָס וויכטיקסטע וואָס האָט באַשעפטיקט מיין מוח, וואָס איז דאָך געוואָרן דער ציל פון מיין לעבן. דערצו איז דער באנקעט געווען אויך פאַרבונדן מיט אונדזער אריינגיין אין א נייער דירה. און אט דאָס אלץ האָט מיין מאן און זיינע פריינד איינגעאָרדנט אן מיין וויסן. עס איז געווען א ווונדערלעכער באַנקעט וואָס כ'וועל אויך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. צו מיין

געבוירן־טאָג האָט מיין מאַן אין אַלעמענס אַנוועזנהייט דערלאַנגט מיר אַ רינג מיט בריליאַנטן און די אַנוועזנדיקע האָבן דאָס אויפגענומען מיט אַ לאַנגן בראַוואָ און מיין מאַן האָט דערביי לאַנג מיך געקושט. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ יום טוב פון גרויסן פרייד און מיט גרויסע האָפענונגען פאַר אַ ווייטערדיק גליקלעך פאַמיליע־לעבן און גרויסן דערפאָלג אין מיין טעאַטער־קאַריערע.

די נייע דירה איז געווען אין דעם שענסטן געגנט פון וואַרשע, ניט ווייט פון די לאַזשענקעס. דער פּרעכטיקער גאָרטן מיט די גרינע אַלעיעס, און די ריינע לופט. דאָס איינאָרדענען די דירה האָט געקאָסט אַסך געלט, צו דעם האָב איך שוין אויך בייגעשטייערט, ווייל פון צייט צו צייט בין איך אַנגאַזשירט געוואָרן אין פאַרשידענע ניט־גרויסע ראָלעס, וואָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו פּראַקטיצירן און אויך אַביסל צו פאַרדינען. אין די קליינע ראָלעס האָב איך אָבער געהאַט אַסך דערפאָלג און געשאַפן פאַר מיר אַ וועג צו באַקומען אַ הויפּטראָלע.

"מיין דערפאָלג אויף דער בינע איז אָבער געוואָרן אַ דאָרן אין אויג פון די עלטערע שוישפּילער. די מורא פאַר קאָנקורענץ איז געווען גאָר שטאַרק ביי די אַקטיאָרן. אַנשטאָט צו זאָרגן זיך בעסער אויסצוצייכענען, בעסער שפּילן, האָבן זיי פאַרנומען זיך די אַנדערע צו דערנידריקן, צונישטמאַכן דעם צווייטנס טאַלאַנט, מיט די פאַרשידנסטע מיטלען. מיט באַנאַלע ניט־עטישע מיטלען אונטערייסן די אין וועלכן זיי פילן אַ קאָנקורענט. מיך האָט דאָס געעקלט און איך האָב געזוכט וואָס מער צו לערנען, וואָס מער צו באַקומען דערפאַרונג. און דערמיט זיכערן מיין דערפאָלג. זיכער האָב אויך איך געזוכט

דערפּאָלג אָבער ניט מיט אונטערייסן אנדערע, ניט מיט באנאלע ניט־עטישע מיטלען.

אויף דעם באנקעט, וואָס מיין מאן און זיינע פריינד האָבן מיר צוגעגרייט, האָבן אלע אנוועזנדע געגרויסט זיך מיט מיין דערפּאָלג און מער פון אלע מיין מאן. האָט ער טאקע מיך געבעטן כ׳זאָל פאר אלעמען דערציילן, אין קורצן ווי אזוי, דאָס איז געשען וואָס איך האָב דאָס אלץ דערגרייכט, וואָס האָט מעגלעך געמאכט איך זאָל אזוי גיך פארנעמען א וויכטיקע ראָלע אויף דער טעאָטער־בינע. כ׳האָב באמערקט אלעמענס נייגעריקייט און דאָס האָט מיך געמוטיקט צו דערציילן. אנגעהויבן האָב איך מיט די ווערטער: ׳קודם כל איז דאָס א דאנק יאנעקן דער היינטיק פרעכטיקער באנקעט, וואָס גיט מיר די מעגליכקייט מיט אייך זיך דא צו באגעגענען און אייך דערציילן, וואָס איך האָב דערגרייכט ווידער א דאנק יאנעקן וועלכער האָט מיר מעגלעך געמאכט איך זאָל אריין אין דער טעאטער־וועלט. אָבער איך האָב אין מיין דערפּאָלג אויך אייגענע פארדינסטן און דאָס וויל איך אייך דערציילן. דערביי, האָב איך באַמערקט, ווי די אנוועזנדיקע רוקן זיך צו נענטער און הערן זיך נייגעריק איין וואָס כ׳דערצייל.

׳מיין פערזענלעכע ארבעט איז ניט געגאנגען אויפן ווינט, איך האָב אסך איבער זיך געארבעט, אויך יעדע פריי צייט זיך געלערנט און דערפאר ביי אלע עקזאמינס באקומען אויסצייכנונגען. די לעקציעס האָבן א סך מיך געלערנט. עס איז אינטערעסאנט אז גראד די קלייניקייטן טאָר דער שוישפּילער אויף דער בינע ניט פארגעסן, למשל ווי אזוי צו האלטן די פיס אויף דער בינע. דער זשעסט פון אַרטיסט ווען ער באַווייזט זיך אויף דער בינע און דאָס פובליקום

דערוואַרט אים. דער דערפֿאָלג ווען מען רופֿט ארויס ביים פּובליקום געלעכטער, אוואַציעס אָדער טרערן קען דעם אקטיאָר פֿאַרשיכורן און אים צווינגען זיך צופּאַסן צום געשמאַק פֿון פּובליקום. דאָס באַמיען זיך צו ווערן נאָך מער קאָמיש. מער דראַמאַטיש איז דער זיכערסטער וועג צו פֿאַלשער שפּיל, וואָס פֿאַרוואַנדלט דעם דערפֿאָלג אין אַ ביליקע אָדער באַנאַלע זאַך, וואָס דערווייטערט דעם אַקטיאָר פֿון דעם ציל. ניט די טעכניק פֿון קענען פֿאַרויכערן, עפֿענען אַ טיר, אוועקלייגן דעם הוט און ארויסרופֿן עפֿעקטן, דער ציל איז צו קענען ארויסברענגען אַמשאַרפֿסטן די אידעע פֿון דער דראַמע. די לאָגיק ביים אויפֿפֿירן זיך אויף דער סצענע האָט אַ צווייטראַנגיקע באַדייטונג דער הויפּטמאָמענט איז די איבערצייגונג־קראַפֿט פֿון אקטיאָר ארויסצוברענגען די אידעע, און דאָ טרעט ארויס די שעפֿערישקייט פֿון דעם קינסטלער־אקטיאָר. דער אַרטיסט־אַקטיאָר איז אייגנטלעך דער אינטערפּרעטאַטאָר, דער מפֿרש פֿון מחברס אידעען און אינטענצן. און דאָס טוט ער מיט אייגענע שעפֿערישע מיטלען. און דערמיט איז ער אַ קינסטלער מיט אייגענע, אָפֿט אָריגינעלע אויסדרוק־מיטלען. איך האָב דעריבער פֿון דער שולע ארויסגענומען דאָס וואָס מיר איז נוצלעך פֿאַר מיין טעאַטער־טעטיקייט. ביים אויספֿירן פֿאַרשידענע ראָלעס האָב איך געהאַט די געלעגנהייט אַסך אַרומצורייזן, זיך באַקענט מיט גרויסע אַרטיסטן פֿון פֿאַרשידענע פֿעלקער און פֿון יעדן האָב איך געלערנט. סטאַניסלאַווסקיס בוך איז פֿאַר מיר געוואָרן אַ מין איני מאמין. מיינע הויפּטראָלן זענען באַשטאַנען פֿון די דראַמעס פֿון אַזעלכע גרויסע שרייבערס ווי: שעקספּיר, איבסען, טאָלסטאָי, טשעכאָוו און אַנדערע.

די פּרעסע האָט מיך גערימט, מענער האָבן מיר געבּרענגט בלומען. כ'האָב זיי אַלעמען געדאַנקט אָבער נאָר מיין מאַן האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין גרויסן דערפאָלג אין לעבן, ווי אין טעאַטער. און מיט דאַנקבאַרקייט האָב איך שטענדיק געקוקט אויף דעם רינג מיט א ברילאַנט, וואָס מיין מאַן האָט מיר געשאַנקען צו מיין אַכט און צוואַנציקסטן געבוירנטאָג.

"ווען א פרוי איז א לענגערע צייט ניט אין דער היים, ווי דאָס איז געווען ביי מיר צוליב מיינע אַרויסטרעטונגען אין פאַרשידענע שטעט, איז פאַרשטענדלעך אַז א שטוב דאַרף האָבן א באַלעבאָסטע. אונדזער שטוב איז געווען גרויס און פון אנהייב האָב איך געמוזט זיך פאַרנעמען אויך מיט דער ווירטשאַפט. שפּעטער איז דאָס געוואָרן פאַר מיר אוממעגלעך און צוויי אַרבעטערינס האָבן געהיטן די ריינקייט און באַדינט די קיך. דאָס איז געווען אומבאַדינג נויטיק, ווייל אָפט בין איך ניט געווען אין דער היים. אָבער יעדעס מאָל קומענדיק אַהיים האָב איך געזאָרגט אַז אַלץ זאָל זיין אין בעסטן אָרדענונג, אַז קיין זאַך זאָל אין שטוב ניט פעלן. איך האָב זיך אומגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך און אַלץ געבּרענגט אין אָרדענונג, דאָס מען קען וואָס אויף פרעמדע זיך ניט פאַרלאָזן. איינמאָל ביי צורוימען די שופלעדער האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף א פּאַפּיר, וואָס האָט שטאַרק מיך אינטערעסירט, און ווען כ'האָב דורכגעלייענט האָב איך ערשט א סך זאַכן, וואָס זענען געווען פאַר מיר אומפאַרשטענדלעך, ערשט פאַרשטאַנען. באַזונדער פון דעם געשלעכטלעבן מיט מיין מאַן. מיין מאַן האָט מיך שטאַרק ליב געהאַט, מיך געקושט און געהאַלדזט אָבער פאַרוואָס מאַכט ער מיר ניט קיין קינד? איך האָב דערפון געליטן קאָפּ־ווייטיק אָבער מיין

אינטענסיווע טעאַטערטעטיקייט האָט מיך אזוי פארכאַפּט אז כ'האָב אָפּט ניט גענומען אין אכט דעם דאָזיקן פאקט. חוץ דעם האָט ער דאָך מיך שטארק ליב געהאַט און קיינמאָל מיר קיין שלעכט וואָרט ניט געזאָגט, זיך באצויגן צו מיר מיט רעספעקט, דאָך האָט מיך געגריבלט דער ווילן צו ווערן א מאמע, זיין ווי אלע פרויען. און אָט האָבן די פאפירן דאָס מיר אלץ אויפגעקלערט. מיין מאן איז פון קינדווייז אָדער פון געבורט געווען קראנק אויף געשלעכט־אָרגאַן. ער איז דורך דריי אפעראציעס, וואָס האָבן גאָר ניט געהאָלפן. אין דאָקומענט זאָגט זיך, אז קיין מעדיצינישע מיטלען קענען גאָר ניט העלפן און צוליב דעם קען ער קיינמאָל קיין קינדער ניט האָבן.

"אדורכלייענדיק דעם דאָזיקן דאָקומענט בין איך געבליבן זיצן באגאסן מיט טרערן. געפלאָסן ביי מיר ווי ביי א קליין קינד, ווען עס באקומט קלעפּ און ספעציעל ווען מען שלאגט אים און ער איז אומשולדיק. ערשט איצט האָט דאָס מיך געוואונדערט פאַרוואָס ער האָט דאָס קיינמאָל מיר ניט געזאָגט, קיינמאָל וועגן דעם ניט דערמאָנט, אומזיסט האָב איך איבער צען יאָר געטרוימט וועגן א קינד. איך האָב זיך געטרייסט אז מיין מאן וויל דערמיט מיר ניט שטערן אין מיין קאריערע, ער וויל איך זאָל נאָך העכער שטייגן אין מיין רום. אָבער מיין טרייסט איז געווען א פאלשע און איצט קומט צו מיר דער געדאַנק אז דאָס איז אפשר די שטראָף פאר מיינע זינד צו מיינע עלטערן? אָבער דאָס איז גאָר ניט געווען קיין שטראָף. צי קען דער מענטש דען אלץ האָבן וואָס ער וויל דערגרייכן? האָב איך דען ניט דערגרייכן אסך דערמיט כ'האָב געשפּילט אויף אַלע וועלט־בינעס די הויפּטראָלע אין

די באַרימטסטע דראַמעס. אַרויסגעטרעטן אונטער די גרעסטע וועלט רעזשיסאָרן, אין די גרעסטע טעאַטאַרן אין דער וועלט. און אַז עס איז געשען וואָס איך קען קיין קינד ניט האָבן. דערמיט בין איך אומבאַהאָלפן, ווי זאַל איך זיך איבערשמועסן מיט יאַנעקן אָדער וואַרטן ביז ער אַליין וועט מיר דאָס זאָגן? איך האָב דאָך קעגן אים ניט קיין פאַרוואָרפן און מיר האָבן זיך ליב. דאָך פעלט מיר אַ קינד, אַן אייגן קינד, וואָס איז דאָך דער בעסטער חבר אין לעבן.

"נאָך דעם אַז מיר האָבן ביידע געהאַט אורלאָב זענען מיר אַוועק אויף עטלעכע טעג קיין זאַקאָפּאַנע. ניט ווייט פון דעם האָטעל ווי מיר זענען איינגעשטאַנען איז געווען אַ קינדערהייט, און ווען מיר האָבן דאָרט שפּאַצירט בין איך אַלע מאָל, אין זיין אַנוועזנהייט, דאָרט געבליבן שטיין און באַוווּנדערט די שיינקייט פון די קינדער. אָבער מיין מאַן האָט מיך פון דעם אָרט אַוועקגעצויגן, האָב איך באַשלאָסן נאָך דעם אוונט צו רעדן מיט אים וועגן דעם, וואָס ער האָט פאַר מיר יאָרן לאַנג אויסבאַהאַלטן. כ'האָב מער ניט געקענט זיך באַהערשן. ווען מיר זענען געקומען ביי נאַכט אין האָטעל אַריין און געגרייט זיך צום שלאָף, און ווען מיר זענען שוין געלעגן אַ געוויסע צייט אין בעט. האָב איך אים אַרומגענומען מיט ליבשאַפט און אים געזאָגט: ווי מיינסטו יאַנקאַ וואָלטן מיר, נאָך דעם אַלץ וואָס מיר האָבן דערגרייכט, פעלט דען אונדז ניט אַ פּאָר קינדערלעך? קיין ענטפער איז אָבער פון אים ניט געקומען. אָבער איך האָב ניט אָפּגעלאָזט און אים ווייטער געפרעגט וואָס ער מיינט וועגן דעם? דאַן האָט ער זיך צו מיר צוגעטולעט, געוויינט און מיר געזאָגט: 'יאַ כ'האָב שוין לאַנג באַדאַרף דיר דאָס זאָגן, אָבער איך האָב

ניט געוואָלט דיך פאַרלירן. כ'בעט דיך דו זאָלסט מיך ניט פאַרדאַמען, איך האָב דיר גאָר ניט געזאָגט כדי דו זאָלסט ניט ווערן קאַלט צו מיר'. יאַנעק וואָס רעדסטו איך האָב דיך ווייטער ליב אַזוי ווי דו ביסט, קיינער דאַרף זיך ניט שעמען מיט דעם וואָס עס איז מענטשלעך. איך האָב פון פריער דאָס געוווסט, ווייל כ'האָב דאָס געלייענט פון דעם דאָקומענט. מיר זענען צוריק אין שטאָט אריין, לאַנג געשוויגן, יעדער פאַרטיפט אין זיינע מחשבות.

"אין דער צייט האָב איך געמאַכט אַן אָפּמאַך אַרויסצוטרעטן אין די שטעט פון פראַנקרייך, בעלגיע, דייטשלאַנד און איטאַליע. און געהאַט פאַר מיר נאָך איין מאָנאַט אויף צוגרייטן זיך. אויך יאַנעק איז געשיקט געוואָרן קיין שווייץ אַנצופירן מיט דער אַמבאַסאַדע. מיין מאַן פלעגט אַסך מאָל קומען באַזוכן מיינע פאָרשטעלונגען און אונדזער היים איז געוואָרן באַזעל. ווען כ'האָב געהאַט אַ פאָר פרייע טעג פלעג איך קומען אין דעם פּאַלאַץ און דאָרט בעסער פאַרברענגט ווי אין די האָטעלן. איך ווייס ניט וואַצלאַוויע, האָט זי נאָכדעם אים געזאָגט. צי דאָס אַלץ וואָס כ'וועל אייך ווייטער דערציילן וועט אייך גענוג אינטערעסירן און איר וועט דאָך שוין מאָרגן פאַרלאָזן אונדזער שטעטל, דאָך וואָלט איך שטאַרק וועלן מיר זאָלן זיך ווייטער באַגעגענען און כ'וויל אייך נאָך ווייטער דערציילן, וואָס מיט מיר איז געשען. דאָס דערציילן איז פאַר מיר, ווי כ'האָב איך שוין געזאָגט, ממש אַ נשמה־נויטווענדיקייט: "טייערע יאַנינאַ, האָט וואַצלאַוו איר געענטפערט, איר זעט דאָך אַליין, וואָס כ'האָב דערלויבט זיך צו רופן אייך ביים נאָמען, צי ווייזט דאָס ניט ווי נאָענט איך פיל זיך צו אייך? איך פאַרזיכער אייך, ווי נאָר כ'וועל

דערלעדיקן מיינע פערזענלעכע און די ארבעט־פּליכטן וועט איר מיך האָבן פאר אן אָפּטן גאסט. איך זאָג אייך צו, אז אויב איר האָט ביז איצט געהאַט צו מיר צוטרוי וועלן מיר ווייטער בלייבן הארציקע פריינט׳.

דא זאָגט יאנינא: ״איר זעט מיין בילד, וואָס הענגט אויף דער וואנט. אזוי בין איך געווען אין מיין יוגנט און איך בעט אייך, זעט מיר אזוי ווי כ׳בין אויף דעם בילד און די פּאָטאָס און ניט ווי איר זעט מיך היינט אן אלטע פרוי, ווען עס ציטערן שוין די הענט. איך בין דאַן געווען ערלעך אין לעבן און אזוי וועל איך אוודאי שוין בלייבן״.

און אָט איז וואצלאוו צוריק שוין אין לאָדזש, אין זיין פריערדיקן שטיבל. די שכנים פרעגן אים, פארוואָס אזוי לאנג ניט געווען אין דער היים? די קינדער גריסן אים מיט אַ־גוטמאָרגן. און נאָך דער שולע שפּילן זיי זיך פריילעך, די פייגל זינגען ווידער איבער זיין פענצטער און אלץ איז ווי פריער געבליבן. צוריק צו דער ארבעט, אלע פּאַרטיקע דאָקומענטן אפּגעשיקט קיין ווארשע און אליין איז ער אויך אוועק קיין וואַרשע, אויף א פּאָר טעג אָפּצוגעבן די לעצטע עקזאמינס, און ענדלעך באקומען זיין דאָקטאָראט אלס יוריסט. פארשטענדלעך אז דאָס האָט שטאַרק אים געפרייט. א שאד אָבער וואָס זיין דערמאָרדעטע מאמע קען ניט זיך פרייען מיט איר זונס דערפּאָלג. א קינד פון אן ארעמער היים ווי וואָלט ער געקענט אמאָל חלומען דאָס צו דערגרייכן? האָט ער גלייך זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אן אויספירלעכן בריוו צו יאנינען. געדאנקט איר פּאָר איר בריוו, ווי זי האָט אים ווייטער פארגעזעצט איר דערציילונג, אין בריוו האָט ער איר פּאַרזיכערט אז ער וועט אין קורצן נעמען א צוויי וואָכיקן

אורלאָב און וועט אביסל דאָרט מיט איר פארברענגען. דערנאָך האָט ער גענומען לייענען איר בריוו:

"ווי איר ווייסט שוין פון דעם וואָס כ'האָב אייך דערציילט, האָב איך ארומפאַרנדיק אויף מיינע ארויסטריטן אויך אפטער זיך געטראָפן מיט מיין מאַן, אין דער שווייצישער אמבאסאדע. דאָרט האָבן מיר שוין יעצט אפן געקענט רעדן וועגן דער צוקונפט פון אונדזער פאמיליע־לעבן. איך האָב אים געזאָגט, אז צו אונדזער דערפאָלג אין לעבן פעלט אונדז א קינד אָדער קינדער, וואָס וואָלט אונדזער ליבע נאָך מער צעמענטירט. איך בין דאָך יונג און קען נאָך האָבן קינדער, נאָר מיר דארפן ביידע וועגן דעם באשליסן, און אפשר איז נויטיק דו זאָלסט וועגן דעם זיך באראטן מיט א דאָקטאָר. יאנעק איז געזעסן און געדרייכערט זיין לולקע, וועמענס שמעקנדיקער ארמאט האָט זיך פארשפרייט איבערן צימער. כ'האָב באמערקט אויף זיין פנים א ניט־צופרידנקייט, וואָס ער דארף מיט מיר אויף דער טעמע רעדן, דאָך האָט ער אנגעהויבן מיט די ווערטער: 'טייערע מיינע דאָס וואָס כ'וועל דיר זאָגן בעט איך זאָל דיך ניט אומרואיקן, ווייל מיין ליבע צו דיר און מיין געטריישאפט האָט ניט קיין גרענעץ. אָט מיין טייערע, וואָס מיט מיר איז געשען. ווען כ'בין געווען ארום 11 יאָר האָב איך אין שפיל מיט מיינע חברים געפאלן אויף גלאז און זיך צעשניטן דעם געשלעכט־אָרגאן. איך האָב דעם גאנצן קערפער אויך צעשעדיקט אז מיין לעבן איז געווען אין גרויס געפאַר, די דאָקטוירים האָבן געגעבן מיינע עלטערן גאנץ שוואכע האָפנונגען. נאָך דריי אפעראציעס איז זיי געלונגען מיך צו דערהאַלטן ביים לעבן, כ'האָב אָבער פארלוירן די מעגלעכקייט צו האָבן געשלעכטלעכע באציאונגע

מיט א פרוי, ארויס פון דער קראַנקייט נאָך לאַנגע יסורים, און ווערנדיק עלטער האָב איך שרעקלעך באַדויערט און גאַנץ אָפט אפילו געוויינט, וואָס אַלע מענער קענען געניסן איז מיר שטרענג פאַרווערט. איך האָב אפילו באַשלאָסן קיינמאָל מיט קיין פרוי, צוליב דעם, זיך ניט פאַרבינדן. אָבער ווען כ'האָב דיך דערזען, האָב ניט געקענט זיך באַהערשן און באַשלאָסן אַז דו מוזט זיין מיינע. איך האָב אָבער דאַן אַסך געטראַכט, ווי אַזוי וועל איך דיר קענען דאָס דערקלערן און דו, זאָלסט מיט מיר ניט איבערייסן. די מורא דיך צו פאַרלירן האָט מיך געצוווּנגען דאָס כסדר אָפּצולייגן. כ'האָב געוווּסט זער גוט אַז חוץ מיין ליבע און געטריישאַפט וועסטו אויך זיך נויטיקן אין געשלעכטלעכע באַפרידיקונג. דיין הייסער טעמפּעראַמענט און יונגער קערפּער, וועט אַן דעם מוזן ליידן, באַזונדער איצט ווען דו האָסט זיך שוין באַפרייט פון דיין אַמביציע צו שטייגן און צו ווערן באַרימט. איך האָב אַ סך וועגן דעם געטראַכט, דיר געוואָלט העלפן. פון דער צווייטער זייט האָב איך זיך געטרייסט, אַז דערמיט ביסטו ניט געשטערט געוווּן אין דיין קאַריערע און דערפאַר האָב איך געשוויגן, ניט געוואָלט וועגן דעם מיט דיר זיך דורכשמועסן, איז גוט וואָס דאָס איז געקומען פון דיין זייט. און אַט ווען דו האָסט דערגרייכט דאָס העכסטע, ווען אַלע צייטונגען רימען דיך, מען פאַרבעט דיך אויף די רייכסטע באַנקעטן און ביסט שוין אין גאַנצן פאַרזאָרגט און זעלבסטשטענדיק דאַרפסטו אַליין באַשליסן, ווי אַזוי דו זאָלסט ווייטער לעבן, אויב דו ווילסט אפילו מיך פאַרלאָזן און שאַפן זיך אַ צווייט לעבן. קענסט באַשליסן וואָס דיין האַרץ וויל און וואָס זי דיקטירט דיך. וועגן מיר האָסטו גאָר ניט וואָס צו זאָרגן אויך איך האָב

אסך דערגרייכט, געוואָרן אמבאסאדאָר און דעראבערט א גאנץ גוטן פארמעגן' נאָך די זיינע ווערטער בין איך געבליבן, ווי אן אטעם און ניט באמערקט ווי יאנעק איז ארויס פון צימער, איך האָב אָבער דערהערט א יאמערלעך געוויין. אין כ'האָב געטראָפן מיין מאן אין זיין צימער, ווי ער איז געלעגן און געוויינט. זיין געוויין האָט צעריסן מיין הארץ, נאָר איך האָב אים געלאָזט אויסוויינען, עס זאַל אים לייכטער ווערן. און אים לאָזן טראכטן וועגן ווייטערדיקן גורל פון אונדזער צוזאמענלעבן.

"וואַצלאַוויע איך שרייב אייך, ווי איז זעט, פון די אינטימסטע זייטן פון מיין לעבן, ווייל זיי עגבערן מיין מות, זיי באגלייטן מיך אויף שריט און טריט און ניט איינמאָל האָב איך געטראכט צי כ'האָב ריכטיק געטאן בלייבנדיק ווייטער מיט אים צוזאמען. ניין, כ'האָב עס ניט געטאן פאר רחמנות, און ניט בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט אזוי פיל געטאָן פאר מיר, און מיינע העכסטע דערגרייכונגען האָב איך אים צו פארדאנקען, כ'האָב עס געטאן אויסשליסלעך פאר מיין ליבע צו אים.

"אָבער שוין שפעט ביינאכט בין איך שטילערהייט אריין אין זיין צימער און זיך איבערגעבויגן איבער אים און געזען אז ער איז וואַך, ניט געקענט זעט אויס שלאָפן, האָט ער מיך ארומגעכאפט, געדריקט צו זיך און מיט אָן אויפריכטיקע שטימע מיר געזאָגט: 'יאנינא איך פיל אז אן דיר וואָלט איך ניט געקאנט לעבן. איך בין שטאלץ מיט דיינע דערגרייכונגען און ווייס אז ביסט נאָך יונג און קענסט נאָך מער דערגרייכן אין דיין קינסטלערישע טעטיקייט. איך ווייסט אז אויך איך האָב ניט־וויניק דערגרייכט, ניט בלויז פאַר זיך נאָר פאַר

אונדזביידן און דאָס גיט מיר פרייד און סאַטיספּקציע. אוודאי וואָלט דאָס פּאָר ביידן געווען א גרויס גליק צו האָבן קינדער, אָבער דאָס טייערע איז ניט מיין שולד. מעגלעך אַז כ'וואָלט דאָס דיר גלייך באַדאַרפן זאָגן, ביי אונדזערע ערשטע טרעפונגען. דאַן וואָלט איך דאָך דיך פאַרלוירן און אַזוי זענען מיר צוזאַמען. דערפאַר קענען מיר איצט, ביידע ניט האַבנדיק איינער צום צווייטן קיין פאַרוואָרפן, אויסצוקלויבן זיך א נייעם וועג אין לעבן. 'איך בין נעבן אים געלעגן אין זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און ניט געענטפערט. אין א פּאָר מינוט אַרום האָט ער מיך געפרעגט — פאַרוואָס שווייגסטו יאַנינאַ? אַלס ענטפער האָב איך אים אַרומגענומען און געקושט און אים איינגערוימט אין אויער די האַרציקסטע ווערטער. אים פאַרזיכערט אַז אויך איך קאָן אָן אים ניט לעבן און דערביי האָב איך געפילט אַז עס קלאַפּט מיר דאָס האַרץ און עס פלאַמט מיר דער קערפּער. אין א געוויסן מאָמענט האָב איך פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין, עס האָט געברענט אין מיר דער ווילן פון געשלעכטלעכע באַפרידיקונג, ביז ווייטיק, און געבעטן אים איינעמען פילן צו שטילן זיינע נערוון. אָבער אַנשטאָט אַן ענטפער האָט ער געקרעכצט און כ'האָב דערפילט אַז ער איז נאַס, כ'האָב זיך אָריענטירט און גלייך אָנגעצונדן די ליכט און דערזען אַז דאָס געלעגער איז מיט בלוט פון אים. כ'האָב גערופן די גיכע הילף, וואָס האָט אים גענומען אין שפּיטאָל, ווי ער איז אָפּגעלעגן אַכט טעג בעוווסטלאָז איך האָב שטאַרק געבעטן די דאָקטוירים זיי זאָלן אים ראַטעווען מיט אַלץ וואָס ס'איז נאָר מעגלעך. גאַנצע טעג האָב איך פאַרבראַכט נעבן אים אין שפּיטאָל. ער איז דאָרט געלעגן גאַנצע דריי מאָנאַטן. די דאָקטוירים האָבן אים געזאָגט אַז דאָס איז זיין

לעצטער שאַנס, ער טאָר מער זיך ניט דערלויבן צו צווינגען מיט כוח צו זיין א מאן, דאָס קען אים קאָסטן דאָס לעבן. ער איז ארויס פון שפיטאָל און ער האָט מיר געדאנקט פאר מיין זיין מיט אים אין, די שווערע פאר אים צייטן און איך האָב מער קיינמאָל אים ניט געגעבן קיין ווילן און מעגלעכקייט איבערצוחזרן דאָס וואָס עס איז געשען אין יענע פאר אונדז ביידע שיינע נאכט, וואָס אזוי טראגיש זיך געענדיקט.

"טייערער פריינט וואצלאוו, כ'ווייס און גיב זיך אָפּ א רעכענונג, אז עס איז גאָר ניט אויסגעהאלטן פון מיר, אן עלטערע פרוי, זאָל שרייבן צו א יונגן פריינד פון אזא אינטימע איבערלעבונג, וואָס ווערט געווענלעך ניט דערציילט פאר די סאמע נאעטסטע פריינד, אוודאי איז גלייכער צו דערציילן, פריילעכע, איינגענעמע און מענטשלעכע איבערלעבונגען און ניט אזעלכעס וואָס מיר איז ליידער געשען. איך מוז אָבער אלץ דערציילן איר זאָלט מיך גוט פארשטיין, איך מוז דערציילן, ווייל כ'קען דאָס מער ניט האלטן אין זיך, ווייל דאָס שטיקט מיך און צווינגט מיך איך זאָל דאָס ארויסשרייבן אויפן פאפיר, ווייל מינדלעך אייך דאָס צו דערציילן וואָלט געווען פיל שווערער.

"אזוי זענען אוועק צענדליקע ניט דערשלאפענע נעכט, כ'בין ארומגעגאנגען די טעג ווי פארשיכורט, און ניט געקענט פארגעסן יענע נאַכט, ווען מיין מאן האָט געוואָלט מיך באפרידיקן און איז דערפאר דריי מאָנאַטן געלעגן אין גרויסע יסורים, וויסנדיק אז ער שטעלט איין צוליב מיין פארגעניגן זיין לעבן. ווי האָב איך ניט געקענט אים רעספעקטירן נאָך ארויסווייזנדיק צו מיר אזא איבערגעגעבנקייט און ליבשאפט? דאָך האָב איך אָפּט געמוזט זיך אָפּגעבן א דין וחשבון, פון

א פרוי, וואָס האָבן דערגרייכט די גרעסטע רום, געוואָרן רייך און געשעצט.

"איך אין דער ארטיסטישער און ער אין דער דיפלאָמאטישער וועלט, אָבער צי איז דאָס ווערן, בארימט, רייך מער ווערט, ווי דאָס גליק פון א פשוטן פאמיליע־לעבן, ארומגערינגלט מיט קינדערלעך, צי איז דאָס אפלאָדירן מיך, אין די גרויסע זאַלן מער ווערט ווי צו זיצן אפילו ביי א ניט רייכן טיש אין א פאמליע־געזינדל?, צי איז דאָס ווערן בארימט מער ווערט, ווי דאָס טולען הארציק צו זיך א פאר ליבע קינדערלעך? אָט די פראגע האָט מיך אלץ מער געמאטערט. ווייל אין אלע מיינע און אונדזערע דערגרייכונגען פעלם דאָך דאָס וויכטיקסטע דאָס פאמיליע־גליק. וואָס דאָס קען מען מען מיט גאָר ניט קויפן. און דערצו נאָך א צווייטע פראגע: צי דאָס דערגרייכן די גרעסטע בארימטקייט, דעם גרעסטן דערפאָלג קען באפרידיקן א יונגע פרוי, אין וועמען עס שרייען די ווייבלעכע אינסטינקטן צו ווערן געשלעכטלעך באפרידיקט. צו ווערן א מאַמע? דער גרעסטער גן עדן אויף דער ערד קען ניט פארטרעטן דאָס גליק פון ווערן א מאמע. אָט ווי מיין לעבן, מיין טראכטן און געפילן זענען געוואָרן אלץ מער קאָמפליצירט. און ווי שווער מען זאַל דאָס פארשטיין, אין ווער זאַל מיר מיט עפעס קענען העלפן.

"דער קאמף איז אָנגעגאַנגן אין מיר אליין. צי איז ריכטיק צו רעזיגנירן, צוליב דער ליבע צו א מאן, צו שאפן די פרוכט פון א ניי לעבן? א מענטש איז דאָך ווי א בוים וואָס ווערט געשפייזט פון וואסער און ביסלעכווייז ווערט ער אלט און פארלירט זיין גרינקייט, ווערט געל, קראַנק און קומט אום. איך בין געקומען צום אויספיר, אז א פרוי וואָס קען

זיין פּרוכטבאַר מוז געפינען דעם וועג אַרויסצוגעבן פון זיך דעם פּרוכט, אויב איך וויל ניט אויף דער עלטער בלייבן איינזאַם און עלנט. דאָס איז אויך נויטיק פאַר מיין געזונט, פאַר מיין מאָראַלישן צושטאַנד, פאַר מיין צוקונפט. און אָט האָב איך באַשלאָסן... איך האָב דאַן געשלאָסן קאָנטראַקטן אויף אַ לענגערע צייט מיט טעאַטערס פון פאַרשידענע לענדער, געזעגנט מיטן מאַן און אַוועק איבער דער וועלט. איך בין געווען באַקאַנט און מיינע אויפטריטן האָבן ווידער צוגעצויגן אַ גרויסן עולם און די צייטונגען האָבן מיך געריימט. דאָס אַלץ האָט געבראַכט מיר כבוד און פאַרגעניגן. מיטן מיין מאַן פלעג איך טאָג־טעגלעך זיך פאַרבינדן דורכן טעלעפאָן און ער איז שטאַרק צופרידן געווען מיט מיין דערפאָלג. מיין אַרבעט און דער דערפאָלג האָט מיך אַזוי פאַרכאַפּט אַז כ׳האָב גאָרניט געלייגט קיין אַכט, אויף דעם וואָס עס האָט זיך געטאָן אויף דער וועלט. די דיפּלאָמאַטישע אינטריגעס, די מלחמות, און באַזונדער דער אויפגעוואַקסענער אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט פאַרכאַפּט די וועלט. איך פערזענלעך האָב צוליב מיין פּוילישן נאָמען און צוליב מיין פּוילישן מאַן בין אינגאַנצן ניט באַקאַנט געווען מיט מיין אמתער אָפּשטאַם און איך האָב דעם אַנטיסעמיטיזם דערפאַר ניט געפילט.

אָבער די פירער פון דער וועלט האָבן געזוכט קעגן וועמען צו העצן, אויף וועמען אַרויפצווואַרפן די שולד פאַר אַלע זייער דורכפאַלן, פאַר זייערע קאָרופּציעס און געפונען אַלס קרבן דאָס שוואַכסטע פאָלק. איך האָב גאָר ניט געהאַט קיין צייט אפילו זיך צו אינטערעסירן, וואָס עס קומט פאַר אויף דער וועלט. כאָטש מיין מאַן איז געווען אַנגאַזשירט, אַלס אַמבאַסאַדאָר, אויך אין דעם דיפּלאָמאַטישן

שפיל פון אינטריגעס אָבער מיר איז געווען באַקאַנט בלויז די דיפּלאָמאַטישע בעלער און גאַרניט געוווסט וואָס קומט פאָר אינטער די פאַרמאַכטע טירן. איך האָב גאָר ניט געוווּסט אַז אויך אין פּוילן, וועמענס אַמבאַסאַדאָר מיין מאַן איז געווען, בענקען די הערשער נאָך אַ מלחמהלע, די דיפּלאָמאַטן שאַרפן די צינגער, די גענערלער גרייכטן האַרמאַטן און די אָפיצירן שאַרפן די שווערדן. אָבער איך, חוץ מיינע דערפאָלגן אויף די וועלט־בינעס, בין געווען טיף פאַרזונקען אין פּערזענלעכע מחשבות, עס האָט טיף געגליט אין מיר מיין באַשלוס אומבאַדינגט צו האָבן אַ קינד. און דאָס אַן אייגן קינד, ניט קיין אַדאָפּטירט, נאָר מיינס אַן אייגנס.

"ליבער פריינד וואַצלאַוויע. איר לייענט מיין בריוו און כ'גלויב אַז איר זענט מיט מיר מסכים אַז אַזאַ אַנגעווייטיקטער פּראָבלעם, ווי דער ווילן צו האָבן אַ קינד, קען מען ניט פאַרשרייבן אין עפּעס אַ געהיימען טאָג־ביכל, ווי קיינער וועט קיינמאָל ניט אַריינקוקן און עס וועט צום סוף פאַרשימלט ווערן און אַרויסגעוואָרפן ווערן אויפן מיסט. אַנדערש איז אָבער ווען מען דערציילט דאָס פאַר אַ נאָענטן פריינד ווערט דאָך גרינגער אויפן האַרצן און אַזוי אַרום וועל איך ניט אַוועקגיין, מיט אַ טיף פאַרבאָרגענעם סוד, פון דער וועלט.

"אַזוי זענען אַוועק די טעג, מיט מיינע דערפאָלגן, איך בין באַוואָרפן געוואָרן מיט פאַרבעטונגען און מיט בלומען. אָבער איין וויזיט־קאַרטע, צוגעלייגט צו אַ שיינעם בוקעט בלומען, האָט מער פון אַנדערע געצויגן מיין אויפמערקזאַם, און זיך איינגעקריצט אין מיין געדאַנק, ווייל אָט דער מאַן פון דעם בוקעט פלעגט אַלע טאָג קומען אין טעאַטער. געזעסן אין דער זעלבער, רייכער לאָזשע און געשיקט מיר די טייערסטע

און שענסטע בוקעטן בלומען, איז ווי האָב איך געקענט אים ניט באמערקן?

"דאָס איז געווען, ווי מען האָט מיר אנגעוויזן, א הויכער שיינער מאן מיט א רעפּרעזענטיוון אויסזען מיט א ביסל שוין גרויליכע האר אין דער זייט פונעם קאָפּ. ניט פון אַן אַנדערן נאָר טאַקע פון אים באקום איך א וויזיט קארטע, ווי ער בעט מיך כ'זאָל אים אויפנעמען און ער גיט מיר זיין טעלעפאָן אנצוקלינגען ווען דאָס וועט זיין פאר מיר באקוועם. אונטערגעשריבן איז געווען "א באראן פון לאָנדאָן". איך האָב אָבער גאָר ניט ערנסט זיך גערעכט מיט דער ביטע אים אויפצונעמען פשוט דערפאר, ווייל כ'האָב גאָר ניט געוווסט ווער דאָס איז. דערצו בין איך שוין געווווינט צו באַקומען מיט דער פּאָסט פארשידענע גראטולאַציע־קארטלעך און אפילו ליבע־בריוולעך מיט טויזנטער קושן, און דאָס גראד פון יונגע מענער, ווי אויך פון עלטערע, וועלכע קוקן גערן אויף די שיינע פיסלעך פון די ארטיסטקעס.

"דערפאַר האָט מיך אויפגעטרייסלט א גאָר אנדערע טרעפונג. זייענדיק פארנומען מיט איבערקוקן די פרימאָרגן־פּאָסט און די רעצענזיעס אין דער פרעסע וועגן מיין שפּילן, קלינגט אן דער טעלעפאָן. עס זאָגט מיר דער האָטעל־פּאָרטיער פון דעם ארייגאנג אז עפעס א מאן וויל אומבאדינגט מיט מיר רעדן און בעט איר זאָלט אים גלייך אויפנעמען, ווייל ער האָט פאר מיר א גרוס פון דער אלטער היים. דערהערט דאָס וואָרט "פון דער אלטער היים" האָט דאָס בלוט מיר א שטאַרקן קלאַפּ געטאן אין קאָפּ אריין. ווער קען דאָס זיין? איך האָב אָבער גאָרניט געטראכט אין געהייסן אים אומבאַדינגט ארײנלאָזן, אָבער ערשט אין א שעה ארום, ווייל

כ'בין נאָך ניט געווען אָנגעטאָן. נעם איך גיך און נערוועיש זיך אָנטון, מאכן מיין טואלעט און מיט גרויס נייגעריקייט געוואַרט אויף דעם, וואָס ברענגט מיר א גרוס פון מיין אלטער היים. דאָ מוז איך אייך זאָגן וואצלאוויע, אז כאטש כ'האָב דאָס קיינמאָל אפן ניט דערמאָנט האָב איך מיין אלטער היים קיינמאָל ניט פארגעסן. עס האָט מיך, ביי אלע גרעסטע דערפאָלגן, באגלייט א טיפער שולד־געפיל און כ'וואָלט שטארק געוואָלט זיי זאָלן אויך מיך ניט פאַרגעסן, איז אפשר האָבן זיי געשיקט צו מיר ווענדן זיך צו דערוויסן ווי איך לעב? ווי גוט וואָלט מיר געווען ווען איך לעב נאָך אין זייער זכרון.

„עס גיט א קלונג דאָס גלעקל ביי דער טיר און מיר גיט א שטארקער קלאפ אין הארץ און אָט שטעלט זיך ווער פאר מיר פאר – וולדזשימיעזש! און ער וויל נאָך עפעס זאָגן אָבער איך פאל אויף אים ארויס און שריי אויס – וועלוועלע, וועלוועלע מיין ברודער! דאָס ביסטו וועלוועלע? אָט ווי דו ביסט אויסגעוואקסן! וואָס טוסטו אין לאָנדאָן? איך צי פון אים אראָפ דאָס מאנטל און קוש אים. דאָס איז דאָך מיין יונגערער ברודער, ווען כ'האָב זיי פארלאָזט איז ער געווען נאָך א קליין קינד און אלע האָבן פארזיכערט אז ער איז אין גאנצן ענלעך צו מיר. כ'האָב פארשטאנען אז ער מוז זיין הונגעריק און גלייך אָנגעקלונגען, די טיר האָט זיך געעפנט און פון רעסטאראן האָט מען געברענגט א גוטן מאלצייט פאר צוויי מענטשן, מיט בעסטע מאכלים און געטראַנק. מיר זענען געבליבן אליין אנקוקנדיק זיך מיט נייגעריקייט. דאָס ערשטע האָב איך געוואָלט וויסן ווי אזוי האָט ער מיך געפונען? און כ'האָב אלץ אים, מיט טרערן, געבעטן: – דערצייל וועלוועלע! דערצייל אלץ, וואָס עס טוט זיך אין דער היים, צי אַלע

לעבן? אַט מאַך זיך באַקוועם, עס און דערצייל, איך ברען פון נייגעריקייט! און ער דערציילט: 'ארויס פון דער היים בין איך אלס וואלד־סוחר אוועק אין פארשידענע שטעט און לענדער און טאקע אין פאריז האָב איך באמערקט אויף די שווי־פענצטער פון א טעאטער א רעקלאמע, וועגן דיינס א שוין פארגעקומענע ארויסטריט, מיט דיינס א בילד, וואָס כ'האָב באלד דיך דערקענט. האָב איך געפרעגט דעם קאסירער, ווי מען קען דיך טרעפן, האָט ער מיר געגעבן א פראָספעקט פון אלע דיינע ארויסטרעטונגען, מיט די ערטער און טערמינען, ווען דו וועסט שפילן. און כדי דיך צו טרעפן בין איך געקומען קיין לאָנדאָן און אָט זעסטו מיך! כ'האָב ניט געגלויבט אז וועסט מיך דערקענען און אויב יא צי וועסטו מיך וועלן אויפנעמען, דעריבער האָב איך אנגעגעבן א צווייטן נאָמען, איצט זאָג מיר צו ביסטו צופרידן וואָס כ'בין צו דיר געקומען?; 'א, וועלוול! פארוואָס פרעגסטו כ'וואָלט געוועזן גליקלעך אייך אלעמען צוזען. ווען איך קוק אויף דיר שטייט מיר פאר מיינע אויגן די היים, דאָס שטעטל, די שול, דער מארק. איך זע דעם טאטן ווי ער פסקנט שאלות און די גוטע מאמע, וואָס האָט געטון אלץ צו העלפן מענטשן. ווען עס געקומען צום טאטן א פארל זיך געטן האָט די מאמע געטאן אלץ זיי זאָלן זיך פאַרגלייכן. דער טאַטע פלעגט שטענדיק זאָגן אז נאָר א דאַנק זיין גוט און פרום ווייב, די גוטע באליבאסטע האָט ער דערגרייכט זיין גוטן נאמען אין דער וועלט צווישן יידן. און ווייטער דערציילט מיר וועלוול ווען איך בין אוועק פון דער היים האָבן די שדכנים איינגערעדט די מחתנים אז מען זאַל אין דער זעלבער צייט פון מיין חתונה, מאכן אונדזער שיינדעלען פאַר א כלה. זי איז דאָך געגאַנגען אונטער דער

חופה מיטן זעלבן חתן מיט וועמען איך האָב באדארף חתנה האָבן. עס איז געווען א רייכע חתונה אָבער טרערן האָט דאָרט ניט געפעלט כאטש דער טאטע האָט פארווערט צו דערמאנען מיין נאמען. אָבער די פארבליבענע, מיינע ברידער און שוועסטער, ניט געפילט צו מיר קיין שינאה. נאָך דער חתונה פון שיינדלען האָט דאָס שטעטל ניט אויפגעהערט צו רעדן וועגן מיר און די טאַטע־מאַמע האָבן געפילט אז זיי קענען מער ניט וווינען אין דעם שטעטל האָבן זיי באשלאָסן, אזוי ווי זיי האָבן א גרויסע משפחה אין וואַרשע זאָלן זיי זיך אהין אריבערציען. אויך דער רבי האָט געאיצעט צו ענדערן דאָס וווינארט און געווונטשן מצליח צו זיין אויף דעם נייעם אָרט. האָט מען אין שטוב זיך גענומען פאקן, און דאָס גאנצע האָב און גוטס ארויפגעוואָרפן אויף א וואָגן. און גאַנצע צוויי טעג געשלעפט זיך מיטן אקס קיין ווארשע. אזוי לעבן זיי פון דאן אין ווארשע. אלע זענען דאָרט געוואָרן אנדערש, ווי אין דעם קליינעם שטעטל. שיינדעלע האָט געוווינט ניט ווייט פון אונדז און האָט געבוירן זעקס געגראטענע קינדער, שיין ווי די וועלט. דאָ האָב איך זיך קוים באַהערשט ניט אויסצושרייען מיין ווייטיק, און וועלוול האָט ווייטער דערציילט, אָט האָבן זיי זיך צוגעוווינט צום נייעם לעבן. פון די קינדער איז קיינער קיין רבנים ניט געוואָרן, ווער האָט געלערנט, ווער געארבעט, ער איז געוואָרן א סוחר. נאָך דריי יאָר לעבן אין ווארשע איז דער טאטע קראנק געוואָרן און די מאמע איז טאָג־טעגלעך געלאָפן צו אים אין שפיטאל אויף טשיסטע. ער איז געווען גוט קראַנק, די דאָקטוירים האָבן גארניט געקענט אים העלפן, האָט די מאמע אים אהיימגעברענגט און אין צוויי וואָכן ארום איז ער געשטאָרבן.

ער דערציילט אז אין די לעצטע מינוטן האָט ער דערמאָנט מיין נאָמען און מיט דעם נאָמען אויסגעהויכט זיין נשמה.

"וועלוולס דערציילן האָט אזוי געווירקט אויף מיר אז עס האָט מיר געשטיקט די טרערן, איך האָב אָבער ניט געוואָלט פאר אים ארויסווייזן מיין שוואכקייט, כאטש דאָס איינהאלטן די טרערן האָט מער געזונט מיך געקאָסט, ווי כ'וואָלט אויפן הויכן קול זיך אויסגעוויינט. דאָס האָב איך ערשט אין א פאר טעג ארום דערפילט און געלעגן טאקע א פאר טעג אין בעט.

"כאָטש דאָס טרעפן וועלוולען האָט שטארק מיך דערפרייט אָבער דאָס וואָס ער האָט דערציילט האָט געשטיקט אין מיר טרערן און כ'האָב א לענגערע צייט ניט געקענט גענוג זיך אויסוויינען. מיין ברודער האָט שוין באדארף צוריקפאָרן אהיים ער אליין איז שוין געווען א פאָטער פון צוויי קינדער. אין דער היים איז נאָך געבליבן צוויי ניט אויסגעגעבנע קינדער האָב איך אים געבעטן ער זאָל מיטנעמען פון מיר געלט פאר דער מאמען און איר אנזאָגן אז איך האָב קיינמאָל זי ניט פארגעסן און האָב זי שטענדיק ליב געהאַט און האָב זי ווייטער ליב. די צייט וואָס אים איז געבליבן האָבן מיר שפאצירט איבער די לאָנדאָנער גאסן, ער האָט אויך געזען מיך אויף דער סצענע און געווען דערמיט שטאָלץ, וואָס זיינס א שוועסטער איז א וועלט־בארימטע ארטיסטקע. מיר האָבן אין די פארנעפלטע לאָנדאָנער גאסן דערמאָנט אונדזער ארעם קליין שטעטל. די קינדישע פרייד, די שולע, די פרומע דערציאונג, וואָס האָט מיך געטריבן צו צעשיידן מיט מיין נעכטן און מיט מיינע נאָענטסטע. איך בין אָבער שטאָלץ וואָס כ'האָב דערגרייכט מיין חלום צו ווערן אן

ארטיסטקע, און געבויט מיין לעבן ניט לויט דעם ווילן פון אנדערע נאָר לויט מיין אייגענעם ווילן און אייגענע צילן, צי דאָס האָט וועמען געפעלן אָדער ניט, איך האָב געהאנדלט לויט מיין פארשטאנד און מיינע געפילן, דערמיט אפשר געדינט פאר א ביישפיל פאר אנדערע שטעטלדיקע מיידלעך צו ווערן זעלבסטשטענדיק. א שאד בלויז וואָס מיינע נאָענטסטע האָבן צוליב מיר געמוזט אסךליידן. אָבער דאָס איז דאָך ניט געווען מיין שולד, נאָר די שולד פון איינגערעדטע באגריפן, פון רעליגעזן פאנאטיזם, פון דער צעטיילונג פון אויף פעלקער און פעלקער־האס, דאָס אלץ מיט וואָס איך האָב ניט געוואָלט מיטמאכן. אָט דאָס איז די גרויסע שולד אָבער ניט מיינע, דאָס איז די שולד פון די איבלען פון לעבן. און כאטש איך האָב געקוקט און קוק מיט אנדערע אויגן אויף די דאָזיקע פראָבלעמען האָב איך גרויס דרך־ארץ פאר יענע מענטשן וואָס טראַכטן אנדערש, וואָס זענען געבליבן געטריי זייער גלויבן און האָבן זייער מאָראַל, זייער איבערצייגונג, וואָס קען אָבער מיך ניט איבערצייגן. איך האָב אָבער געגלויבט אז מיט טרעפן זיך מיט מיין ברודער וועל איך קענען אָנהאַלטן א געוויסן קאָנטאַקט מיט מיין משפחה.

"ווען מיין ברודער איז צוריקגעקומען א היים, פון דער רייכער און בארימטער ארטיסטקע, האָט ער מיר געשריבן אז די מאמע האָט ניט געוואָלט צונעמען דאָס געלט. איר האָט זעט אויס גאָר ניט אימפּאָנירט דער דערפאָלג און דער רום פון איר טאָכטער איר האָט מער פון אלץ ווײ געטאָן וואָס איר טאָכטער איז אַוועק לעבן מיט א שגץ און דאָס האָט זי קיינמאָל ניט געקענט מיר מוחל זיין. דאָך האָב איך, נאָכן טרעפן זיך מיט מיין ברודער פון דער האָפנונג זיך

צוריק פארבונדן מיט מיין משפחה מער ניט פארלוירן. מיך האָט בלויז שטארק געוווּנדערט, וואָס די גאנצע צייט האָט מיין ברודער קיין איינמאָל מיך ניט געפרעגט וועגן מיין מאן. אפשר דערפאַר ווייל דאָס איז געווען אויך פאר אים א צו ווייטיקלעכער ענין אָדער ער איז געווען צו איבערגעראשט פון מיין דערפאָלג פון די טעאַטער־רעקלאמעס פון וואַנען מיין בילד האָט אראָפּגעשריגן, ווי עס זאָל ניט זיין איז דאָס געווען גענוג קלוג פון אים, וואָס ער האָט ניט געפרעגט און מיר איינגעשפארט דאָס אים צו דערקלערן. מיין ברודער האָט מיר אויך געשריבן אז דער רבי האָט געהייסן דאָס געלט, וואָס כ'האָב געשיקט, צונעמען און דאָס אויסנוצן נאָר אויף אויסצוגעבן די צוויי געבליבנע קינדער פון דער פאמיליע.

"אין יעדער צייט ווען כ'בין געווען א ביסל פריי האָט מיין מאן דווקא געוואָלט איך זאָל קומען צו אים, אָבער איך האָב דאָס ניט געקענט טאָן, ווייל אין דער פרייער צייט האָב איך געמוזט זיך גרייטן צו א נייעם ספעקטאַקל. אין איינעם א פרימאָרגן, אין דרויסן איז געפאלן א גרויסער רעגן, האָט א מאן מיך אנגערופן דורכן טעלעפאָן. דאָס איז געווען דער זעלבער "באראָן", וואָס פלעגט אויף אלע מיינע ארויסטריטן מיר צושיקן גרויסע בוקעטן בלומען און מיך באווארפן מיט זיינע וויזיט־קארטן. ער האָט מיך געבעטן, דורכן טעלעפאָן, איך זאָל אים ווידמען א קורצע צייט און זיך מיט אים באגעגענען, אויב דאָס איז מעגלעך נאָך היינט. אין זיין רעדן האָב איך ארויסגעפילט אן אומרואיקע נערוועישקייט און זיך פשוט פאר אים געשראָקן. האָב איך אים אָפּגעזאָגט און אוועקגעלייגט דאָס טרייבל פון טעלעפאָן. מיטאָגצייט בין איך געווען פארבעטן אין א רעסטאָראן מיט

עטלעכע גוטע פריינד ווי מיר האָבן גוט פאַרבראַנגט. צו מיין שטוינונג איז צו מיר צוגעקומען אַן עלעגאַנט געקליידעטער מאַן און זיך פאָר מיר פאָרגעשטעלט אַז דאָס איז ער דער "באַראָן", וואָס האָט היינט גערעדט צו מיר טעלעפאָניש און געבעטן מיך צוזעצן נעבן אים צו זיין טישל. בין איך שוין געוואָרן ביסל נייגעריק און איבערגעבעטן מיינע פריינט און צוגעגאַנגען צו זיין טישל. און ער האָט צו מיר געזאָגט: 'דאָס בין איך דער וועלכער דערלויבט זיך אייך אַנוואַרפן מיין פריינדשאַפט. איך בין די גאַנצע צייט באַזוכט אַלע פאָרשטעלונגען אין וועלכע איר זענט אַרויסגעטרעטן און כ'האָב באַשלאָסן אומבאַדינגט מיט אייך זיך נענטער צו באַקענען'. ער האָט זיך פאַרענטפערט פאַר זיין צו דרייסטקייט מיך אָפּצורייסן פון מיין געזעלשאַפט און מיר פאָרגעלייגט א צווייטמאָל מיט מיר זיך צו טרעפן, דערביי האָט ער מיר געגעבן זיין פריוואַטן אַדרעס און טעלעפאָן-נומער, זיך זייער עלעגאַנט געזעגנט און אַוועק. איך בין א ווײַלע געזעסן און אים נאָכגעקוקט און צוריק צו מיינע פריינד. זיי האָבן דערוויל זיך גאַנץ פריילעך אונטערגעהאַלטן. אין רעספּעקט צו מיר האָבן זיי מיך גאָר ניט געפרעגט. ווער דער מאַן איז, און ווייטער דערציילט פריילעכע געשיכטעס פון אַרטיסטישן לעבן.

"דאָס איז געווען אין דער צייט, וואָס כ'בין נאָך אַלץ געווען אונטערן שטאַרקן איינדרוק פון מיין ברודער וועלוולס וויזיט ביי מיר. אַלץ וואָס ער האָט מיר דערציילט וועגן דער היים האָט זיך טיף איינגעריצט אין מיין זכרון. עס האָט דאַן נאָך שטאַרקער געווייטיקט אין מיר דער פאַקט, וואָס איך, די עלטסטע טאָכטער, האָב ניט קיין קינדער, איך האָב אַלץ

געטראַכט וועגן דעם, ווי וועלוול האָט מיט ליבע דערציילט וועגן זיינע קינדער און די קינדער פון מיין שוועסטער שיינדל, און דאָס הארץ האָט מיר ווי געטאָן. איך האָב ניט בלויז פאר זיך נאָר פאר מיין מאמען געוואָלט זי זאַל האָבן פון מיר כאטש איין אייניקל. איך בין דאָך א געזונטע און קען האָבן נאָך עטלעכע קינדער. איך האָב אויך ניט געוואָלט אז מיין קינדערלאָזיקייט זאַל באטראַכט ווערן, פון דער משפחה און באַקאנטע ווי א שטראָף פון גאָט פאר מיין האנדלונג קעגן זיי. מיין האנדלונג איז דאָך געווען א גערעכטע, איך האָב דאָך ניט געקענט מסכים זיין מען זאַל מיר אנווארפן א מאן קעגן מיין ווילן. אָבער איין זאַך איז געווען זיכער כ'האָב מער ניט געקענט זיין אָן האָבן אַן אייגן קינד. איך האָב געמוזט טוען אלץ צו שטילן מיין אינערלעכן ווייטיק און בענקשאַפט נאָך א קינד. איידער כ'האָב פארלאָזט מיין היים, געדענק איך גוט, ווען מען האָט געשריבן די תנאים, האָט מיין שוועסטער שיינדעלע צו מיר געזאָגט. 'אוי יענטעלע איך וואָלט געוואָלט זיין אויף דיין אָרט!' שיינדעלע האָט חתונה געהאט פאר דעם חתן וואָס מען מען האָט מיר געשדכנט. איך בין אָבער צופרידן, וואָס זיי לעבן בשלום און איך ווינטש זיי אסך גליק מיט זייערע קינדערלעך, איך שטעל זיך פאַר ווי מיין מאַמע שפילט דאָרט מיט אירע אייניקלעך, איך פיל דעם ווייטיק וואָס כ'האָב ניט קיין קינדער. דער גרעסטער ווייטיק אין מיין לעבן, וואָס איז אזוי רייך מיט דערפאָלג און מיט אזא גרויסן דורכפאל. וואצלאַוויע, איר האָט שוין מסתמה באַקומען מיין לעצטן בריוו, ווייל איך שרייב צו אייך אָן אויפהער ניט וועלנדיק בלייבן אונטערשטעליק מיט מיין דערציילן וועגן זיך. איר

שרייבט מיר אז איר וועט אין קורצן קומען צו מיר, איך וואַרט אויף אייך. כ'בין אָבער זיכער אז איר וועט ארײנפאלן ווי א שטורעם, פלוצים און כ'וועל ניט האָבן די מעגלעכקייט אייך אפצוווארטן, איך ווייס אז אייער צייט איז באגרענעצט און לאנג וועט איר ביי מיר ניט פארברענגען דעריבער שרייב איך אייך ווייטער.

"עס איז געווען א טאָג, ווען דאָס טעאטער איז געווען מער ווי אלע מאָל איבערגעפולט מיט מענטשן מען האָט פשוט, ווי מען האָט מיר דערציילט, זיך געשטופט און געשטויסן בי דער קאסע, אלע בילעטן זענען גיך אויספארקויפט געוואָרן און אסך מענטשן זענען געבליבן אן בילעטן. איך האָב דאן געשפילט די ראלע פון "אנא קארענינא". מיין דערפאָלג איז געווען א גאר גרויסער, דער טעאטער־זאל און די גאלעריע האָט געשטורעמט מיט אפלאדיסמענטן און מען האָט מיך באווארפן מיט בלומען. מיינע קאָלעגן האָבן מיך גראַטולירט און געקושט. ביי ענדע איז אריין דורך די אונטער קוליסן, דער באראָן אין מיין צימער. מיך גראטולירט, דערלאנגט מיר בלומען, געגעבן א קוש אין האַנט און געפרעגט צי ער קאן ווארטן אויף מיר אין קארידאָר, כ'ווייס ניט, ווי דאָס איז געשען, וואָס כ'בין צו אייליק דאָסמאָל מסכים געווען. ווען כ'האָב זיך איבערגעטאָן און ארויס אין קאָרידאָר, האָב איך אים געזען וואַרטן אויף מיר. ער האָט מיך אָנגענומען ביים האנט און מיך צוגעפירט צו זיין אויטא און מיר זענען אוועק צו א באַקאַנטן לאָנדאָנער נאַכט־לאָקאַל.

"איך האָב באלד פון אנהייב מער ניט באַדויערט, וואָס כ'בין מיט אים אַוועק, ווייל מיר האָבן דאָ פארברענגט זייער אינטערעסאַנט. עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז דער דאַזיקער

מאן איז גוטמוטיק, פריילעך און אינטעליגענט, וואָס כ'האָב ביז היינט זעלטן ווי געטראָפן. מיר האָבן געשמועסט איבער די פאַרשידנסטע פּראָבלעמען און זיין ווייסן איז פאַר מיר געווען פון גרויסער באַדייטונג. אויך די טעאַטער־פּראָבלעמען זענען אים גאָר ניט געווען פרעמד, אַזוי אַז מיר האָבן געפונען א געמיינזאַמע שפּראַך. בין איך געווען צופרידן צו באַקענען אַז אינטערעסאַנטן און סימפּאַטישן מאַן.

"האָב איך צומאָרגנס זיך אויפגעכאַפּט שוין אין הויכן טאָג. האָב איך אייליק געמאַכט מיינע איבונגען און ביים טואַלעט מיט פאַרגעניגן געזען אין שפּיגל אַז איך זע נאָך אויס גאַנץ יונג, א ריין געזיכט און ברוסטן, ווי ביי א מיידל, די פיגור שלאַנק, בין איך גאָר געווען צופרידן פון זיך, און וועלכע פרוי וויל דאָס ניט שיין אויסזעען באַזונדער אַן אַרטיסטקע, וועלכע דאַרף באַוואונדערט ווערן פון מאַסן אומבאַקאַנטע מענטשן? האָב איך ניט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון שפּיגל און כסדר באַוואונדערט מיין שוואַרצן קאָפּ מיט לאָקן אין די לאַנגע פינגער פון מיינע הענט, ווי ביי א פּיאַניסטקע. כ'ווייס ניט פאַרוואָס עפּעס האָב איך דעם טאָג געוואָלט אויסזען וואָס שענער? און דער שפּיגל האָט מיר צוגעגעבן אַסך האָפנונג און גלויבן אין זיך.

"טרינקענדיק מיין קאַווע האָט אָנגעקלונגען דער טעלעפאָן, עס האָט גערעדט מיין מאַן, אַז ער קומט צו מיר פון דער שווייץ, ווייל ער האָט צוויי פרייע טעג. שבת און זונטיק האָט מיר פאַרזיכערט אַז ער בענקט צו מיר און וויל זיין די צוויי טעג מיט מיר צוזאַמען. איך האָב אויסגעדרוקט מיין צופרידנקייט. ווען ער איז געקומען זענען מיר אַוועק אין דעם רעסטאָראַן פון האָטעל און דאָרט א לענגערע

צייט פארברענגט מיט דערציילן, וואָס יעדער האָט אין דער צייט דורכגעמאכט. מיר האָבן מיט צופרידנקייט אויסגעהערט יעדנס דערגרייכונגען און מיט שמייכלען און ליבע פארברענגט איינגענעם די צייט. אין אוונט האָבן מיר געהאט אן אויפנאמע, ווי מיר האָבן זיך געטראָפן מיט א סך מיינע באקאַנטע אָבער, ווי פון הימל אראָפ, האָב איך באַמערקט דעם מיסטער באראָן. ער איז צו מיר צוגעקומען, איך האָב גאנץ העפלעך באקענט מיט מיין מאן. אין א קורצע צייט, כאפנדיק א שמועס מיט אנדערע באקאנטע, האָב איך באמערקט אז זיי ביידע, מיין מאן מיטן באראָן, זיצן אין א ווינקעלע און פירן א געמיטלעכן שמועס. בין איך צוגעגאנגען צו זיי, כדי ניט דערלאָזן צו רעדן וועגן מיין פערזאָן. זיי האָבן זעט אויס טאקע עפעס גערעדט וועגן מיר, האָב איך זיך אוועקגעזעצט ביי זייער טישל און אלע דריי האָבן מיר געטרונקען שאמפאן און דאָס טישל איז באלאגערט געוואָרן פון פריינט מיט וועלכע מיר האָבן פריילעך און צופרידן פארברענגט דעם אוונט. אויך מיין מאן איז געווען צופרידן וואָס ער האָט באקענט מיין געזעלשאפט און צומאָרגנס א צופרידענער פארלאָזט לאָנדאָן.

"מיין ראָלע אלס "אנא קארענינא" האָט געפאָדערט פון מיר אסך אנשטרענגונגען און כסדרדיקע פרובן. האָב איך דערפאר קיינעם ניט אויפגענומען און דאָס געהאַט צו פארדאנקען מיין דערפאָלג אויף דער סצענע. כ'האָב אָבער קיינמאָל ניט פארגעסן אז כ'דארף האָבן אויך א דערפאָלג אין לעבן. דאָס הייסט צו האָבן, ווי יעדע פרוי די רעכט צו אן אייגן קינד. דאָס האָב איך ביים גרעסטן דערפאָלג, די לעצטע צייט גאָר ניט געקענט פארגעסן.

"דערווייל איז מיין דערפאָלג אויף דער בינע אלץ מער

געוואָקסן. מען האָט מיך באוואָרפן מיט בלומען, מיך פארבעטן אויף בעלער און מיט וויזיט־קארטן פון יונגע מענער און אוודאי האָט דאָך ניט געפעלט די בלומען און די וויזיט־קארטע פון דעם באראָן. ארויסגייענדיק פון גארדעראָב־צימער האָט דעם וועג מיר פארשטעלט דער באראָן און מיך אוועקגעפירט אין רעסטאָראן פון מייו האָטעל. מיר האָבן דא איינגענעם פארברענגט ביז שפעט אין אוונט. ביים גלעזל שאמפאן און נאָך מער ביים טאנצן האָב איך דערפילט די ווארעמקייט, וואָס שטראָמט אין מיין קערפער. ביי א וואַלץ האָט ער מיך אזוי צוגעדריקט צו זיך אז כ'בין געוואָרן ווי א ברענעדיק פייער און אים אזש געגעבן א ביס און ווייטער ניט געקענט זיך באהערשן, איבערגעריסן דעם טאנץ און געזעצט זיך, א טיף פארוואונדערטע פון מיין ווילדע אויפירונג און צעפלאמטע געפילן, און טיף א פארשעמטע געשוויגן, אָבער באלד זיך פאר אים אנטשולדיקט. ער האָט מיט א ליבן שמייכל געזאָגט: 'אייער האלטונג איז גראָד פאר מיר גאָר איינגענעם, דאָס באווייזט אזביידע האָבן געמייזאמע קעגנזייטיקע געפילן, און דאָס איז דאָך א פאָזיטיווע זאך, וואָס קען אונדזביידן נאָר נוצן ברענגען. צום סוף האָט ער געפרעגט: 'ווילט איר נאָך טאַנצן.?' א ניין! האָב איך געענטפערט. די צייט איז שפעט און איך דארף שוין גיין שלאפן. זאָגנדיק דאָס בין איך געוועז פון אים ווי פארשיכורט און כ'בין מיט הייסע געפילן אוועק צו מיין צימער. דערזענדיק אים ביי זיך אין צימער, האָב איך אפילו ניט פראָטעסטירט, ניט פעיק געוועזן אפילו מיט עפעס צו רעאגירן, אויף אזא ניט געוועזנלעכע געשעעניש. כ'האָב גאָר ניט רעאַגירט ווען ער האָט אראָפּגענומען פון מיר דעם מאַנטל, און ווען

אלץ איז געוואָרן אויף מיר לייכטער און כ'האָב דערפילט זיינע ליפן אויף מיינע פלייצעס און ווייטער האָבן מיינע ליפן הייס זיך באגעגנט מיט זיינע. און געשען איז עפעס וואָס כ'בין קיינמאָל דערצו ניט געווינט געווען, א זאך וואָס עס איז נאָך קיינמאָל אין לעבן מיר ניט געשען און איך האָב, אָן טראַכטן, ווי כ'וואָלט געשפּילט עפעס א ראָלע אויף דער סצענע אלץ. פון זיך אראָפּגעוואָרפן און מיין לייב האָט געברענט, די נשמה פארשיכורט. ניט פעיק געווען גאָר ניט צו טראַכטן נאָר צו געניסן, וואָס מער צו געניסן. א גענוס, וואָס כ'האָב קיינמאָל ניט געוווּסט פון מיין מאַן.

"בין איך גאנצע טעג ארומגעגאנגען א שטאָלצע און א פריילעכע, ענדלעך בין איך ווי אלע פרויען, און גענאָסן ווי אלע פרויען. דאָס האָט געגעבן מיר נאָך מער מוט אין אלע מיינע ארבעטן, אין אלע מיינע פליכטן, מיין גאנצע טאָג־טעגליך לעבן האָט אנגעהויבן שיינען מיט עפעס אן אנדער ליכט. דער באַראָן האָט זיך עטלעכע טעג ניט באוויזן און אפילו ניט טעלעפאָנירט און איך האָב שוין געפילט צו אים א בענקשאפט. ווען ער האָט זיך באוויזן האָט ער זיך באקלאָגט אז איך האָב אזוי אים צוביסן אז ער האָט געשעמט זיך צו ווייזן פאר מענטשן און געמוזט זיך היילן ביי א דאָקטאָר, אויף דעם האָב איך אים געענטפערט אז דערפאַר בין איך געווען צופרידן און מיר ביידע האָבן פריילעך זיך צעלאַכט.

"מיר האָבן זיך נאָך עטלעכע אָוונטן באַגעגנט אין מיין האָטעל־צימער אָבער יענער ערשטער, יענער אויסטערלישן אָוונט בלייבט דער איינציקער, וואָס כ'וועל מיין גאנץ לעבן מער ניט פארגעסן. אוועק זענען עטלעכע וואָכן און איך האָב אלץ געלעבט אונטערן איינדרוק פון יענעם ערשטן

אָוונט מיט באַראָן אין מיין האָטעל־צימער. דערווייל האָט זיך פּאַרענדיקט פאַר אונדזער אַנסאַמבל דער אָפּמאַך און לאָנדאָן און מיר זענען אַוועק קיין ווין אויף א לענגערע צייט. דאָרטן האָב איך שוין אָנגעהויבן צו פילן אז מיין הארץ איז אנגעפילט מיט עפּעס אייגנס, ווי עפעס וואָלט באַוועגט זיך אין מיר. בין איך געשטאַנען אין כסדריקן קאָנטאַקט מיט א דאָקטאָר, וואָס האָט מיר אָנגעזאָגט די בשורה אז כ׳בין שוין אין דריטן מאָנאַט און אז אלץ איז ביי מיר אין בעסטן אָרדענונג. האָב איך פון דאַן געלעבט מיט גרויס צופרידענקייט. ענדלעך וואַרט אויף מיר דאָס גרעסטע אין לעבן. און כ׳האָב גאָר פאַרגעסן צו טראַכטן וואָס עס וועט זיין אויב מיין מאַן וועט זיך דערוויסן וועגן דעם אז איך שוואַנגער?

„אין ווין האָבן מיר געהאַט צוויי וואָכן צייט זיך צוצוגרייטן און מאַכן אונדזערע רעפּעטיציעס, כדי די עפענונג פון אונדזער ספּעקטאַל. ווען כ׳בין אַמאָל געשטאַנען ביי דעם דענקמאָל פון גרויסן מוזיקער יאָהאַן שטראַוס און געקוקט אויף דעם פּראַכט פון דער שטאָטישער פּאַנאָראַמע, האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם וואַלץ מיט דעם באַראָן, אין דעם האָטעל־רעסטאָראַן, ווען איך בין געוואָרן אַזוי פאַרשיכורט און צום ערשטן מאָל דערפילט דעם גענוס פון באַפרידיקן מיינע ווייבלעכע באַגערן, און פון דאַן טראָגט איך אין זיך א נייע לעבן, וואָס כ׳וועל ברענגען אויף דער וועלט, און ווען כ׳האָב געטראַכט וועגן דעם גליק וואָס מיר וואַרט זענען פאַר פרייד געקומען מיר טרערן אין די אויגן.

„אַלע מאָל ווען מיין מאַן איז געקומען האָט האָט ער מיך געטראָפן אין א גוטן הומאָר און ער איז געווען צופרידן מיט מיין אויסזען. מיר ביידע זענען געווען אין א גוטע שטימונג.

איך האָב די גאַנצע צייט אויסבאַהאַלטן פאַר אים מיין שוואַנגערשאַפט און אַליין גאָר ניט געוואָלט טראַכטן וואָס עס וועט זיין ווייטער.

"אויך בין איך ניט געווען פאַראינטערעסירט אַז דער באַראָן זאַל וויסן אַז איך בין פון אים שוואַנגער. זייט כ'בין אוועק פון לאָנדאָן האָב איך אים מער ניט באַגעגנט. ער האָט מיך עטלעכע מאָל טעלעפאָנירט אָפּגערופן פון לאָנדאָן, געוואָלט מיט מיר זיך ערגעץ טרעפן, אָבער איך האָב אים אָפּגעזאָגט. ער האָט זיכער געמיינט אַז איך בין מיט אים ברוגז און גאָר ניט געוווסט, ווי דאַנקבאַר איך בין אים און וואָס פאַרא גליק ער האָט מיר פאַרשאַפט, און וואָס פאַרא הנאה כ'האָב פון אים געהאַט. ער ווייסט גאָר ניט אַז איך טראָג זיין קינד אין זיך און איך וויל גאָר ניט ער זאַל דאָס וויסן. זאָל דאָס בלייבן נאָר אין מיר.

"איין מאָל ווען מיין מאַן איז געווען ביי מיר אין ווין און מיר האָבן שפּאַצירט איבער די ברייטע ווינער בולוואַרן און צוקומענדיק צום דענקמאַל פון שטראַוסן בין איך געבליבן שטיין, געקוקט אויף מיין מאַן און אים געפרעגט, צי ער וואָלט ניט געוואָלט איך זאָל זיך באַפרייען אויף אַ געוויסע צייט און געפינען אַ קינד צום אַדאָפּטירן? האָט ער זיך צוגעטולעט צו מיר און מיט אַ ליבלעכן שמייכל געזאָגט, אַז ער האָט שוין פון לאַנג דאָס מיר געוואָלט פאַרלייגן, אַז אויב מיר קענען ניט האָבן אונדזערס אַן אייגן קינד, וועט ער מיר זיין דאַנקבאַר אויב כ'וועל געפונען אַ קינד וואָס מיר וועלן אַדאָפּטירן. און מיר וועלן דאָס באַטראַכטן פאַר אונדזערס אַן אייגן קינד. דערביי האָבן מיר זיך צוקושט און

זייטיקע מענטשן האָבן געקוקט אויף אונדז מיט וווּנדער, וואָס אַזעלכע שוין ניט קיין יונגע לייט, שעמען זיך ניט עפנטלעך זיך צו קושן. מיר זענען אָבער געווען צושטאַרק צופרידן פון אונדזער געמיינזאַמען באַשלוס און צופרידענע זענען מיר דאַן אַריין אין אַ רעסטאָראַן, ווי מיר האָבן פאַרבראַכט ביז צו מיין מאַנס אָפפאָרן צוריק קיין שווייץ, צו זיינע טאָג טעגלעכע אַרבעט.

"פאַר מיר איז זיין הסכמה צו אַדאָפּטירן אַ קינד מיר געגעבן די גרעסטע האָפענונג אַז כ'וועל קענען האָבן מיין קינד און צו צעשטערן מיין צוזאַמענלעבן מיט מיין מאַן און אויך דערמיט שאַפן אַ לעגאַלן עקזיסטענץ פאַר מיין צוקונפטיק קינד. איך האָב געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז אַלץ וועט זיך אַמבעסטן ענדיקן פאַר מיר און פאַר מיין צוקונפטיק קינד".

און אָט האָט וואַצלאַוו זיך אַראָפּגעכאַפּט צו יאַנינען. זי איז דערמיט געווען זער צופרידן און אים גאָר פריינדלעך אויפגענומען. זיין קומען איז פאַר איר געווען נאָך אַ באַווייז אַז ער איז איר גאָר נאָענט און אַלץ וואָס זי דערציילט אים פון איר לעבן האָט פאַר אים אַ גרויסן אינטערעס. אָבער אויך וואַצלאַוו איז געווען פאַראינטערעסירט אין דער פריינדשאַפט און ער האָט איר געזאָגט:

"כ'מוז אייך זאָגן טייערע יאַנינאַ, אַז אייער דערציילונג לערנט מיך אַסך, ווי אַזוי האָט אויסגעזען דאָס לעבן אין אייער צייט. און באַזונדער איז דאָך אינטערעסאַנט אייער פּערזענלעך לעבן, וואָס איז דאָך ווייט פון יענע דורכשניטלעכע לעבנס פון מענטשן, וואָס עס לויפן ביי זיי דורך די יאָרן און זיי האָבן גאָר ניט געלעבט, בעסער געזאָגט — גאָר ניט

איבערגעלעבט. איך מוז אייך אויך מאכן דא א קאָמפּלימענט אז איר קענט אויך גוט דערציילן און דאָס איז דאָך אויך א קונסט, א וויכטיקע צוגאבע צו אייער טעאטער־קונסט. איך הער אייך אָדער איך לייען אייערע בריוו און מיר דוכט אז איך אליין לעב דאָס אלץ איבער. דערפאר דערציילט און זעצט פאר, דאָס וואָלט דאָך געווען א וויכטיקער לייען־מאטעריאל אויך פאר אנדערע מענטשן. און אפשר... אפשר... וועלן מיר שאַפן אזא מעגלעכקייט אז אייער געשיכטע, אייער לעבן, זאָל ברייט באקאנט ווערן. ביי דער געלעגנהייט וויל איך אייך אנזאָגן א גוטע בשורה, איך בין צוליב דעם ניט געקומען פריער צו מיינע געוועזענע בעליבאטים נאָר גלייך צו אייך. איך האָב זיך גענומען דריי טעג אורלאָב. ווייל אויך איך האָב אייך עפעס צו דערציילן פון א געשיכטע, וואָס כ'האָב דורכגעמאכט מיט א זער קורצער צייט."

אויף דעם האָט יאנינא אים געענטפערט: "ביי אייך איז דאָס א קורצע צייט, פאר מיר איז דאָס א גאָר לאַנגע צייט, וואָס כ'האָב אייך ניט געזען. עס זענען דאָך שוין אוועק גאנצע דריי מאָנאטן, דערציילט זשע גיך איך בין שטאַרק נייגעריק, וואָס מיט אייך איז אין דער צייט געשען".

"איר דאַרפט וויסן יאנינא אז כ'בין געווען ביי רעבעקאן און ביי איר נייער מאמען. זיי האַבן זיך זייער דערפרייט מיט מיר און אויך געפרעגט זיך אויף אייך און געבעטן אייך הארציק גריסן. זיי קענען גאָר ניט פאַרגעסן, ווי פריינטלעך איר האָט זיי אויפגענומען. באזונדער האָט רעבעקא גערעדט וועגן אייך מיט א סך ליבע, זי האָט מיר געזאָגט אז איר דערמאָנט איר מוטער און דערפאר איז זי אזוי צוגעבונדן צו אייך. רעבעקא און די פרוי האננא שיקן אייך דורך מיר קושן און פארבעטן

איר זאָלט קומען צו זיי. איך האָב ביי זיי פאַרברענגט עטלעכע שעה און דערנאָך מיט רעבעקאַן א לענגער צייט פאַרברענגט אין א קאַפעע. מיר האָבן גערעדט וועגן דעם פּראָצעס אין בזשעזשין און זי האָט מיר דערציילט וועגן זיך. איר האָט אפגעזוכט א מומע, וואָס האָט אמאָל געוווינט אין וואַרשע און איז פון די גרעאטעוועט פון אוישוויץ און היינט געפינט זי זיך אין ישראל. זי שרייבט איר זי זאַל גלייך קומען צו איר. פון איר משפחה איז אויך געבליבן איר פּאָטערס א ברודער, וועלכער געפינט זיך אין אמעריקע און דערוויסנדיק זיך אז רעבעקאַ לעבט פאָדערט ער זי זאל אומבאַדינגט קומען צו אים קיין אמעריקע, ווי ער וועט זי מיט אלץ פאַרזאָרגן און זי וועט ביי אים געפינען א גוטע היים. רעבעקאַ האָט דאָס אלץ מיר דערציילט מיט טרערן, ווייל חוץ וואָס זי קען זיך ניט דעצידירן, ווי זי זאַל פאָרן קיין ישראל אָדער אמעריקע. איז אָבער דאָס וויכטיקסטע וואָס איר פייניקט, איז איר שווער צו פאַרלאָזן איר איצטיקע מוטער, וועלכע האָט דאָך אזוי פיל געטאָן פאַר איר. ביים געזעגענען האָב איך איר געזאָגט זי זאָל זיך גוט באַטראַכטן און זי זאַל איר באַשלוס מיר שרייבן, ווייל האָב איך צוגעגעבן, אז עס איז ניטאָ קיין נענטערס ווי משפחה און אוודאי זענען אויך דא פרעמדע, וואָס זענען נענטער און בעסער פון דער בעסטער משפחה דעריבער דאַרף זי, איידער זי באַשליסט, זיך גוט דורכשמועסן מיט איר איצטיקער מוטער און מיט איר פאַמיליע אין אויסלאַנד, אפשר איז דא א מעגליכקייט, זי זאָל מיטנעמען איר איצטיקער מוטער, און דאָס וואָלט פאַרלייכטער איר דעציזיע, דערמיט וועט זי אויך האָבן א ריינעם געוויסן, וואָס זי האָט ניט איבערגעלאָזט איר איצטיקע מוטער אן איינזאַמע,

ווייל אויך זי האָט זיך דאָך שטארק צוגעבונדן צו רעבעקן און זי וואָלט שטארק געליטן צו בלייבן אליין אן איר. און דאַן וועט איר זיין לייכטער צו דעצידירן אויך וואָס פאַר איר איז בעסער״.

אויף דעם האָט יאנינא אים געענטפערט: ״וואַצלאַוויע, איך מוז אייך זאָגן אז פאַר אייער עצה, וואָס איר האָט געגעבן רעבעקא קומט אייך א קוש. איר זענט פולשטענדיק גערעכט אז א משפחה איז פארט נענטער און ווען זי וואָלט געפארן מיט איר איצטיקער מאמע, וואָלט דאָס געווען דער בעסטער פאר איר אויסוועג. איר מוזט וויסן אז איך האָב זער ליב באקומען דאָס דאזיקע מיידל און עס פרייט מיך, וואָס אויך אויף אייך האָט זי געמאכט א גוטן איינדרוק. עפעס ווילט זיך מיר אייך ביידן זען פאר מיינע בעסטע פריינד. איך וועל צוליב איר באזוכן ווארשע און אפשר וועלן מיר צוזאמען צו זיי דאָרטן קומען?״

״און איצט, ווילט איר יאנינא מסתמה וויסן וועגן מיינע דערגרייכונגען, האָט געזאָגט וואצלאוו? איך קען אייך פארזיכערן אז כ׳האָב די צייט ניט געפטרט אומזיסט, איך האָב אין דער צייט אסך אויפגעטאָן. איך פארנעם איצט א הויכן פאָסטן און דאָס וויכטיקסטע איז וואָס מען האָט צו מיר צוטרוי, איך פיר דורך וויכטיקע ארבעטן, וואָס גיט אויך מיר אסך סאטיספאקציע. איך האָב ליב מיין ארבעט און דאָס ברענגט מיר פארגעניגן. איך מיין אָבער אז כ׳וועל אין קורצן מוזן פארלאָזן דאָס לאנד, אין צוזאמענהאַנג מיט מיין אַרבעט באזוכן עטלעכע לענדער. איך וועל אָבער זיין צופרידן אנצוהאַלטן מיט אייך דעם קאָנטאַקט. איר וועט אין בריוו מיר ווייטער דערציילן וועגן אייער פארגאַנגען לעבן

און איך וועל אייך זיין דערפאר שטארק דאנקבאר. אָבער דערוויל בין איך געקומען בלויז אויף דריי טעג און וויל נאָר מיט אייך דא פארברענגען."

"מיטן בעסטן פארגעניגן מיין פריינד! האָט יאנינא א צעפרידענע געזאָגט, איר וועט מיר ניט אָפזאָגן צו זיין מיינס א גאַסט, אין די דריי טעג צו שטיין ביי מיר. אוודאי וועט איר אויך באזוכן די בזשעזשינסקיס, זיי זענען דאָך אונדזערע פריינט און כ'בין זיכער אז איר וועט די דריי טעג גוט פארברענגען."

פארשטענדעך אז וואצלאוו האָט ניט אָפגעזאָגט, פארקערט ער איז דערפון געווען גוט צופרידן און הארציק געדאנקט. ער האָט זיך אין דער וווינונג געפילט ווי אין דער היים, און אפשר נאָך בעסער. צו זיינע געוועזענע בעליבאטים האָט ער גלייך צוווויסן געגעבן אז ער וויל זיי וויזיטירן. זיי האָבן אים גלייך פאַרבעטן צו קומען. אלע האָבן מיט אים זיך שטארק דערפרייט, באזונדער די קינדער. ער האָט געפילט, ווי גוט דאָס איז צו האָבן גוטע פריינט, דאָס איז א וויכטיקע באזע אין איינגענעם לעבן. עס איז גוט זיך צו טיילן מיט מיינונגען, דערוויסן זיך און דערציילן, וואָס מען האָט דורכגעמאכט אין דער צייט וואָס מע האָט זיך ניט געזען. וואַצלאַוו איז געווען צופרידן מיט זיך דערמיט וואָס ער האָט אויסגעלערנט זיך שאַפן גוטע פריינט אָבער דערצו מוז מען אויך זיין געטריי און איבערגעגעבן צו די פריינט. ער האָט אָבער ביי דער פאמיליע ניט לאנג פארבראכט, ווייל די פריינדשאפט צו יאנינאן און די נייגעריקייט ווייטער צו הערן איר געשיכטע האָט אים געטריבן, וואָס גיכער צו קומען צו איר. ביים געזעגענען זיך מיט דער פאמיליע בזשעזשינסקי, וואָס האָט אים פארשאפט

אסך פארגעניגן האָט ער זיי פארבעטן צו זיך אין לאָדזש און זיי האָבן אים פארזיכערט אז זיי וועלן אין קורצן צו אים קומען, איז ער אוועק פון זיי מיט די בעסטע געפילן.

ביי יאנינען איז דער טיש שוין געווען גרייט, פון אלעם בעסטן און די פרוי, מאלגאשא, איר מיטהעלפערין האָט אן אויפהער זיך געפּאָרעט, געווען צופרידן, וואָס יאנינא האָט א גאסט. זי איז צו יאנינען זער צוגעבונדן זי איז ביי יאנינען שוין עטלעכע און צוואנציק יאָר, נאָך פון די צייטן ווען יאנינא האָט געשפילט אין טעאטער. נאָכן צוגרייטן ווי אמבעסטן, האָט די פרוי מאלגאשע אויך געזעצט זיך צום טיש און וואצעק האָט געהאַט דעם איינדרוק אז עפּעס גרייט זיך אין ועט ביים טיש געשען. דערווייל האָט מען געטרונקען וויין, פאר אלעמענס געזונט און יאנינא האָט זיך גלייך פון אנהייב געוואָנדן צו וואַצלאַוון און געזאָגט "איר זעט אָט די מאלגאָשאַ, וואָס זיצט היינט מיט אונדז, טאקע היינט ווערט 25 יאָר זינט איך האָב זי באגעגנט אין מיין היים. איך בין דאן צוריקגעקומען נאכן ענדיקן מיין קאָנטראַקט אין דאַן האָב איך אויך געבערענגט אהיים מיין קינד און מאלגאָשאַ טאקע האָט מיר געהאָלפן ביי דערציען און אויסהאדעווען. א, וויש ניט די אויגן! האָט זי געזאָגט צו מאלגאָשען, עס איז שוין אוועק גענוג צייט און מען דארף פון צייט צו צייט דאָס דערמאָנען, אָבער איצט עסט מיט א גוטן אפּעטיט! נאָכן גוטן מאָלצייט האָט מאַלגאָשע געבערענגט אלץ אין אָרדענונג און זיי זענען אריין אין יאנינאס צימער. דא האָט יאַנינא דערציילט וואַצלאַוון אז מאַלגאָשא האָט אין שטעטל א טאָכטער און צוויי איינעקלעך, אז זי איז א געטרייע און איבערגעגעבענע פרוי, און יאנינא האָט אסך

איר צו פאַרדאַנקען. דערווייל האָט וואַצלאַוו זיך ווידער איינגעקוקט אין די שיינע בילדער, באַזונדער אויף יאַנינאַס פּאָטאָס. און זי האָט אים געזאָגט: "ווי איך זע קענט איר זיך זאַט ניט אָנקוקן אויף מיין אַמאָליקן אויסזען. יאָ דאָס איז די זעלבע יאַנינאַ אָבער שוין מיט אַן אַנדערן אויסזען. דער מענטש ענדערט זיין פּנים אָבער אינערלעך בלייבט ער דער זעלבער, אָבער מיט נאָך נייע דערפאַרונגען. אַ גליק, וואָס דאָס געזונט איז אין אָרדענונג און דאָס איז צום גוטן."
וואַצלאַוו האָט ניט געקענט זיך באַהערשן און אַרויסגעכאַפּט זיך מיט אַ קאָמפּלימענט: "אייער אַמאָליקע שיינקייט האָט זעט אויס נאָך ביז היינט געלאָזט אויף אייך זיין שטעמפּל".

נאָכדעם האָבן זיך ביידע אַוועקגעזעצט ביי אַ טיש מיט קאַווע. וואַצלאַוו האָט אַביסל געריסמט איר שרייבן, זי האָט אָבער קוים געהערט און גלייך אָנגעהויבן דערציילן:

"מיין שוואַנגערשאַפט איז אַדורך אויסגעצייכנט, איך בין געווען די גאַנצע צייט אונטער דעם אויפזיכט פון מיין דאָקטאָר, וואָס זיין גוטע באַציאונג האָט אויך געווירקט אויף מיר צום גוטן. איך האָב שטרענג זיך געהאַלטן ביי זיינע אָנווייזונגען, ווייל כ'האָב מער פון אַלץ געוואָלט האָבן אַ געזונט קינד. אַזוי זענען אַדורך אַ פּאָר מאָנאַטן. די ערשטע צייט האָט מיין מאַן מיך באַזוכט און קיינמאָל ניט באַמערקט איז איך שוואַנגער. יאָ, איך בין אַלץ געווען פאַרנומען מיט די מחשבות, צי איך האַנדל גוט דערמיט וואָס איך נאַר אָפּ מיין מאַן און זאָג אים ניט דעם אמת. איך האָב אָבער געוואָלט, אין אונדזער ביידנס גוטס, בעסער אים ניט דערציילן. מיין חשבון איז געווען אויב ער אַליין וויל אַדאָפּטירן אַ קינד, וועט דאָס זיין מיין קינד און מיר ביידע

וועלן זיין צופרידן. איך האָב שטארק ניט געוואָלט אים פארביטערן דאָס לעבן און ניט צעברעכן אונדזער פאמיליע־לעבן.ביידע זאַכן האָב אך שטארק געוואָלט אויסמיידן. האָב איך אין די לעצטע מאָנאטן באמיט זיך מיט אים זיך ניט טרעפן, געפונען א תירוץ אז כ'מוז ערגעץ אוועקפארן. צו מיין גליק האָט מען אים ארויסגערופן קיין ווארשע און איך בין אריין אין שפיטאל און דאָרט, וואָס פארא פרייד, געבוירן מיין אייגן קינד. אין מיטן די גרעסטע ווייען, אז כ'האָב דערהערט דאָס געוויין פון מיין קינד, האָב איך זיך צעוויינט פאר פרייד. דאָס איז געווען אין רוים, ווי כ'האָב געהאט די בעסטע בעהאנדלונג פון די דארטיקע דאקטוירים. דאָס קינד איז געווען מיט א שווארץ קעפל און מיט גרויסע בלויע אויגן. איך האָב געמוזט נעמען א פרוי צום קינד, ווייל כ'האָב געהאט אסך פארמאליטעטן צו דערלעדיקן, באזונדער דאָס רעגיסטרירן דאָס קינד אויף אונדזער פאמיליע־נאמען. איך האָב גלייך טעלעפאָניש זיך פארבונדן מיט מיין מאן, דערציילט אים אז איך קום אין געציילטע טעג צופארן מיט אן אדאָפטירט קינד. ער האָט מיר גאָר ניט געענטפערט. כ'האָב געטראכט אז אפשר איז ער ניט אין קיין גוטער שטימונג אָדער אפשר האָט ער געענדערט זיין מיינונג, איך אָבער האָב גענומען דאָס קינד און געברענגט עס א היים.

מיין מאַן האָט מיך אויפגענומען, ווי דאָס ערשטע מאָל ווען ער האָט מיך אריינגעפירט אין דער קליינער וווינונג אויף דער לענשא גאס. מיך געהאַלדזט און געקושט און גוט זיך באצויגן צום קינד. אָבער ווען ער האָט זיך גוט איינגעקוקט אין קינד האָב איך באַמערקט טרערן אין זיינע אויגן. איך האָב זיך אָבער געמאכט ניט זען. און דערווייל צוגערייט

דאָס קליינע צימערל נעבן אונדזער שלאָף־צימער און דאָרט איינגעאָרדנט אלץ פאַסיק פאַר א אזא קליין קינד. מיין מאַן האָט גלייך אראָפּגעברענגט מאלגאשען פון פוילן און זי האָט די גאנצע צייט זיך פארנומען מיטן קינד. ביסלעכווייז האָט ער זיך אויך צוגעוווינט צו אים און אין דער פרייער צייט זיך געשפּילט דערמיט און איך האָב אלץ ניט געוווּסט, צי זאָל איך אים זאָגן דעם אמת אָדער ווייטער פארשווייגן? דאָס קינד האָט מען א נאָמען געגעבן זענעק און גערופן אים זענעק. דאָס קינד האָט זיך גוט אנטוויקלט, אלע וואָס זענען צו אונדז געקומען האָבן דאָס קינד ליב באקומען, וואָס האָט מיך אנגעפילט מיט א סך צופרידנקייט.

„אין דער צייט וואָס דאָס קינד האָט זיך אנטוויקלט בין איך פאַרבעטן געוואָרן אויף א סך בעלער און באַנקעטן, און אויף פארשידענע אויפטריטן. כ'בין אויפגעטרעטן אין ווין און אין דענעמאַרק ביים קעניגלעכן הויף, אין רום ביים פויפסט, אויך ביים פראנצויזישן פרעזידענט. מיין מאַן האָט מיר אסך אין דעם געהאָלפן. און וואָס קען נאָך זיין מער פאַר א פרוי פון אן ארעם יידיש שטעטל צו דערגרייכן אזיין גרויסן כבוד? מיר זענען אויך געווען פארבעטן אויף באַנקעטן פון דער הויכער געזעלשאפט אין פארשידענע לענדער.

„מיט דער צייט האָב איך אנגעהויבן צו באמערקן, אז ניט אלץ וואָס גלאנצט מיט לוקסוס, גאָלד און ברילאנטן, איז אזוי לויטער און ריין. איך האָב אין פארשידענע שמועסן מיט די פרויען פון דער הויכער געזעלשאפט זיך אנגעהערט אויך מיט רחילות. דערוויסט זיך וועגן זינד. די מענער פון אָט דער עליטע פון דער געזעלשאפט האָבן געהאט נעבן זייערע פרויען אויך געליבטע. אָפּט צווישן די פרויען פון

"לייכטער אויפירונג". געווען אזעלכע וואָס האָבן געהאַט מער פארגעניגן פון זייערע דינסטן, ווי פון די אייגענע ווייבער. צווישן אָט דעם גלאַנץ, רייכטום און דיפּלאָמאטיע האָט זיך באהאלטן אסך שמוץ און זינד. פארשטענדלעך אז ניט קיין סך פון אָט די זינדיקע געשיכטעס צו מיר דערגאנגען, אָבער פון צופעליקע שמועס מיט פרויען האָב איך גוט שוין געקענט וויסן אז ניט אלץ גלאנצט אין אָט דער הויכער געזעלשאפט, וואָס זענען דאָך די הערשער, די טאָן געבער פון דעם לעבן פון די פעלקער. איך האָב זיך איבערגעצייגט, אז אין מיין אָרעם שטעטל, ביי דער נויט און אפגעשטאנענקייט, האָט געהערשט א גרעסערע, מאָראל, ווי ביי דער דאזיקע עליטע.

"איך האָב זיך דאן אנגעטראפן אויף נאָך א פּראָבלעם, וואָס אויך אין דער הויכער געזעלשאפט איז די פרוי, אויף א געוויסער מאס דיסקרימינירט. פארשטענדלעך אז פרויען מיט גרויסן טאלאנט אָדער גרויסער שיינקייט, פרויען פון הויכן יחוס אָדער פון גרויסן פארמעגן זענען ווייניקער דיסקרימינירט, קענען לייכטער זיך אויסגלייכן מיט די רעכט פון די מענער. אָבער אויך זיי ווערן מער געטאַדלט, מען קוקט אויף אזעלכע מיט קרומע אויגן ווען זיי זינדיקן מיט א פרעמדן מאן אָדער ווען זי האָט א געליבטן, ווען א מאַן וואָס זינדיקט מיט אן אנדערע פרוי אָדער פרויען ווערט אין די הויכע קרייזן געלויבט ווי "אין אַן אמתער מאן", אויב אין דער הויכער געזעלשאַפט עקזיסטירט א דיסקרימנאַציע פון דער פרוי איז דאָך שוין אָפגערעדט, וואָס עס טוט זיך אין די נידריקע בירגערלעכע קרייזן. די גרעסטע זינד פון א מאַן מיט אנדערע פרויען, ווערט ניט באטראַכט פאר קיין חטא.

אָבער ווען א פרוי באַגייט די קלענסטע זינד קעגן איר מאַן, ווערט זי אויסגעשלאָסן פון דער געזעלשאַפט. אפילו ביי יידן, ווען א מאַן לעבט אָדער זינדיקט מיט א שיקצע ווערט ער באַטראַכט פאַר א חברהמאַן און ווען א מיידל אָדער א פרוי פאַרליבט זיך אין א שגץ ווערט זי אַריינגעוואָרפן אין חרם אָדער די עלטערן זאָגן נאָך איר קדיש און די יידישע געזעלשאַפט פאַרשעלט זי. דאָס קומט מסתמה פאַר אויך ביי אַנדערע פעלקער. אָט די אַלע געדאַנקען זענען מיר געקומען גראַד אין די טעג ווען מיין קאַריערע האָט געבליט אין דער הויכער געזעלשאַפט. און ווען כ'האָב אויך ניט געוווּסט צי כ'באַדאַרף אַרומגיין מיט א שווערן געוויסן, וואָס כ'האָב גענאָסן פון א צווייטן מאַן, און וואָס כ'האָב פון אים א קינד? איך בין גאָר ניט זיכער ווען מיין מאַן וואָלט דערצו געווען פעיק, די וואָלט אים געפייניקט דאָס געוויסן ווען ער וואָלט מיך פאַראַטן מיט א צווייטער? און די געדאַנקען האָבן אַרויסגערופן ביי מיר די פראַגע — צי איז די פרוי בלויז א פריוואַט־אייגנטום פון מאַן? איך האָב פלוצים זיך ווי געכאַפּט אַז דאָס פאַמיליע לעבן איז קראַנק, אַז עס עקזיסטירט אין דעם א סך דעמאָראַליזאַציע און קאָרופּציע. און האָב מיט דער צייט זיך געפילט אַלע ווייניקער שולדיק קעגן מיין מאַן.

"קומענדיק אַזוי אָפט אין דער הויכער געזעלשאַפט האָב איך אַלץ מער זיך איבערגעצייגט אַז די דאָזיקע געזעלשאַפט איז טיף פאַרדאָרבן. זעענדיק דעם לוקסוס, דעם פּראַכט און פאַרשווענדישקייט, און ווען כ'האָב זיך דערמאָנט די אָרימקייט פון די יידן אין אונדזער שטעטל, און די אָרעמקייט פון די פויערים אין די דערפער, אין אָרימע קוואַרטאַלן אין

די שטעט, האָב איך אלץ מער פארשטאנען וואָס פארא גרויסע אומגערעכטיקייט עס הערשט אויף דער וועלט. צו מיר, זייענדיק ארומגערינגלט מיט זאטקייט און לוקסוס, איז ניט דערגאנגען די פאקטן פון די בונטן פון פאָלק, ניט געוווסט וויפל טויזנטער פאָליטישע ארעסטירטע שמאכן אין די טורמעס אין קאמף קעגן אָט דער אומגערעכטיקייט. איך בין געווען דערצו צופיל פארנומען מיט די פראָבלעמען פון מיין אייגן פאמיליע־לעבן. צופיל פארנומען מיט מיינע דערפאלגן און אסך עוולות ניט באמיט זיך צו באמערקן. איר פארשטייט מיך וואצלאוו?"

"דריי טעג זענען זייביידע אזוי געזעסן און געשמועסט אויף די דאָזיקע דורך יאנינען פראָבלעמען און וואצלאוו איז מיט איר אין די פראגן מסכים געווען. און יאנינא האָט ווייטער דערציילט:

"אזוי זענען געפלאָסן די חדשים און יאָרן. קיין גרויסע ענדערונגען איז אין מיין לעבן ניט פארגעקומען. איך בין ווייטער געווען א פרימאדאָנע אין טעאַטער. אמת אז אן די הילף פון יאנעקן וואָלט איך דאָס אלץ ניט דערגרייכט אָבער אן מיין טאלאנט, וואָלט יאנעקס הילף גאָר ניט געהאָלפן. אויך אונדזער צוזאמענלעבן מיט יאנעקן איז ניט פארגעקומען קיין ענדערונג. און אָט איז מיין זון געוואָרן אכט יאָר. ער איז געווען שיין און קלוג. מען איז מיך מקנה געווען. און מיין מאן איז אויך געווען פון אים צופרידן און שטאָלץ וואָס יעדער לויבט אים.

"ווען מיר האָבן געפראַוועט דעם אַכטן געבוירן־טאָג פון אונדזער זון האָבן מיר געמאכט א גרויסע אויפנאמע און פארבעטן אסך פון אונדזערע פריינד און מיין מאַן איז געווען

דער בעל משפחה. אויך זענעק איז געווען צופרידן פון דעם טאַטנס מתנות צו זיין געבוירן־טאָג. אָבער נאָך דעם איז עפעס געשען מיט מיין מאַן, איך האָב דערפילט אז יאנעק איז עפעס ניט מיט אַלעמען. איך האָב באמערקט אז ער גיט ניט אָפּ מער אונדזער קינד קיין ליבע. אפשר איז ער איינפערזיכטיק וואָס איך גיב אָפּ די גאַנצע פרייע צייט מיין זון? פאר דעם האָב איך גראַד די גאַנצע צייט זיך געשראָקן און געוואָלט דערגיין די סיבה, וואָס יאַן האָט פלוצים זיך אזוי געענדערט. האָב איך באַשלאָסן מיט אים זיך דורכשמועסן, ווייל דאָס איז דער בעסטער וועג פאר א פארשטענדיקונג. איך האָב באשלאָסן דאָס טאָן, וואָס גיכער די לאגע זאַל זיך ניט פארשארפן און א סוף מאכן צו זיין נערוועזיטעט.

"ווען כ'האָב געזען ווי מען לייגט מיין זון שלאָפן און די צייט איז שוין געקומען אז אויך מיר דאַרפן גיין שלאָפן, איז מיין מאַן נאָך אלץ געזעסן פאַרטיפט געקוקט אין עפעס א בריוו, וואָס איז זעט שוין מיט עטלעכע טעג צו אים אנגעקומען. בין איך אריין אין שלאָף־צימער און געוואַרט ער זאַל אריינקומען. עס האָט טאקע לאנג ניט געדויער און ער איז אריינגעקומען ניט רעדנדיק מיט מיר קיין וואָרט און זיך געלייגט שלאָפן. בין איך צו צו אים און געפרעגט: 'זאָג מיר וואָס איז מיט דיר די לעצטע טעג געשען וואָס דו ביסט אזוי נערוועז און דיין אויפירונג האָט זיך אזוי געענדערט? איך האָב רעכט צו וויסן. אפשר פילסטו זיך ניט גוט? אפשר איז עפעס געשען ביי דיין ארבעט? די דארפסט מיר זאָגן ניט שווייגן, ווייל דאָס רופט זיך אָפּ אויף אונדזער געזונט און אויף אונדזער ארבעט. אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט: טייערע יאַנינא, עס איז גוט וואָס דו ווילסט

מיט מיר רעדן. דו ווייסט דאָך אז איך האָב דיך ליב און אָט די ליבע צו דיר האָט מיר געהאָלפן דורכהאַלטן מיין קראנקייט, איך וואָלט אָבער זיך ניט פארגעשטעלט אז דו וועסט אָפטון קעגן מיר אזא זאַך, און אפילו וועגן דעם מיר ניט דערציילן. כ'האָב אסך וועגן דעם געטראכט און ניט געקענט בארעכטיקן דיין שריט. און דאָס ערגסטע וואָס דו האָסט דאָס אלץ פאר מיר אויסבאהאלטן. אָט ליגט פאר מיר א בריוו, פון א מאן מיט וועמען דו האָסט מיך באקענט אין לאָנדאָן אָט הער וואָס ער שרייבט מיר".

הויכגעשעצטער אמבאַסאדאָר פון דער פוילישער רעפובליק יאן קאנארסקי.

איך בין אייך באקאנט, אָבער די גאנצע צייט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך פערזענלעך מיט אייך זיך דורכצושמועסן און עס האנדלט זיך אין א גאָר ערנסטע פראגע וועגן וועלכע איך וויל מיר זאָלן זיך טרעפן און רעדן, וועגן מיין קינד, וואָס געפינט זיך אין אייערע הענט. איך האָב די גאנצע צייט געשוויגן אָבער די גאַנצע צייט נאָכגעפאָרשט אייער פרוי ביז זי איז געלעגן. זי האָט געוואָלט, מיך דעם פאָטער פון איר קינד, אין גאנצן אויסמיידן, ווי איך וואָלט גאָר ניט עקזיסטירט. זי האָט געגלויבט אז כ'וועל גאָר ניט וויסן און כ'וועל זיך ניט אינטערעסירן וועגן מיין קינד און כ'וועל זיך אין גאנצן אפרוקן אין דער זייט. איך גלויב אָבער אז כדי צו פארמיידן אן עפנטלעכן סקאנדאל וואָס קען אייך און אפשר אויך מיר ברענגען ניט קיין גוטע רעזולטאַטן איז געווונטשן מיר זאָלן זיך טרעפן און דעם ענין דערלעדיקן, ווי דאָס פּאַסט

פאר מענטשן פון דעם סאָרט צו וועלכע מיר געהערן. איך וואַרט אויף אייער ענטפער. מיט גרוסן.

אונטערגעשריבן באראָן ס.א.

"אויף דעם האָב איך יאנעקן געענטפערט: טייערער יאנעק! איך ווייס אז כ'בין באַגאנגען קעגן דיר א ניט עטישן און ניט מאָראַלישן טאַט. אָבער דו אליין, דערמאָן זיך, ווי דו האָסט מיר געזאָגט, איך דערמאָן זיינע ווערטער: 'טייערע יאנינא, איך בין באַגאנגען קעגן דיר א פארברעכן, וואָס איידער מיר האָבן זיך פארבונדן האָב איך דיר ניט אויסגעזאָגט אז איך קאָן קיין קינדער ניט האָבן און ניט האָבן מיט דיר קיין סעקס־באַציאונגען.' דאָס זענען דיינע ווערטער. דאָס זעלבע מוז איך דיר זאָגן אז אויך איך האָב דיר ניט געוואָלט אנטאָן קיין בייז און ניט געוואָלט צעשטערן אונדזער צוזאמענלעבן מיט מיין טאַט וואָס איז געשען צופעליק, איך האָב זיך פארשיכורט און ווען כ'האָב זיך געכאפט איז שוין געווען צו שפעט. איך האָב אָבער מער מיטן באראָן קיין באַציאונגען ניט געהאַט און מער אים ניט געזען, און ניט באַגעגנט. דאָס איז דער אמת און אויב דו האָסט מיך ליב טאָ געדענק אז דאָס קינד איז פון מיין לייב, אויסגעטראָגן אונטער מיין הארץ. און איך האָב דאָך אזוי לאנג געטרוימט צו האָבן א קינד, א קינד פון דיר, אָבער דער גורל האָט אנדערש געוואָלט. אָבער אויב דו האָסט מיך ליב איז דאָך דאָס קינד אונדזערס און מיר ביידע דאַרפן דאָס ליב האָבן. און מיר ביידע דארפן דאָס דערציען און ניט ברענגען אים קיין שאָדן. ער טאָר גאָר ניט וויסן אז דו ביסט ניט זיין פאָטער. ווייל ליב געהאַט האָב איך ניט קיינעם נאָר דיר. דאַרפסטו מיר גאָר ניט פאָרוואַרפן, איך זאָל האָבן א שלעכטן אויף

מיין געוויסן. פאַרגעס, איך בעט דיך, זאַל דאָס בלייבן דער סוד צווישן אונדז ביידן. ביז דער ענדע פון אונדזער לעבן. אויף דעם האָט יאַנעק מיר געענטפערט: איך האָב דיר טייער אָנצוזאָגן א שלעכטע בשורה. ווי דאָס איז געשען האָט דער באַראָן דעם בריוו צו מיר ארויסגעשיקט מיט דריי וואָכן צוריק פון לאָנדאָן און איך האָב אים באַקומען מיט א פארשפעטיקונג. איך האָב טאַקע געגרייט זיך מיטן באַראָן צו טרעפן אין פאַריז אָבער ווען ער איז ארויסגעפלויגן פון לאָנדאָן קיין פאַריז איז געשען מיטן אייראָפּלאַן א קאטאסטאָפע. אלע אכט פּאסאזשירן מיט דער מאַנשאַפט זענען אומגעקומען און צווישן זיי, איז אויך דער באַראָן מער ניט צווישן די לעבעדיקע. אזוי אַרום איז דער גאַנצער ענין מער ניט אַקטועל. לאָמירזשע ביידע אין דעם אַלץ פאַרגעסן, פאַרבייסן די ליפּן און גיין שלאָפן.

"איך בין געווען זיכער אַז מיין מאַן וועט האַלטן וואָרט און טאַקע אין אַלץ פאַרגעסן. אָבער אין דער פּראַקטיק איז עס געווען גאָר אַנדערש. ווען כ'האָב, צום געבוירן־טאָג פון מיין זון אים געגעבן א גאָלדענעם מעדיאַלאָן מיט אַ קליין בילדל פון אונדז אַלע דריי האָט מיין מאַן געפאָדערט איך זאַל פון מעדיאַליאָן ארויסנעמען די קעפּלעך פון אים און זענעקן און איבערלאָזן נאָר מיין פּנים. איך האָב אַזוי געטאָן, כאָטש איך בין דערצו ניט מסכים געווען און ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס וויל ער דאָס. אָבער איך פון מיין זייט האָב אַלץ געהאַט צו אים דעם גרעסטן צוטרוי און דאָס לעבן איז ווייטער געפלאָסן נאָרמאַל. איך האָב געוואָלט מיין זון זאַל גיין אין מיינע וועגן און ווערן א גרויסער אַרטיסט, און אפילו מיך איבערשטייגן. ער האָט גראָד

ארויסגעוויזן גרויסע דערצו פעאיקייטן און אנטיילגענומען און פארשידענע קינדישע טעאטער פארשטעלונגען און געלערנט אין א קינדישע טעאטער־שולע. און איך בין געווען אין דעם זער אינטערעסירט. אָבער מיין מאן האָט אין דעם זיך ניט געוואָלט מישן. אזוי איז אנגעגאנגען אונדזער לעבן, שוין גאָר ניט דאָס וואָס עס איז געווען איידער כ׳האָב געהאַט דאָס קינד, ווי אין די אלע יאָרן וואָס כ׳האָב קיין קינד ניט געהאַט, און איצט האָב איך געמוזט זיך צופאסן און שווייגן, כדי אנצוהאלטן דעם שלום בית. כ׳האָב פארשטאנען אז מיין מאן פייניקט אלץ, וואָס מיין קינד האָב איך געהאַט פון א צווייטן. אָבער מיך האָט געפייניקט דאָס געוויסן דער טויט פון מיין זונס אמתן פאָטער, וואָס איז אומגעקומען בעת אן אייראָפּלאן קאטאסטראָפע. איך האָב דאָך גראד פון אים געהאַט דעם געוואָלטיקן סעקסועלן גענוס, נאָר אים האָב איך דאָך צו פארדאנקען וואָס כ׳בין געוואָרן א מוטער. ער האָט זיך פארמיר באוויזן פלוצים און כ׳בין ניט געווען צוגעגרייט אים צו ליבן, כ׳האָב נאָר געפילט דעם דורשט נאָך סעקסועלן גענוס. אָבער א דאַנק אים האָב איך געהאַט דעם אנשפּאר אין מיין לעבן, מיין קינד, דאָס איז געווען מיין גרעסטער געווינס. אוודאי ניט געוואָלט פארלירן יאנעקן, וועלכער איז אלץ, זעט אויס, געווען איינפערזיכטיק, איך האָב אָבער געהאָפט אז דאָס לעבן וועט ווייטער אזוי אנגיין.

"ווען כ׳האָב געהאַט די קאָנטראקטן מיט די גרעסטע טעאטער־דירעקטאָרן און געלט איז צו מיר געפלאסן, האָבן מיר פאר די געלטער געקויפט פארשידענע קליינע און גרעסערע ווינונגען, באזונדער אין וואַרשע און אזוי, ווי מאלגאשאס טאָכטער האָט געווינט אין אין בזשעזשין האָבן

מיר אויך דא געקויפט דאָס הייזל און עס אויסגעשטאַדט ווי אמשענסטן, ווי דאָס איז מיר שפּעטער אַזוי צונוף געקומען אין לעבן. מיר האָבן אויך פאַרמאָגט זער ווערטפולע זאַכן, באַזונדער בילדער פון באַקאַנטע מאַלערס וואָס איך האָב זער ליב געהאַט. אַסך פון זיי האָבן מיר צעטיילט אין מוזעאומס אויף אונדזער נאָמען און איך בין דערמיט געוווען צופרידן. ניט איינמאָל איז מיר געקומען אויף דעם געדאַנק אַז איך דאָס מיידעלע פון אַ יידישן קליינשטעטלדיקן רב און אַ חזן, וואָס האָט קוים געענדיקט אַן אָנפאַנג־שולע האָט מיך דאָס לעבן אָדער דער גורל און דער עיקר מיין מאַן וואָס כ'בין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טעאַטער סטאַרן. די געדאַנקען וועגן האָבן אַ קינד האָבן לאַנג מיך געפּייניקט אָבער ווען מיין ברודער וועלוול האָט מיר דערציילט וועגן זיינע קינדער און די קינדער פון מיין שוועסטער שיינדל, איז דאָס אפשר געוווען דער גרויסער שטויס וואָס האָט מיך געטריבן דערצו, וואָס עס איז מיר געשען מיטן באַראָן אין לאָנדאָן.

ווען מיין מאַן איז געוווען אָפּט פאַרנומען און אָפּט אויך אָפּגעפאָרן פון דער היים קיין וואַרשע, האָב איך זיך פאַרנומען מיט דערווירטשאַפט און פון צייט צו צייט אויפגענומען געסט, ניט נאָר פון דער דיפּלאָמאַטיע נאָר אויך פערזענלעכע פריינט און מיר האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט. איינמאָל, פאַרענדיק זיך אין שטוב, האָב איך געוואָלט עפּעס אַראָפּנעמען פון אַ הויכער פּאָליצע פון דער קרעדענס און בין געפאַלן, געבנדיק זיך אַ שטאַרקן קלאַפּ אין דער אייזערנער קאַסע־שענקל, דער קאַפּ האָט אַזוי זיך מיר פאַרמישט אַז כ'האָב פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין. איך בין געלעגן אַזוי אַ לענגערע צייט אָן

באוווסטזיין ביז מען האָט מיך גענומען, מיט דער גיכער הילף אין שפּיטאַל, וואָס מען האָט טעלעפאָניש ארויסגערופן. אין שפּיטאַל זענען די בעסטע דאָקטוירים געשטעלט געוואָרן אויף די פיס און געטאָן דאָס העכסטע מיך צו ראַטעווען. מיין מאַן איז דאַן געווען אין ווארשע האָט מען אויך אים טעלעפאָניש ארויסגערופן.

"ווען עס איז א דורך עטלעכע וואָכן און מיין צושטאַנד איז געווען א גאָר ניט קיין זיכערע, האָט מיין מאַן זיך גענומען רעאַליזירן א פּלאַן, וואָס האָט שוין מסתמה לאַנג געגנעסטיקט אין זיין מוח. דאָס ערשטע האָט ער צוריקגעשיקט קיין פּוילן די פרוי מאַלגאַזשאַטען וועלכע האָט ליב געהאַט מיין זון און געטריי מיט אים זיך פאַרנומען. דערנאָך האָט ער אוועקגעשיקט מיין זון צו זיינעם א קרובה, ניט ווייט פון אָטוואָצק, און שום מעגלעכקייט ער זאָל זיך ווייטער לערנען. ער האָט דער פרוי איבערגעלאָזט א ביסל געלט און קיינמאָל ניט געפרעגט וואָס עס מאַכט אונדזער זון און אויך און אויך זעלטן ביי מיר זיך באַוויזן. דאָס איז געווען דערפאַר וואָס די דאָקטוירים האָבן דאַן פאַרלוירן די האָפענונג מיך צו ראַטעווען, כ'האָב ניט געקענט אפילו עפענען די אויגן. כאָטש דאָס הארץ איז ביי מיר געווען געזונט. איז דאָס איז מסתמה געווען מיין גליק און ווייזט אויס אז כ'האָב אין מיין אונטערבאַוווסטזיין שטאַרק געוואָלט לעבן. און אפשר האָבן דאָס אויך די דאָקטוירים געוואָלט, און דאָס איז לאַנגע חדשים זיי ניט געלונגען, אַזוי בין איך אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל פערצן מאָנאַטן. און געשען, ווי מען האָט מיך שפּעטער דערציילט, דאָס איז געווען אין א דינסטיק פרי איז די קראַנקן־שוועסטער צו מיר אריינגעקומען מיר דערלאַנגען א רעצעפּט, און זי האָט

מיך שוין, ווי די דאָקטוירים און אויך מיין מאַן געהאַלטן, אז איך גיי שוין אוועק פון דער וועלט, איז ווי אנטשטוינט איז זי געוואָרן ווען כ'האָב פלוצים זי געפרעגט — ווו איך געפין זיך און ווו איז מיין מאן און מיין זון? זי האָט מיך בארואיקט געגעבן עפעס ביטערס איינצונעמען אין מויל און און איך האָב איר געבעטן זי זאָל גלייך זיך פארבינדן מיט מיין מאן אין דער אמבאסאדע. גלייך איז געוואָרן א טומל צווישן די דאָקטוירים, וואָס האָבן ארום מיר זיך פארזאמלט און טעלעפאָניש ארויסגערופן מיין מאן. אָבער ער איז ניט געווען אין דער אמבאסאדע, נאָר אין פוילן האָבן זיי גלייך זיך פארבינדן מיט מיין מאן אין פוילן. נאָר וועגן מיין זון האָב איך גאָר ניט געוווסט. ניט געוווסט אפילו ווי ער געפינט זיך און געטראַכט אפשר האָט ער אים אויך מיטגענומען קיין פוילן. דערווייל האָבן די דאָקטוירים מיך געבעטן זיך האלטן רואיק און איך האָב נאָך טעג ניט עסן דערפילט א הונגער און גיריק גענומען עסן און טרינקען. ערשט נאָכדעם האָט די קראנקן־שוועסטער מיך אינפאָרמירט, וואָס מיט מיר איז געשען און געבעטן איך זאָל זיין געהאָכזאם און טוען וואָס די דאָקטוירים הייסן, ווייל כ'געפין זיך אין גוטע הענט.

"בין איך טאַקע געווען געהאָכזאם און זיך צוגעהערט וואָס די דאָקטוירים רעדן צווישן זיך וועגן מיר. איך האָב זיך גראַד געפילט זער גוט נאָר די דאָקטוירים האָבן געהאלטן אז כ'וועל צוריק ארייגפאַלן אין זעלבן צושטאַנד און דאן מער ניט ארויס פון מיין קראַנקייט. האָב איך באַשלאָסן ווייטער ניט צו נעמען די מעדיקאַמענטן און מיט גרויס געדולד וואַרטן אויף מיין מאַנס קומען. איך בין אזוי געלעגן א גאנצע וואָך און מיין מאַן איז ניט געקומען. איך האָב

דערווייל זיך געפילט וואָס בעסער און געבעטן דעם הויפּט דאָקטאָר, ער זאַל מיר דערלויבן אַראָפּגיין פון בעט און טעלעפאָנירן צו דער אמבאסאדע. דאָס אַראָפּ־גיין פון בעט איז מיר ניט געווען שווער. אין דער אמבאסאדע האָט מען מיר געענטפערט אז מיין מאן איז אין פוילן אויף א וויכטיקע קאָנפערענץ און מיין זון איז מיט אים און אז די פרוי מאלגאשא איז אָפּגעפארן קיין פוילן. אזוי האָב איך מער־ווייניקער, שוין געוווּסט מיין לאגע און באשלאָסן צו שטארקן מיין גוף, קומען צוריק צום געזונט און דאן ברענגען אלץ צוריק אין אָרדנונג. ערשט אין צוויי וואָכן ארום איז מיין מאן געקומען און איך האָב גלייך דערפילט אז מיט אים איז עפּעס געשען. זיין באגעגענען זיך מיט מיר איז געווען א גאָר קאלטע. עפּעס אנשטאט זיך פרייען האָט ער ארויסגעוויזן א וואונדערן זיך וואָס כ'בין צוריק געזונט געוואָרן. ווי ער וואָלט זיך אויף דעם גאָר ניט גערעכנט. כ'האָב דערפילט זיין קאלטע באציאונג און דאָס ערשטע האָב איך, מיט פארדאכט געפרעגט אים, ווי איז מיין זון? ער האָט מיר געזאָגט אז כ'זאָל זיך ניט נערווירן, ווען כ'וועל אהיימקומען, וועט ער אויך זיין אין דער היים. האָב איך אים געפרעגט פארוואָס ער האָט אהיימגעשיקט מאלגאשען האָט ער געזאָגט אז זי איז געפארן אהיים, ווייל איר טאָכטער איז ניט געזונט געוואָרן. אָבער מיין הארץ האָט מיר געזאָגט אז ער נאַרט מיך און כ'האָב באשלאָסן זיך באמיען וואָס גיכער געזונט ווערן ווייל, האָב איך צו זיך אליין געזאָגט, אז עפּעס איז געשען אן אומגליק. האָב איך געזאָגט צו מיין מאַן אז כ'בין שלעפעריק און מוז שלאָפן. ער איז נאָך געבליבן און עפּעס גערעדט מיט דער קראַנקן־שוועסטער. ער האָט זיך געוואונדערט מיט דער

ענדערונג וואָס מיר איס געשען און געזאָגט דער שוועסטער אז מען מוז מיך ברענגען צוריק צום פריערקן צושטאנד און זי האָט דערציילט אים אז די דאָקטוירים געבן א קליינע האָפענונג איך זאַל בלייבן לעבן. האָב איך אין זיך באשלאָסן זיי אלע אָפטון א שפיצל און דווקא לעבן. און ווי נאָר כ'וועל זיך פילן א ביסל בעסער, מיט מיין אייגענם ווילן פארלאָזן דאָס שפיטאל, און אין דער היים גלייך אומגעריכט קומען אהיים אין אויפזוכן מיין זון און קאָנטראלירן אין באנק צי מיין מאן האָט דאָרט ניט ארויסגענומען מיין געלט און אויב ניט האָב איך גענוג מעגלעכקייט פאר א נאָרמאלער עקזיסטענץ. שלעכטע מחשבות האָבן געוואנדערט אין מיין מוח און כ'האָב באמיט זיך וואָס ווייניקער צו טראכטן, ניט צו שאָדן מיין געזונט, עס איז מיר געווען צו שווער צוגעוווינען צום גערדאנק, אז מיין מאן איז פעיק צו טוען שלעכטס קעגן מיר. ווייל ווי לאנג איז דאָס געווען ווען ער האָט מיך אזוי שטארק ליב געהאט און געווען מיר אזוי געטריי? און אַט וואָס עס איז געשען מיט דער שיינקייט פון מיין לעבן? מיין מאן מיידט מיך אויס און איך ווייס ניט ווו מיין קינד איז. האָב איך דאָך באמיט זיך צו פארטרייבן די שלעכטע גערדאנקען און טראכטן אז אלץ וועט נאָך זיין גוט, איך דארף נאָר קומען צו מיינע כוחות.

"אין א שיינעם טאָג האָב איך זיך געפילט א סך בעסער און איך האָב באקומען א גאַנצן פאק בריוו וואָס די קראַנקן־שוועסטער האָט מיר אריינגעברענגט צוזאמען מיט לעבעדיקע בלומען. די קראַנקן־שוועסטער האָט מיר דערציילט אז מיין מאַן האָט אָנגעזאָגט ניט צולאָזן צו מיר קיין בריוו, אָבער איצט אוון קיין בלומען ווען די דאָקטוירים פאַרזיכערן

אז די קראנקייט איז ביי מיר שוין אדורך, האָט זי שטארק זיך געפרייט און געברענגט מיר די בריוו, וואָס איז די גאנצע צייט אָנגעקומען. דאָס זענען בריוו פון ארטיסטן, רעזשיסאָרן און טעאַטער־דירעקטאָרן פון דער גאנצער וועלט. האָב איך זיך צעוויינט פאר פרייד, וואָס כ'בין ניט אליין און האָב נאָך גוטע פריינד אויף דער וועלט. דאָס האָט מיר צוגעגעבן פרישע כוחות.

"האָב איך געלייענט די קארטלעך מיט די בעסטע ווונטשן, פאר א גיכן געזונט ווערן, וואָס האָט געגעבן מיר מוט זיך צו שטארקן. כדי צוריק אוועק אויף מיין לעבנסוועג, און דאָס ערשטע געפינען מיין זון. וואָס בענקט דאָרט צו מיר ערגעץ, ווי כ'האָב זיך דאָס דערוווּסט פון א בריוו פון דער פרוי מאלגאָשא, וועלכע שרייבט מיר פון פוילן, אז זי האָט שטארק געליטן צוליב מיין קראנק ווערן. זי איז די גאנצע צייט געווען מיט מיין זון, וואָס האָט געפרעגט אָן אויפהער ווי איז די מאמע? און געוואָלט מיך זען. האָט זי געבעטן מיין מאן ער זאָל אונדז נעמען אין שפיטאל. אָבער אלע מאָל האָט ער פארזיכערט אז איך בין שוין ניט צווישן די לעבעדיקע. אָבער ווען זי האָט דערזען מיין בילד אין דער צייטונג האָט זי פאר גרויס פרייד זיך צעוויינט און מיט טרערן מיר געשריבן דעם בריוו, מיט די בעסטע ווונטש כ'זאָל אין גאנצן געזונט ווערן. און אָט וואָס זי האָט מיר נאָך געשריבן אין דעם בריוו: 'טייערע, ווען כ'בין געזעסן אויף דער וואראנדע איז אריינגעקומען אייער מאַן און געזאָגט צו מיר איך זאָל איינפּאַקן מיינע זאַכן און צוריקפאָרן קיין פוילן. ווען כ'האָב מיט פארוווּנדערונג געקוקט אים אין די אויגן האָט זענעק זיך צוגעטולעט צו מיר און אויסגעשריגן — ניין! ער וויל

ניט איך זאַל פאָרן און ער זאַל בלייבן אָן מיר אליין. איך האָב געפילט אז אייער מאן פלאנט עפעס ניט גוטס און איך האָט אים געבעטן צו בלייבן מיט זענעקן. אָבער ער האָט זענעקן ארויסגעריסן פון מיינע הענט און באפוילן זיך גלייך איינפאקן. און א שעה ארום בין איך געוועזן פארטיק אָפצופאָרן. דאָס לעצטע וואָרט וואָס כ'האָב געהערט פון זענעקן איז געווען אז ער וויל ניט בלייבן אליין. אזוי בין געצוונגענערהייט אָנגעקומען קיין פוילן און געבליבן ביי מיין טאָכטער. ווי עס האָט שטארק מיך געפייניקט דער געדאנק, וואָס עס איז געוואָרן מיט זענעקן. דאָס מיידל פון אייער קיך יאשא האָט מיר געשריבן אז אייער מאַן האָט צוגענומען זענעקן און ערגעץ מיט אים אוועק. ווו ער איז נאָך דריי טעג צוריקגעקומען איז ער א לאנגע צייט ארומגעגאנגען נערוועיש, ניט געגעסן, מיט קיינעם גאָר ניט גערעדט און אלע נעכט שפעט געגאנגען שלאָפן. אויך איך האָב א לאנגע צייט ניט געקענט שלאָפן כ'האָב אלץ געלעבט אין פחד פאר אייער געזונט און פאר אייער זון. דעריבער איז מיין גרעסטער ווונטש איך זאַל אייךביידן ווידער זען געזונט און גליקלעך. אייער מאַלגאָשע, וואָס בענקט נאָך אייך'.

"אָט דער ביטערער אמת האָט מיך אזוי דערשיטערט אז כ'האָב גלייך באקומען א נערוון־אטאק און מען האָט ארויסגערופן דעם הויפט־דאָקטאָר. ער איז געווען שטארק אומרואיק וועגן מיין געזונט און מיר געגעבן א רעצעפט, וואָס האָט גלייך מיך בארואיקט. נאָכדעם בין א גאָר לאנגע צייט געשלאָפן, אָן אויפהער מיט א האסטיקן שלאָף, נאָר אויפגעשטאנען בין איך ווי א באנייטע. וואַכווערנדיק האָב איך אלץ געפרווט פארשטיין, וואָס איז פלוצים מיט מיין

מאן געשען, וואָס ער האָט מיך אזוי ברוטאל באהאנדלט? צי בין איך קעגן אים באגאנגען אזא גרויסן פארברעכן? די פראַגן האָבן מיך באומרואיקט אָבער פון דער צווייטער זייט מיך גערופן זיך שטארקן, ווייל כ'מוז צוריקברענגען מיין לעבן צו א נאָרמאַלן צושטאַנד. איך מוז אויך זיין שטארק וואַכזאם און וואָס גיכער זען מיין זון.

"נאָך אכצן מאָנאטן ליגנדיק אין שפיטאָל האָט דער דאָקטאָר ארויסגערופן מיין מאן און אים געזאָגט, אז ער קען שוין מיך נעמען אהיים, ווי איך דארף נאָך האָבן רו און זיך גוט דערנערן כדי צו קומען צום פולן געזונט. אויסהיטן זיך פון שווערע אָנשטרענגונגען און פון נערווירן זיך. מיר האַבן געדאנקט די דאָקטוירים, געזעגנט זיך און פארלאָזן דאָס שפיטאָל.

מיין מאַן פירט מיך צו צום אויטאָבוס און מיר פאָרן צו דער היים אין דער אמבאָסאַדע. דאָרט נעמט מען מיך אויף מיט בלומען און איך באַמי זיך גאָרניט צו פרעגן און דערוויל שוויגן. אריינקומענדיק אין מיין צימער האָב איך געטראָפן אויף מיין בעט שיינע בלומען. נאר כ'האָב ערשט דאָ דערפילט ווי שטאַרק כ'בין אָפגעשוואכט און ווי איך נויטיק זיך נאָך אין אסך צו קומען צום פולן געזונט. דערווייל איז אריינגעקומען דאָס מיידל יאשע און געוואָלט מיר עפעס דערציילן אָבער דאָ האָט זיך אויפגעמאכט די טיר, עס איז אריינגעקומען מיין מאַן און געהייסן דאָס מיידל ארויסגיין פון צימער. און צו מיר געזאָגט אז כ'בין נאָך צו שוואַך און כ'דאַרף מיט קיינעם ניט פירן קיין שמועסן, אזוי האָט ער דערקלערט, האָבן אנגעזאָגט די דאָקטוירים. איך דארף האָבן רו. ווען כ'האָב געפרעגט וועגן זענעקן

האָט ער מיר געענטפערט אַז ער האָט באַקומען אַ בריוו פון זיין קוזינקע, אַז זענעק פילט זיך גוט, ער גייט אין דער שולע און לערנט זיך אויסגעצייכנט און אַז כ'וועל געזונט ווערן וועט מען אים ברענגען צוריק אהיים, דערווייל, האָט ער געזאָגט, קען איך זיך מיט אים ניט פאַרנעמען. צו דעם האָט ער צוגעבן כ'זאָל פון גאָר ניט טראַכטן, ווייל איצט איז וויכטיק נאָר מיין געזונט און איך טאָר זיך ניט דענערווירן.

"אַזוי ווי די דאָקטוירים האָבן מיך געהייסן פאָרן אויף אַ קוראָרט, אַמבעסטן אין אַ סענאַטאָריום אין די בערג, אין דאָס אויף אַ לענגערע צייט אונטער אַן אויפזיכט פון אַ דאָקטאָר, איז מיין מאַן מיט מיר אַוועק אין די הויכע "מאַטערעהאָך" בערג דאָרט זיך אָביסל אָפגערוט, זענען מיר אַוועק צו די "ווייסהאָרן" בערג, וואָס זענען נאָך העכער, ביי אַ 15 פוס, און צום סוף זענען מיר אַוועק אין איטאַליענישן שווייץ. צו די "מאַנטעראָזע" בערג "דופאָורספייז", וואָס איז אונדז אַמבעסטן געפעלן און דאָרט ,אַנשטאָט צו זיצן אין אַ האָטעל, האָבן מיר געקויפט אַ ווילע, איינגעאָרדנט מיט אַלעמען, מיט אַנטיקמעבל און מיר האָבן גאָרניט באַדאַרף איבערענדערן. מיר האָבן גלייך געשלאָסן מיטן איטאַליענישן אייגנטימער די טראַנזאַקציע, ווייל ער האָט געאיילט זיך גלייך אָפצופאָרן קיין רוים.

"איך בין אין דער ווילע געבליבן און מיין מאַן איז אַוועק. איך האָב נעבן זיך געהאַט די יונגע יאַשאַ און מיט איר בין איך געגאַנגען איינקויפן אַלע שטוב־זאַכן. מיין מאַן האָט מיר געבערענגט פון דער היים מיינע בגדים און וועש און איך האָב גיך צוגעוווינט צום נייעם הויז. איך האָב אויך

באקומען א פרוי צו דער קיך און א פרוי צום רוימען. מיין מאן איז אוועק און איך האָב אסך שפאצירט אין דעם וואונדערלעך שיינעם געגנט, זיך אָנגעטרונקען מיט דער געזונטער לופט. אויף מיינע שפאצירן האָב איך אלעמאל מיטגענומען יאשאַן און זי האָט זיך געטולעט צו מיר און כ'האָב געהאט צו איר דעם גרעסטן צוטרוי. די ערשטע צייט האָט מיין מאן מיך אָפט באזוכט און שפעטער אפילו קיין איין מאָל אין מאָנאט צו מיר ניט געקומען. אָבער אויך צו דעם האָב איך זיך צוגעוווינט. איך האָב שוין פון פריער געוווסט אז ער האָט זיך שטארק געענדערט און אז ער פארנאכלעסיקט מיך, איך האָב אָבער באשלאָסן צו שווייגן ביז כ'וועל זיך פילן גענוג געזונט אליין אויסצופאָרשן ווי עס איז מיין זון. א פראגע וואָס האָט מער פון אלץ שטארק מיך געשראָקן, און שטארק מיך געערגערט. מיין איינציקע באפרידיקונג איז געווען די באזוכן פון מיינע מיטארבעטער אויף דער בינע. זיי האָבן צו מיין גליק מיך ניט פארלאָזט, אויך די רעזשיסאָרן און טעאטער־דירעקטאָרן האָבן מיר אלץ געשיקט פראָפּאָזיציעס און מיך געאיילט געזונט צו ווערן, איך האָב טאקע פון טאָג צו טאָג געפילט זיך געזונטער און שטארקער.

"דאָס מיידל יאשא האָט מיר אויך דערציילט אז ווען מיין מאן האָט אוועקגעשיקט מאַלגאָשען האָט מיין זון שטארק געוויינט און געלעגן אויף זיין געלעגער און אנאויפהער געוויינט און דאן האָט מיין מאַן אים צוגעזאָגט אז ער וועט אים פירן צו מיר און דערנאָך צו מאלגאָשען. אזוי ארום אים ארויסגענאַרט פון דער שטוב. זיי אלע האָבן דערנאָך געוויינט, ווייל זיי האָבן געפילט אז עפעס איז דאָס ניט גלאַטיק, זיי האָבן אָבער געמוזט שווייגן אין געווארט

ביז איך וועל קומען, אָבער איצט ווער ווייס ווי מיין זון איז?

"מיין מאן האָט מיט דער צייט בכלל זיך ניט געמאכט וויסן אז איך עקזיסטיר. אָבער ווי נאָר כ'האָב געפילט זיך גענוג שטארק, האָב איך גענומען מיין יאשע און געבעטן א שאָפער ער זאַל מיט אונדז פאָרן אין די בערג, ווייל איך וויל זיך באַקענען מיטן געגנט און צומאָרגנס אז כ'האָב גוט זיך געפילט בין איך אוועק צו מיין דאָקטאָר און ער האָט מיר געזאָגט אז ער זעט ניט קיין סיבה און קיין שטערונג, און האלט אז מיין געזונט־צושטאנד קען מיר דערלויבן מאכן אויך א רייזע. בין איך טאקע אין זעלבן אוועקגעפאָרן צו מיין מאן, כדי ניט אוועק פון אים ביז איך וועל ניט האָבן דעם זון נעבן זיך.

"בין איך אריין אין האָל פון דער אַמבאַסאדע און דאָרט האָב איך געזען מיין מאַן שמועסן מיט וועמען. איך האָב געקוקט אויף אים און געזען אז ער האָט די לעצטע צייט זיך שטארק געענדערט. אָנגעטאָן אין א לאנג שווארצן מאנטל, מיט א צילינדער אויפן קאָפּ אין האנט דער שטעקן, וואָס איך האָב אים געקויפט, מיט א ווייס הענטל און א גאָלדענעם שפּיץ. ער דערזעט מיך אָבער ער רעדט אלץ מיט יענעם מאן. טראכט איך אז איך גיי אים מער ניט אָן, אָבער אויך צו דעם בין איך געווען גרייט. צום סוף איז ער צו מיר צוגעקומען. קאלט זיך באגריסט, ווו צו א פרעמדע. ניט מיך ארומגעכאפּט, ניט זיך צעקושט, ווי א פּשוט פרעמדער מאַן. האָב איך געטראכט אז ער וויל מיך דערנידריקן. דאָס קען אים אָבער ניט געלונגען, ווייל מיין נאָמען איז געווען צו בארימט און ער האָט גאָר ניט געקענט טאָן

קעגן מיר, אָבער איך קעגן אים קען א סך טאָן. דאָך האָב איך דערווייל געשוויגן.

"אזוי ווי איך האָב זיך ניט באליידיקט און ניט אוועקגעגאנגען האָט ער מיך געבעטן ארויף אין אונדזער וווינונג. ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן דערזענדיק אז פון מיין צימער האָט ער געמאכט א ביורא, ווי א מיידל איז געזעסן און געשריבן אויף א שרייב־מאשין און ווען זי האָט מיך דערזען האָט זי פארלאָזט דעם צימער האָב איך אים געפרעגט פארוואָס ער האָט דאָס געטאָן אָן מיין וויסן, און צו האָב איך שוין גאָר ניט וואָס דא צו זאָגן? איז ער געבליבן שטיין און ניט געקענט מיר ענטפערן. דאן האָב איך אים ווייטער געזאָגט: 'די זאך איז ביי מיר קלאָר, איך פאָדער פון דיר ניט קיין פארענטפערונג נאָר דו זאָלסט אזוי גוט זיין און אלע מיינע זאכן, דערווייל געהערן זיי נאָך צו מיר, אין די נאָענטסטע טעג זיי מיר אָפשיקן און איך וויל פון דיר אז מיין קינד זאַל די וואָך זיין ביי מיר און דאָס אָן אָפשלעפונגען. פאר דיין האנדלונג, האָב איך ווייטער אים געזאָגט, איז נידריקער פאר מיין כבוד צו פאָדערן פון דיר א דערקלערונג, אזוי האנדלט א מענטש אָן כאראקטער און אָן קולטור. כ'האָב געמיינט אז ביסט א מענטש מיט קולטור ארויסגעוויזן האָט זיך א ביסט א קליין מענטשעלע, כאָטש דו האָסט א גרויסן פאָסטן. צי בין איך קעגן דיר באגאנגען אזא אוממענטשלעכן פארברעכן אויף וואָס דו ענטפערסט מיר מיט אזא ברוטאלער אוממענטשלעכקייט?'

"כ'האָב גארניט פארשטאנען וואָס מיט מיין מאן איז געשען? איך האָב דאָך אייגענטלעך אים מיט ליבע ניט פאַראַטן. דאָס איז ער דאָך שולדיק וואָס ער האָט מיין

יונגן און געזונטן קערפּער ניט געקענט באַפרוכפּערן און אַרויסגעבן אַ דור, וואָס זאַל אונדז פאַרייניקן. צוועלף יאָר האָט ער פאַר מיר אויסבאַהאַלטן זיין אומבאַהאַלפנקייט. מיט קושן און האַלדזן האָט ער נאָך מער צעפּלאָמט אין מיר די געשלעכטלעכע באַדערפענישן, וואָס ער האָט ניט געקענט זיי באַפרידיקן. ניט געוועון ווער ס'זאַל שטילן מיינע ברענעדיקע פאַרלאַנגען. און אויב עס איז געשען, אַז ווער האָט געשאָנקען מיר אַ קינד צו וועלכן כ'האָב אַזוי שטאַרק געבענקט, נעמט ער איצט אין מיר ברוטאַל נקמה. צי דאָס איז דער פּרייז, וואָס ער וויל מיר באַצאָלן פאַר מיין פאַרלאָזן צוליב אַם מיינע עלטערן, מיין גאַנצע משפּחה, מיין פאָלק;דאָס איז דער פּרייז פאַר מיין לאַנגיעריקער ליבע און געטריישאַפט צו אים? צי אַזוי האַנדלט אַ מענטש מיט קולטור?, אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש, וואָס פאַרנעמט אַזאַ הויכן מלוכישן פּאָסטן? און איך האָב אים געזאָגט, אַז ער האָט מיט זיין האַלטונג, צו מיר און מיין קינד, איבערגעריסן אַלץ וואָס האָט יאָרן־צייט אונדז פאַרבונדן, ער האָט צעבראָכן, מיט איין־מאַך, אַ בנין וואָס מיר ביידע האָבן, מיט אַזויפיל אָנשטרענגונג געבויט, אַ סוף געמאַכט צו אונדזער בליענדיקער צוקונפט. ער האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט און געשוויגן. צום סוף דערמאָנט מיט אַ פּאָר ווערטער מיין פּאַראַט. דאָ האָב איך אים אָפן געמוזט זאָגן אַז 'דאָס אָפּנאַרן מיך יאָרן־לאַנג איז ניט קיין פּאַראַט? און צום סוף האָסטו געוואַרט און געהאָפט אויף מיין טויט און אפשר געבעטן גאָט איך זאַל צו דיר מער ניט קומען צוריק. דאָ זאָלסט זיין פּריי? אַזוי האָסטו אָנגעלערנט אַ פרוי, וועמען, ווי דו האָסט שטענדיק פאַרזיכערט, אַז דו האָסט זי ליב. אַלץ דערפאַר וואָס זי האָט

דיר געבּרענגט אַ קינד פון אַ פרעמדן מאַן, ווייל דו האָסט איר קיין קינד ניט געקענט געבן. איך האָב דאָך ביים פרעמדן מאַן ניט געזוכט קיין ליבע און אים אפילו ניט געוואָלט מער זען. צום סוף האָב איך אים געזאָגט: איך זוך ניט ביי דיר קיין רחמנות, דו ביסט דערצו צו קליינלעך און מינדערווערטיק, מיט אַזאַ מענטש איז בכלל ניטאָ וואָס צו דיסקוסירן. איך וויל נאָר זאָלסט געדענקען וואָס כ׳פאָדער פון דיר אַז מיין קינד און מיינע זאַכן זאָל איך אין דער וואָך נאָך האָבן, איך זאָל ניט דאַרפן דיר שיקן, אויף דיין אַרבעטפּלאַץ, קיין אַדוואָקאַטן.

״ער האָט מיך אויסגעהערט און אפילו ניט געקוקט אויף מיין זייט און אַלע געשטאַנען אויפן זעלבן אָרט ביז כ׳בין אַוועק. צוריק בין איך אין מיין הויז, נאָר געפילט האָב איך אַז ביי אים איז פאָרגעקומען אַן אינערלעכע רעאַקציע. ער איז דאָך געשטאַנען ווי אַ פאַרלוירענער און געשוויגן. אָבער איך האָב אים ניט געקענט מוחל זיין, ער האָט אין מיין האַרץ אַלץ פאַרלוירן. האָב איך דעם גאַנצן ענין פון אונדזערע באַציאונגען איבערגעגעבן צו אַן אַדוואָקאַט ער זאָל דאָס אַלץ אין דער פּראַקטיק רעגולירן. אין עטלעכע טעג זענען טאַקע אָנגעקומען אַלע מיינע זאַכן און אַלע בילדער אין וועלכע כ׳בין געווען אינטערעסירט איז מיר געבליבן בלויז צו וואַרטן אויף מיין זון. אָבער אַנשטאָט מיין זון האָב איך אין עטלעכע וואָכן באַקומען אַ געחתמעטן בריוו מיט אַ סטעמפּל פון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע. איך האָב דעם בריוו געשיקט מיט ציטערנדיקע הענט, מיט עפּעס אַ שרעקלעכן פאָרגעפיל. כ׳האָב דאָך באַהערשט זיך, אַריין אין מיין צימער, געעפנט דעם בריוו און גענומען לייענען:

הויך געשעצטע פרוי יאנינא קאָנארסקא.

איך האָב דעם כבוד אייך מיטצוטיילן אז כ'האָב באקומען א מעלדונג פון דעם סטאראָסטע פון דעם שטעטל, ווי אייער זון האָט זיך געפונען, מיט דער איינשטימיקייט פון אייער געוועזענעם מאן, אז אין דעם געגנט האָט געהערשט א טיפוס־עפידעמיע פון וועלכע אויך אייער זון איז קראנק געוואָרן און געשטאָרבן, דעם 10 מאי דאָס יאָר. איך בעט אויך צונעמען מיינע באדויערן און קאָנדעלענץ. איך בעט צוליב אייער געזונט צושטאנד זיך ניט דענערווירן און כ'שיק אייך מיינע בעסטע ווונטשן. אונטערגעשריבן יאַן.

"איר מיינט אוודאי וואַצלאַוויע אז איך האָב געלאָזט כאָטש איין טרער. ניין! איך בין געווען זיכער אז דאָס איז פון אים א נייער ליגנט, אז דאָס קען ניט זיין אז מיין זון זאָל ניט לעבן. ער טוט פשוט אלץ, כדי מיין קינד זאַל ניט זיין קיין שטערונג צווישן אים און מיר. איך האָב אין דעם געגלויבט ווייל פון אָנהייב האָב איך גוט באמערקט זיין איינפערזיכטיקייט צום קינד וואָס האָט אים געצוווּנגען אויסצוטראַכטן אָט דעם נייעם ליגנט און אויך א פאַברעכן. אָט דער געדאנק האָט מיך באוויגן, פאר יעדן פרייז, אויסצוגעפינען מיין זון אָדער אויב ער לעבט ניט, אויסצוגעפינען דעם גאַנצן אמת וועגן זיין קראנקייט אָדער זיין טויט. דער בריוו האָט מיך אזוי צעטרייסלט אז כ'בין א צייט געווען אין גאנצן ניט פעיק עפּעס אונטערצונעמען. עס האָט געקאָכט אין מיר דער פאקט צו וואָס דער מענטש איז פעיק געווען, אין דער צייט ווען איך בין געלעגן אין אומבאוווסטזיין, אפצוטאָן אזא שוידערלעכן טאַט, פון צורויבן ביי מיר מיין קינד. איך האָב זיך אָבער געמוזט

באהערשן און שטארקן, צוליב מיין באשלוס צו דערגיין דעם אמת און ניט רוען ביז כ'וועל געפינען מיין זון א לעבעדיקן אָדער זיין קבר.

"ווי נאָר כ'בין געקומען א ביסל צו זיך האָב איך גלייך זיך פארשטענדיקט מיט מיין אדוואָקאט, און ער האָט געשיקט צו מיין מאן אן אָפיציעלן בריוו, ווי ער פאָדערט אים אויף אין משך פון זיבן טעג צושיקן דעם אדרעס פון דער פרוי, וואָס האָט פאר געלט גענומען אויף זיך צו האלטן און אויסהאָדעווען מיין זון ווי אויך ער זאַל צושיקן אלע איינצלהייטן פון זיין אוועקשיקן מיין זון און פון זיין שטארבן... אין דער צייט האָב איך דערהאלטן פארשידענע פראָפּאָזיציעס פון טעאטער־דירעקטאָרן פון פארשידענע לענדער. כ'האָב ניט געקענט איבערייסן מיט דער טעאטער־וועלט און געמוזט זיך גרייטן צו א נייעם ארויסטריט. דאָס האָט מיך פארשווערט דאָס אויסגעפונען וועגן מיין זון. איך האָב געמוזט ארבעטן אויף אלע פראָנטן. כ'האָב ניט געקענט זיך אָפּזאָגן פון דער בינע און ניט געקענט זיך אָפּזאָגן פון זוכן דעם אמת וועגן מיין זונס טויט. האָב איך באשלאָסן צו פאָרן קיין פוילן, ווי כ'וועל קענען טאָן ביידע זאכן. אי שפילן אויף דער בינע אי זוכן די שפורן פון מיין זון. דאָס זוכן עדות פון מיין זונס טויט איז אָנגעקומען גאָר שווער, ווייל טייל מענטשן זענען פון דעם אָרט פארשוווּנדן, אנדערע פאר מורא האָבן באשלאָסן צו שווייגן, אנדערע זענען געשטאָרבן. אָבער מיין אמביציע האָט מיך געטריבן אָנאויפהער צו זוכן און דערגיין פאר וואָס און וויאזוי איז געשטאָרבן מיין זון. איך האָב באקומען אביסל נעמען און אַדרעסן און געזוכט, ווער פון זיי זאַל מיר אויפקלערן דעם אמת.

„זייענדיק אין ווארשע האָב איך זיך באגעגנט מיט מיינע שוועסטערס און ברידערס, פארשטענדלעך אָן דעם וויסן פון מיין מוטער. זייער באציאונג צו מיר איז געווען א גאנץ קאָמפּליצירטע. פון איין זייט האָבן זיי מיר ניט געקענט מוחל זיין די שאנדע וואָס כ'האָב געטון פאר דער משפחה פון דער צווייטער זיין זענען זיי געווען שטאָלץ צו האָבן א שוועסטער א בארימטע ארטיסטקע. מיינע ברידער און שוועסטער האָבן אלע שוין געהייראט, געהאט זייערע משפחה און זייערע קינדער. זיי האָבן געלעבט ערלעך און באשיידן. זיי האָבן אויך אָנגעהאלטן די עלטערנס טראדיציע אָבער ווייט געווען שוין פון רעליגיעזן פאנאטיזם. אנדערש איז געווען מיין ברידער וועלוול. ווערנדיק א גרויסער וואלד־סוחר און ארומפאָרנדיק איבער דער וועלט איז ער געוואָרן וועלטלעך דערפאר האָב איך מיט אים גיכער געפונען א געמיינזאמע שפּראך. מיר האָבן זיך אָפטער געטראָפן. די מאמע האָט געוווסט אז איך געפין זיך איך וואַרשע. זי האָט אָבער זיך געהאַלטן ביים טאַטנס אָנזאָג ניט צו דערמאַנען מיין נאָמען און זיך ניט געוואָלט טרעפן מיט מיר.

„איינמאל האָט מען מיר איבערגעגעבן אז מיין מוטער האָט געלאָזט זיך צורעדן און איז געקומען אויף מיינס א פאָרשטעלונג, ווי מען האָט מיר שפּעטער דערציילט איז זי ארויס פון טעאטער מיט א געוויין אָבער מיט מיר האָט זי ניט געוואָלט זיך טרעפן. איך האָב רעספּעקטירט איר ווילן און אויסגעמיטן מיט איר יעדע באַגעגעניש, מיט דער איבערצייגונג אז די צייט וועט אונדז צוריק דערנענטערן.

„זייענדיק אין וואַרשע און נאָכן באַקומען א ביסל גענויערע אינפאָרמאַציעס האָב איך זיך אָנגעטאָן גאָר פּשוט,

ווייל איך האָב באַדאַרף פאָרן אין א פאָר שטעטלעך און דערפער. איך האָב באַמיט זיך אויסצוזען, ווי א פויערטע, ווייל אנדערש וואָלט מען דערקענט אז כ'בין א יידישקע און דאַן וואָלט איך פון קיינעם קיין הילף ניט באַקומען. אויך אין פוילישן טעאַטער האָב איך געקענט שפּילן נאָר א דאַנק מיין פוילישן נאָמען. אַנדערש וואָלט מען מיך ניט נאָר בויקאָטירט נאָר בכלל ניט אַרויפגעלאָזט אויף דער בינע, ווייל פוילן איז די גאַנצע צייט און באַזונדער לעצטנס געווען דורך און דורך פאַרסמט פון אַנטיסעמיטיזם. די פוילישע צייטונגען, פון אַלע ריכטונגען, האָבן אָן אויפהער געהעצט קעגן יידן. קומענדיק אין קאָנטאַקט מיט מענטשן האָב איך פאַרשטאַנען אז מיין מאַן רוט אויך ניט. ער טוט אַלץ מיר צו פאַרשווערן דאָס באַקומען אינפאָרמאַציעס, זעט אויס אז ער האָט געוואָלט פאַרווישן די שפּורן פון אייגענעם שולד אָדער פאַברעכן. האָב איך טאַקע זיך אָנגעטראָפן אויף גרויסע שוועריקייטן און דאָך ניט קאַפּיטולירט. א גליק וואָס עס געפינען זיך אויך גוטע מענטשן וואָס א דאַנק זיי האָב איך זיך אַלץ דערוווּסט.

"אָט האָב איך אויסגעפונען אז ווען איך בין געלעגן באַוווּסטלאָז אין שפּיטאָל האָט מיין מאַן גענומען מיין זון און אים אַוועקגעפירט אין דעם דאָרף נעבן שטעטעלע ראַדזין צו זיינס אַן אָרימע קרובה. ער האָט איר גוט באַצאָלט און דאָרטן האָט מיין זון באַדאַרפן לעבן צוזאַמען מיט אָט דער עלטערע פרוי. ווען כ'האָב ענדלעך זיך דערוווּסט דאָס אָרט בין איך גלייך אַוועק אַהין און געזען פאַר זיך דאָס טרויעריקע בילד.

"דאָס הויז. איך זאָג דאָס הויז, וואָס איז געווען ניט מער

ווי א סטאָדאָלע, ניט פאר מענטשן נאָר פאר חזרים. אונטער א צעריסענעם דאך זענען געשטאנען צוויי אייזערנע שמוציקע בעטלעך. איך האָב אָבער אין דעם "הויז" קיינעם ניט געטראָפן בין איך אוועק צו שכנים און געווארט ביז די פרוי האָט זיך באוויזן. זי איז געווען מיט צעשויבערטע האָר און אויסגעזען פאר א ניט־נאָרמאלע. ווען כ'האָב איר געבעטן זי זאָל מיר דערציילן וועגן זענעקן האָט זי פון אנהויב ניט געוווסט וועגן וואָס איך רעד. איך האָב אָבער באמערקט אז זי וויל עפעס זאָגן אָבער זי פארגעסט. צום סוף האָט זי זיך צעוויינט און געזאָגט אז זענעק איז געשטאָרבן אויף אירע הענט. דאַן האָב איך ארויסגענומען א ביסל געלט און איר געגעבן זי זאָל מיך פירן צו זיין קבר. זי האָט דאן א מאָדנע בליק געטאָן אויף מיר, גענומען דאָס געלט, זיך אָנגעטאָן א שווארצן שאל און מיט מיר אוועק צום בית הקברות. איך בין געגאנגען און די גאנצע צייט האָט מיר געקלאפט דאָס הארץ. איך האָב שטארק געוואָלט אז דאָס זאָל ניט זיין אמת און אָט זוכט זי דעם קבר צווישן קברים. איך גיי איר נאָך און איך זע אז זי ווייסט ניט ווי דאָס איז. זי בלייבט שטיין אויף איין אָרט און זאָגט אָט דאָ ליגט ער! געווען א ווילער מאן. איך זע אז דאָס איז א מצבה פון אן אלטן מאן, וואָס איז שוין לאנג געשטאָרבן. זע איך אז כ'האָב צו טאָן מיט א ניט־נאָרמאלע און דאָס הארץ קלאפט מיר מיט עפעס א פארבאָרגענע האָפענונג. גיי איך צוריק אין דאָרף אריין און גיי צו צו אן ארימער כאטע. דער פויער האָט זעט אויס זיך אביסל געשעמט מיט זיין אָרעמקייט. די פרוי איז געשטאנען ביי דער סטאָדאָלע און דאָרט עפעס געטאָן פאר די הויז־בהימות. בין איך צוגעגאנגען צו איר און

געזאָגט אז כ'וויל מיט איר עפּעס רעדן, דאַן האָט זי זיך דערשראָקן און ניט געוואָלט מיט מיר בכלל רעדן. האָב איך ארויסגענומען צוויי פּוילישע באַנקנאָטן, זיי האָבן זיך איבערגעקוקט און מיך געפרעגט, וועגן וואָס וויל איך וויסן? האָב איך זיי געגעבן דערציילט אז איך וויל וויסן וועגן מיין זון, האָבן זיי מיך געבעטן אז דאָס וואָס זיי וועלן מיר זאָגן זאָל איך ניט אויסגעבן פון וואַנען איך ווייס. און גלייך האָב איך באַקומען א האָפענונג אז מיין זון מוז לעבן. און כ'האָב געשלינגען יעדעס זייער וואָרט געקוקט זיי אין מויל און פאַרצייכנט אין מוח. איך האָב פאַר אַלעמען באַמערקט די גרויסע אָרעמקייט דער פויער לעבט פון זיין אַרבעט ביים פּרץ און זיי זענען אַרומגערינגלט מיט א סך קינדער. און דאָס וואָס כ'האָב זיי געגעבן האָט זעט־אויס פאַר זיי א גרויסן ווערט און זענען דערמיט צופרידן און דערמיט האָב איך געעפנט זייערע מיילער. און אָט וואָס זיי האָבן מיר דערציילט: 'שוין איבער צוויי יאָר איז געקומען דאָ א מאַן, מיט א רייכן אויסזען און געברענגט דאָ צו דער דאָזיקער אָרימער פרוי א יונגעלע שיין ווי גאָלד, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווסט איז ער פון א רייכער היים, האָט אונדז געוווּנדערט, ווי שיקן רייכע עלטערן א קינד זאָל העלפן דער דאָזיקער פרוי אין דער שטובאַרבעט, אָנשטאָט אים צו שיקן לערנען? מיר האָבן באַמערקט אז די פרוי טרייבט דאָס יונגעלע, פון פרי ביז נאַכט צו שווערער אַרבעט, צו פּאַשען די קי און געבן עסן די חזרים. אזוי האָט געדויערט עטלעכע וואָכן. אין געוויסן פרימאָרגן האָבן מיר געזען די פרוי אַרומגיין א שיכורע, וואָס האָט געדויערט עטליכע טעג. מיר האָבן זי אַמאָל געטראָפן ליגן א שיכורע ביי דער קאָריטעס

פון די חזרים, האָבן מיר זי אריינגעשלעפּט אין איר שטוב. צומאָרגנס איז זי געקומען צו אונדז און דערציילט. אז א רייכער קרוב האָט איר געברענגט א יונגעלע זי זאָל אויף אים אכטונג געבן, זי אָבער האָט אים אויסגענוצט צו שווערע ארבעט איז ער פון איר אנטלאָפן און זי ווייסט ניט ווי אים צו זוכן. דער מאן האָט איר כסדר געשיקט אסך געלט און זי האָט מורא דעם מאן צו וויסן געבן אז דאָס יונגעלע איז פון איר אנטלאָפן. איינמאָל האָבן מיר געזען ביי איר דעם מאן אָבער דאָס יונגעלע איז שוין לאנג ביי איר ניט געווען. פון דאן איז זי אראָפּ פון זינען. די סיבה דערפון ווייסן מיר ניט. די פרוי האָט אונדז אויך דערציילט אז דעם יונגעלעס מוטער איז געשטאָרבן. אָט דאָס איז אלץ, טייערע פרוי, וואָס מיר ווייסן און מיר בעטן אז איר זאָלט קיינעם ניט זאָגן אז דאָס האָבן מיר אייך דערציילט. מיר זענען אָרימע ארבעטער ביי א פריץ און מיר האָבן מורא אז דער פריץ, וואָס איז זעט אויס א גוטער פריינד פון יענעם רייכן מאן, וואָס האָט געברענגט דאָס יונגעלע, קען אין אונדז נקמה נעמען. איך האָב זיי צוגעזאָגט דאָס צו טאָן און מיט א לייכטער האַרץ און גרויסע האָפענונג אז מיין זינדעלע ערגעץ לעבט, האָב איך באשלאָסן אים ווייטער זוכן, מיט דער האָפענונג אז איך וועל אים ענדלעך געפונען.

"אין וואַרשע האָב איך נאָך, צוליב מיינע טעאטער פליכן, געמוזט א געוויסע צייט בלייבן און פון דאָרט אוועק מיט אן אונטערגעשריבענעם קאנטראַקט, מיט א פּאַריזער טעאַטער. איך האָב ווייטער געאַרבעט שווער און דאָך געווען צופרידן. מיינע פריינד האָבן שוין געוווסט אז מיט מיין מאַן האָב איך מער ניט קיין געמיינזאמעס. האָב איך פון זיי

באקומען א סך בלומען און ליבע־בריוו, אויף וואָס כ׳האָב ניט געענטפערט. דערפאר האָב איך געבעטן געוויסע פריינד, ווי אויך מענטשן וואָס קענען מיר אין דעם העלפן, צו זוכן די שפורן פון מיין פארלוירענעם זון. און דאָס איז געוואָרן מיין וויכטיקסטע באשעפטיקונג, וואָס האָט פארנומען מיינע אלע געדאנקען. מיינע פריינד האָבן געטאָן אסך אויף דעם געביט מיר צו העלפן.

"איינמאָל האָב איך באקומען א בריוו פון א פריינד פון פוילן, ווי ער שרייבט אז ער האָט געהערט אז איבער די פוילישע שטעטלעך וואנדערט ארום אן ארטיסטישע יוגנט־גרופע, זיי שפילן איינאקטערס און האָבן א גרויסן דערפאָלג. ער האָט אויך געהערט אז צווישן זיי זענען דא גאנץ פעיקע ארטיסטן. ער גלויבט אז צווישן זיי געפינט זיך אויך מיין זון. צווישן דער דאָזיקער געפינען זיך צוויי, וואָס האָבן גאָר ניט פיינט ארייננצוקוקן אין גלעזל פון ביטערן טראָפן און ער בעט מיך האָבן געדולד ער וועט זיך פארבינדן מיט זיי און אין קורצן מיר צושיקן גענויערע אינפאָרמאציעס.

"טייערער וואצלאוו, איך האָב אייך שוין גענוג מיד געמאכט מיט מיין דערציילונג דערצו דארפט איר דאָך שוין צוריקקערן אין שטאָט צו אייער אייגענע ארבעטן. ווען כ׳וועל זיין אין שטאָט, כדי ניט צוצורויבן ביי אייך קיין סך צייט, וועל איך אייך ברענגען די ווייטערדיקע געשיכטע אן אָנגעשריבענע. אין מיינע בריוו וועל איך אייך ווייטער אלץ דערציילן, נאָר למען השם איר זאָלט דאָס ניט וואַרפן אין מיסט־קאַסטן! האָט זי מיט א שמייכל אים געזאָגט. אויף דעם האָט ער מיט אביסל כעס געענטפערט: "טייערע

יאנינא איך האָב ניט איינמאָל אייך געבעטן איר זאָלט צו מיר האָבן דעם זעלבן צוטרוי וואָס איך האָב צו אייך. דעריבער שרייבט ווייטער אָבער מיטן באַדינג איר זאָלט זיך צופיל ניט אנשטרענגען. איך דערמאָן זיך אז ווער האָט אייך געזאָגט אז איר זאָלט היטן דאָס געזונט, בין איך אויך ביי דער מיינונג, אז היטן דאָס געזונט און לאנג לעבן קען קיינעם ניט פארשאטן".

נאָך עטלעכע וואָכן האָט וואלצאוו געשריבן צו דער פרוי יאנינא אז ער פארלאָזט לאָדזש און ער וועט זיך מוזן איינארדענען אין ווארשע, צוליב זיין נייעם אמט וואָס ער האָט באקומען פון מיניסטעריום. ער האָט איר געשיקט זיין נייעם אדרעס און געבעטן זי זאָל אומבאדינגט אים וויזיטירן. זי קאָן אפילו שטיין ביי אים א פאָר טעג, ווייל ער האָט א גאנץ גרויסע און באַקוועמע דירה אויף אויפצונעמען געסט. ער האָט אין בריוו אויך צוגעגעבן, אז ווען זי וועט זיין ביי אים, וועלן זיי ביידע אויך וויזיטירן רעבעקאן מיט איר איצטיקער מאמען האננא. אָבער אין דער צייט האָט וואלצאוו באַקומען א פעקל מיט ווייטערדיקע בריוו פון יאניאנאן, ווי זי שרייבט:

"וואַצלאַוויע! ערשטנס וויל איך אייך ווינטשן דאָס בעסטע צו אייער איבערגיין קיין ווארשע, און איך דאנק אייך פארן פארבעטן מיך, וואָס איך האָף דאָס אומבאדינגט אויסצונוצן. און איצט הערט וואָס ווייטער מיט מיר איז געשען. איך האָב אין דער שווערער פאר מיר צייט דערפילט ווי גוט איז ווען מען איז ארומגערינגלט מיט פריינד, וואָס כ'האָב גאָר ניט גענוג ביז איצט דערשאַצט. גוטע האַרציקע פריינט האָבן מיך באוואָרפן מיט פארשידענע פראָפאזיציעס מיר צו העלפן צוריק צו געפונען מיין זון. אָבער דערווייל האָב

איך פארענדיקט דעם קליינעם טורנעי איבער פראנקרייך און איטאליע און אומגעקערט זיך צוריק קיין ווארשע, ווי כ׳בין גלייך פארבעטן געוואָרן אויף א גרויסן באנקעט, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען אין גרויסן טעאטער אין ווארשע, ווי כ׳וועל אויפגענומען ווערן מיט גרויס כבוד. דערביי ווער איך געבעטן ארויסטרעטן אין דער ראָלע פון אנא קארענינא, וואָס דארף פארן טעאטער און פאר דער ארטיסטישער וועלט זיין א גרויסע סענסאציע. איך האָב פארשטענדלעך די פראָפאזיציע גערן אָנגענומען. די צייטונגען האָבן גלייך גענומען אפישירן און רעקלאַמירן מיין ארויסטריט, אויך מיט מיין בילד. מיינע פריינד זענען מיט מיין קומען געווען זער צופרידן אָבער פאר מיר איז דאָס וויכטיקסטע געווען אין ווארשע אויסצונוצן פארן ציל צו זוכן מיין פארלוירענעם זון.

„האָב איך פארלאָזט מיין היים אין די שווייצארישע בערג. דאָרט איבערגעלאָזט מיין געטריי יאשען, וואָס האָט אסך מיר געהאָלפן אין אנווייזן פאקטן פון מיין זונס פארשווינדן. איך האָב געהאט צו איר ווי צו דער פרוי אין קיך און דעם שאפער דעם בעסטן צוטרוי און כ׳בין אַוועק קיין וואַרשע.

„דאָס איז געווען ווארשע פון 37טן יאָר. איבער דער וועלט האָבן זיך אָנגערוקט שוואַרצע וואָלקנס, איבער דייטשלאנד האָט געהערשט דער שווארצער רעזשים פון דער היטלער־דיקטאטור, וואָס האָט אנגעוואָרפן אן אימה אויף דער וועלט, אויך פון פוילן האָט היטלער געפאָדערט מען זאָל אים צוריקגעבן דאנציק און דעם דאַנציקער קאָרידאר. זיין גרעסטע העצע איז אָבער געווען קעגן די יידן, אין די דייטשישע יידן צוזאמען מיט די אנטיהיטלעריסטישע דייטשן זענען מאַסנווייז אנטלאָפן פון דאָרט. די היטלעריסטישע אנטי־יידן העצע האָט

ארומגעכאַפּט, גאַנץ אייראָפּע, ווי א מגיפה און באזונדער אין פוילן, ווי דאָס פאָלק איז שטענדיק געווען אנגעשטעקט מיט מיט אנטיסעמיטישע מיקראָבן. אָבער איך בין געווען ווייט פון פּאָליטיק און פערזענלעך דעם אנטיסעמיטיזם ניט געפילט. כ'בין געווען אין מיינע ארום 40 יאָר, פול מיט ווייבליכע און ארטיסטישע רייפקייט. אין ווארשע האָט געהערשט דער גאָלדענער הארבסט, די זון האָט נאָך טיילווייז גאנץ פיין געווארעמט, מען האָט דאן געזאָגט אז דאָס איז דער שענסטער האַרבסט אין פוילן. די ביימער האָבן מיט זייער גאָלד פארשפּרייט זייער פראכט איבער די גערטנער. איך האָב זיך פארהאלטן אין דעם האָטעל "פּאלאָניא", ווי עס איז מיר געווען גאנץ באקוועם. אויך דאָ האָבן פריינד באוואָרפן מיט טעלעפאָנען און בלומען און פריינט דארף מען דאָך ניט בעטן זיי קומען אליין. כאָטש דאָס האָט מיך אויסגעמאטערט האָב איך דאָך יעדן אויפגענומען. צווישן זיי אויך מיין ברודער וועלוול מיט זיין פרוי און מיינע צוויי שוועסטערס מיט זייערע מענער און און כ'האָב זיי פאַרבעטן צו קומען אויף מיין טעאַטער־פאָרשטעלונג און פאר מיין מאַמען געשיקט געלט, זי זאַל אויף דער עלטער פאַרבעסערן איר געזונט.

"ווען עס איז מיר נאָך געבליבן געציילטע טעג צו דער גרויסער פארשטעלונג בין איך דערוויל פארוואָרפן געוואָרן מיט טעלעפאָן־געשפּרעכן. צווישן זיי איז אויך געווען פון מיין א גוטע פריינדין, פון שווייץ, וואָס האָט מיר איבערגעגעבן אז מיין געוועזענער מאַן געפינט זיך אין וואַרשע און עס איז זיכער, אז ער גרייט זיך צו קומען צו דעם באנקעט. איז דאָס געוואָרן פאר מיר זער אינטערעסאַנט, כאָטש ער האָט שוין פאַר מיר מער ניט עקזיסטירט, איך האָב אים שוין

פשוט געהאסט. ער איז געווען אזוי קליינלעכט אז ער האָט גאָר ניט פארשטאנען, וואָס באדייט א זון פאר א מאמען און געטאָן אלץ מיין זון פון מיר צו דערווייטערן, ניט אָפשטעלנדיק זיך אפילו פון א פארברעכן. א גליק, וועגן דעם וועל איך שפעטער דערציילן, וואָס כ׳בין ארויף אויף די שפורן פון מיין זון און געהאָפט אים צוריקברענגען אין זיין היים, צו זיין מאמען.

"דער טאָג פון מיין אויפטריט אויף דער פוילישער בינע, אין דער ראָלע פון אנא קארענינא, איז גראָד אויסגעפאלן אין מיין זונס געבוירן־טאָג. כאָטש עס זענען שוין דורך אסך יאָרן געדענק איך נאָך ווי איצט. איך ווייס ניט צי כ׳וואָלט אים דאן דערקענט און עס ווילט זיך שטאַרק אים זען. כ׳בין אָנגעקומען צום טעאטער האָבן מיך פון אלע זייטן אורמגערינגט רעפּאָרטיערן און סתם נייגעריקע. מיינע פריינט האָבן קוים געמאַכט פאר מיר א וועג כ׳זאָל קענען דורכגיין.

"שטייענדיק אויף דער בינע האָב איך פון דער נאענט געזען מיין פאַמיליע. זיי זענען געזעסן אין א לאָזשע, וואָס כ׳האָב ספעציעל צוגערייט פאר זיי. איך בין געווען דורכגענומען מיט דער דראמע פון אַנא קארענינא און נאָך מער פון מיין אייגענער דראַמע, וואָס האָט נאָך מער פארשטארקט די עקספּרעסיע פון מיין שפילן. די לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן האָבן מיך איבערגעצייגט אז איך פארמאָג נאָך גענוג טאלאנט אויף גרויסע ראָלעס. מיין דערפאָלג איז געווען אן אויסערגעוויינלעכער פון וואָס כ׳בין פאַרשטענדלעך געווען גוט צופרידן. איך האָב אָבער ניט אָנגענומען קיין שום פאַרבעטונגען פון וועלכע עס איז פערזענלעכקייטן און אויך קיינעם פון מיינע פריינד ניט פארבעטן, מיט קיינעם היינט ניט געוואָלט פארברענגען חוץ

מיט מײַן אײגענער משפּחה. איך האָב זײ פֿאַרבעטן צו זיך אין האָטעל און בײַ געדעקטע טישן האָבן מיר גאָר הײמיש און פֿאַמיליאַר פֿאַרבראַכט. אַמערסטן האָט מיך געפֿרײט די גרוסן וואָס זײ האָבן מיר געבראַכט פֿון מײַן מוטער, און איך בין געווען גליקלעך, וואָס נאָך אַזױ פֿיל יאָרן פֿון אָפּגעריסנקײט, ווידער צו האָבן מײַן משפּחה, וואָס האָט מיר אַלץ פֿאַרגעבן און זענען געווען שטאָלץ מיט מײַן דערפֿאָלג אויף דער בינע, זײ האָבן אָבער נאָך ניט געוווּסט פֿון מײַן דורכפֿאַל אין לעבן און זײ האָבן פֿאַר אײדלקײט וואָס ווײניקער געשטעלט מיר פֿראַגן, וועגן מײַן פּערזענלעך לעבן. און איך האָב זײ מײַן טראַגעדיע ניט געוואָלט דערצײלן.

"צומאָרגנס האָבן אַלע צײַטונגען געשריבן וועגן דער אימפּאַזאַנטער פֿאָרשטעלונג און גערימט מיך אין דער ראָלע פֿון אַנאַ קאַרענינאַ, נאָך דער פֿאָרשטעלונג האָב איך פֿון אַלע זײַטן באַקומען טעלעפֿאָנען און באַגריסונגען און ניט מיט אַלע באַוויזן אָדער געקענט רעדן. איך בין געווען אויך שטאַרק גערירט פֿון מײַן דערפֿאָלג, וואָס האָט מיך אויך געמאַכט שטאַרקער און געזונטער. אין צוויי טעג אַרום האָט באַדאַרף פֿאָרקומען דער באַנקעט לכּבֿוד מיר אין האָטעל בריסטאָל. אויך דאָ האָב איך קוים זיך געקענט אַרײַנקריגן. איך האָב זיך ניט געקענט אויף קײן מינוט אָפּרוען, ווײַל מען האָט געוואָלט איך זאָל זיך טרעפֿן מיט די רעפּאָרטוואַרן, דאָס איז מיר געלונגען קונציק אויסצומײַדן, ווײַל כ'וואָלט זײ געמוזט ענטפֿערן אויף די פֿראַגן וועגן מײַן מאַן און מײַן פֿאַרלוירענעם זון. אויף דעם באַנקעט זענען געווען אַנוועזנד אַרטיסטן, דיפּלאָמאַטן, רעגירונג־ און מיליטער־לײַט, ווי אויך פֿון דער קולטור־וועלט.

די פרוי וואָס האָט מיך באַגלייט און געהאָלפֿן אין אַלע קליינע און גרעסערע אַרבעטן איז פּלוצים אַריין צו מיר און געזאָגט אַז צוויי יונגע לייט, ווילן זיך אַריינרייסן און ווילן אומבאַדינגט מיט מיר עפּעס רעדן און זי שטייט נעבן מיר פֿאַרצווייפֿלט און ווייסט ניט וואָס זי זאַל טאָן. אָבער אויך איך האָב דערפֿילט אַז דאָס האַרץ קלאַפּט מיר אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. ברענג איך זיך גיך אין אָרדענונג, מען זאַל ניט דערקענען אויף מיר קיין איבעראַשונג און כ'בעט דער פֿרוי אַריינלאָזן די צוויי יונגע־בחורים. איך זיץ אין מיין פֿאָטעל און קוק אויף די צוויי יונגע־לייט, וואָס שטעלן זיך פֿאַר מיר פֿאָר און עפּעס פֿאַרטונקלט זיך מיר פֿאַר מיינע אויגן, ווי כ'וואָלט דערזען מיין זון און פֿון איבעראַשונג ניט דערהערט די נעמען מיט וועלכע זיי האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט. האָב איך זיי געהייסן זיך זעצן און אויפֿן טיש אוועקגעשטעלט וויין און געבעטן זיי טרינקען און מיר זאָגן זייערע פֿאַרלאַנגען. איינער האָט גענומען טרינקען, כ'האָב געפֿילט אַז דער צווייטער פֿון זיי איז מיין זון. ביידע יונגע מענער ניט געהעריק אָנגעטאָן און אַפֿילו ניט שטאַרק ציכטיק. דער וואָס האָט געטרונקען האָט גענומען האַלטן פֿאַר מיר אַ רעדע, דער צווייטער האָט געשוויגן. זיי פֿאַרלאַנגען האָט ער געזאָגט אַז אַן אַרטיסטקע מיט גרויס דערפֿאָלג און מיט גרויסע איינקונפֿטן זאַל זיך באַשטייערן פֿאַר אַ גרופּע אַרבעטלאָזע אַרטיסטן, וואָס פֿאָרן אַרום איבער שטעטלעך, אָפּט הונגעריקע, אָבער מיט טאַלאַנט, ווייל אויך אַזעלכע ווי זיי געבן דאָך עפּעס דעם עולם און זיי געהערן דאָך אויך צו דער משפּחה אַרטיסטן, פֿאַרוואָס זאָלן אַרטיסטן וועלכע האָבן דערגרייכט רום און גוטע איינקונפֿטן אונדז ניט

העלפן? דער צערעדט זיך זייענדיק בגלופין מיט א שרייעדיקע שטימע, דער צווייטער א פארשעמטער בעט אים ער זאַל אויפהערן און גייט צו צו מיר גיט מיר א קוש אין האַנד און בעט איך זאַל מוחל זיין פאר דער ניט־גוטע האַלטונג פון זיין בגליפונעם חבר און ביים איינבייגן זיך באמערק איך אז אים פאַלט ארויס דער מעדאַליאָן וואָס איך האָב אמאָל אים געגעבן. איך באהערש זיך קוים ניט אויסצושרייען. אָבער דאָס איז דאָך מיין זון, מיין זעניוש.

"ביים געזעגענען האָב איך ארויסגענומען געלט און זיי געגעבן זיי זאָלן אויף גיך זיך קויפן אנצעגער און געזאָגט איך פארבעט זיי אויפן באנקעט, וואָס איז מיר געווידמעט וואָס דארף דעם אָוונט פאָרקומען אין האָטעל בריסטאָל. איך בין שוין געווען זיכער אז דער שיינער, ניט אויסגעקעמטער דאָס איז מיין זינדעלע. איך האָב באמערקט אז ער לאָזט א טרער און קוקט אויף מיר מיט מאָדנע אויגן. האָב איך געוואָלט זיך צעוויינען. צום גליק האָבן זיי גענומען דאָס געלט. און זענען אוועק. וועןביידע זענען אַוועק האָב איך אין מיין שלאָף־צימער שטאַרק זיך צעוויינט, מיין הארץ האָט געטריפט מיר מיט טרערן. איך האָב אייגענטלעך ניט געוווסט צי וויין איך פאר פרייד, וואָס כ'האָב געפונען מיין זין אָדער איך וויין פאר שלעכטס וואָס עס איז אים מיין זון אין מיר אָפגעטאָן געוואָרן כדורך מיין געוועזענעם מאן?

"עטלעכע שעה פארן באנקעט האָב איך זיך עפעס דערשראָקן דערמיט וואָס כ'האָב די צוויי יונגע בחורים פארבעטן אויפן באַנקעט. כ'האָב זיך דערמאָנט אז מיין געוועזענער מאן וועט אויך דאָרט זיין און כ'האָב גאָר ניט געוואָלט אז ער זאַל וויסן אז כ'האָב צוריקגעפונען מיין

זון. איך האָב אויך ניט געוואלט אז צוליב דעם זאָל קומען צו א ניט־געוואונטשענעם טומל און אפילו צו א סקאנדאל. וואָס קאן צעשטערן דעם גאנצן כאראקטער פון דאָזיקן באנקעט. וואָס כ׳האָב שטארק געוואָלט אויסמיידן און כ׳בין גאָר ניט געווען זיכער צו דאָס וועט מיר געלונגען. אמערסטן האָט מיך געשראָקן אז ביי וועלכן עס איז סקאנדאל זאַל מיין געוועזענער מאן ניט באנוצן זיך מיט דעם געהיימען געווער און פארעפנטלעכן אז כ׳בין א זשידוווקע. כדי דערמיט מיך אונטערצורייסן פאר דער עליטע פון דער הויכער געזעלשאפט, וועלכע גרייט זיך אפגעבן אזא כבוד, און אפשר דערמיט צוניש מאכן מיין בינע־קאריערע? און אויב דאָס וועט געשען וועט עס דאָך זיין מיין שולד, כ׳האָב דאָך ניט באדארפן די יוגע־לייט פארבעטן אויפן באנקעט אָבער פון דער צווייטער זייט האָב איך דאך אויף אזא פייערלעכן באנקעט געוואָלט האָבן נעבן זיך מיין זון, מיין איינציק גליק און פון דאָרט אים גלייך נעמען צו מיר, און דאָס איז דאָך פאר מיר געווען פיל וויכטיקער ווי דער גאַנצער באנקעט. מיין העכסטער לוין וועט דאָך זיין וואָס כ׳וועל האָבן צוריק מיין זון. און מיט דעם געדאנק האָב איך זיך געגרייט צום באַנקעט, אָנגעטאָן א ניי קלייד. פון שווארצן זייד און באפוצט מיט ווייסע בלומען און ווייסן שאל אויפן האלדז און א דין גאָלדן קייטעלע, אָ דעם זעלבן מעדאליאָן וואָס איז א קאָפּיע פון דעם מעדאַליאָן, וואָס כ׳האָב מיין זון אמאָל אנגעטאָן אויף זיין האלדז, אין טאָג פון זיין אכטן געבוירן־טאָג. מיין געוועזענער מאן האָט דאן ניט געוואָלט אז מיין זון זאַל טראָגן אויך זיין פאָטאָ אין דעם מעדאליאָן, ווייל ווארשיינלעך האָט ער שוין דאַן געהאַט ניט קיין פריינטלעכע

כוונה לגבי מיין זון. און איך האָב דעמאָלט געמוזט איבערבייטן און אריינלאָזן בלויז מיין פּאָטאָ און איצט וועל איך קענען בײדע מעדאַליאָען פאַרגלייכן, ווייל ביידע זענען פון זעלבן שטייגער געמאכט.

"אויף דעם באנקעט איז מיר אויסגעקומען צו זיצן נעבן צוויי פערזעלעכקייטן, וועלכע האָבן מיך באגלייט צו באנקעט. מיר האָבן פארנומען א צענטראַלן אָרט אז יעדער גאסט זאָל מיך קענען פערזענלעך באגריסן און די וואָס קענען מיך ניט, מיט מיר זיך צו באקענען. פון איין זייט איז דאָס געווען פאַר מיר באקוועם אָבער פון דער צווייטער איז מיר גאָרניט געווען איינגענעם זיך צו דארפן באגריסן מיט מיין געוועזענעם מאן און אויך מיט זיינע פריינד, וואָס האָבן אים געהאָלפן אין זיינע אינטריגעס קעגן מיר און מיין זון.

"אין זאַל בין איך געווען ארומגערינגלט מיט פריינד און מיט באקאנטע פערזענלעכקייטן און פון מיין אָרט געקענט גוט אָבסערווירן די אָנגעקומענע געסט. מיין גאנצער שטרעבן איז געווען וואָס גיכער צו דערזען דאָס אנקומען פון מיין זון. דערווייל האָב איך געכאפּט שמועסן, פאר העפלעכקייט, מיט פארשענע באַקאַנטע און אויך ביים בופעט זיך דערכאפּט דאָס הארץ מיט די פיינסטע מאכלים. קיין זאך האָט אויף דעם בופעט ניט געפעלט, ווייל דער באַנקעט איז געווען איינער פון די גרעסטע וואָס איז איז יענער צייט פאָרגעקומען. אלע ארום האָבן גוט פארברענגט אָבער מיינע אלע געדאנקען זענען געווען פארנומען מיט דער פראַגע — צי וועט ער קומען? און מיינע אויגן זענען געווען געוואָנדן נאָר צום אריינגאנג. דערווייל זענען נאָך אָנגעקומען בלומען און באגריסונג־טעלעגראַמעס, איך האָב געבעטן מען זאַל זיי איצט

ניט לייענען, ווייל כ'וויל זיי זיי לייענען ביי זיך אין צימער. דערווייל זענען אלע זאלן געוואָרן אָנגעפילט מיט מענטשן, מיט זער נאָענטע פריינד, נאָר מיין זון האָב איך אלע ניט געזען. בין איך געוואָרן גאנץ שטארק אומרואיק. נאָר די מוזיק האָט הויך געשפילט און פאָרלעך האָבן געלאָזט זיך אין א טאנץ. אלע זענען געווען גאנץ פריילעך אָבער דאָ האָט מיר א פריינד דערציילט אז פארן ארייגאנג איז פאָרגעקומען עפעס א קאָנפליקט מיט צוויי בחורים, וואָס האָבן זיך בארופן אז איך האב זיי פארבעטן, אָבער די אָרדענערס האָבן דאָס ניט געגלויבט באטראכט זיי פארדעכטיקט און ניט ארייגעלאָזט, האָבן זיי זיך ארייבאקומען פון א צווייטן ארייגאנג און געפינען זיך ערגעץ אין א זאַל. האָב איך וועגן דעם גאָר ניט געזאָגט, א צופרידענע וואָס זיי געפינען זיך ערגעץ נאָענט.

"וואָצלאַוויע! ווען איך שרייב אייך דאָס אלע מוז איך זיך פאר אייך מודה זיין אז כ'וואָלט גערן היינט געוואָלט דאָס אלע ווידער איבערלעבן, באזונדער די פרייד, וואָס כ'האָב ענדלעך ווידער געפונען מיין זון. און באזונדער בין איך צופרידן ווען כ'קען פאר אייך ארויסברענגען די אלע געשעענישן און מיינע אלע געפילן, אלע איבערלעבונגען ווידער דערמאָנען. כ'ווייס אז אייך אינטערעסירט דאָס און אפשר דורך אייך וועלן אויך אנדערע זיך באקענען מיט מיין סאָרט לעבן, ווייל לעבנס זענען דאָך דאָ פאַרשידענע. און אויב מענטשן וועלן זיך פאראינטערעסירן, ווי אזוי לעבן און האָבן געלעבט אנדערע, ביי פארשידנסטע באדינונגען, וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט און געפילט, וועט דאָס אפשר ענגער פארבינדן די מענטשן און אנשטאָט שונאים וועלן מענטשן זיך ווערן גוטע פריינד און שאפן א געזעלשאפט פון מענטשלעכע פריינדשאפט. איך שיק

אייך דעם דאָזיקן בריוו, מיט דער ביטע איר זאָלט אומבאַדינגט מיר ענטפערן, ווי אַזוי האָט איר זיך איינגעאָרדנט אין וואַרשע, אין אייער וווינונג און ביי דער אַרבעט און צי זענט איר צופרידן? אָבער דאָס וויכטיקסטע וואָס כ'וויל וויסן איז צו באַגעגנט איר זיך דאָרט מיט רעבעקאַן? איך וואָלט זער וועלן איר זאָלט אָנהאַלטן מיטן דאָזיקן וווּנדערלעכן מיידל די פריינדשאַפט. זאָגט איר און איר מוטער אַז, ווי נאָר כ'וועל קומען קיין וואַרשע וועל איך גלייך צוזאַמען מיט אייך זיי וויזיטירן. דערווייל גיט זיי איבער פון מיר די בעסטע גרוסן און ווינטשן. און אייך שיק איך איבער אין נאָענטע בריוו די וויכטערדיקע קאַפּיטלעך פון מיין לעבן, וואָס וואָלט דאָך געקענט, פאַר אַ שרייבער דינען אַלס אַ גאַנץ אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל פאַר אַ גרויסע דערציילונג, אָדער אַפילו פאַר אַ ראָמאַן. ווייל מיין לעבן פאַרמאָגט אין זיך ניט ווייניק דראַמאַטישקייט. אָבער גלייכצייטיק מיט די גרויסע דערפאָלגן האָט דער גורל מיר ניט געקאַרגט מיט טראַגעדיעס". און וואַצלאַוו לייענט אין ווייטערדיקן בריוו:

"ווען איך שטיי אין דעם האָל, ניט ווייט פון גרויסן זאַל, דערזע איך ביים בופעט ביידע יונגע בחורים נעמען דאָרט צו ביסלעך בראָנפן. איך בין אָבער אַרומגערינגלט מיט מלוכה־לייט, מיט טעאַטער צייטונגס־מענטשן און קען גאָר ניט צוגיין זיי שטערן צו געניסן פון ביטערן טראָפּן. די פּאָטאַ־אַפּאַראַטן אַרבעטן. בליצן מיט זייער ליכט און יעדע באַוועגונג ווערט אָראָפּגעכאַפּט און בלייבט אַן עדות פון דיין יעדן טריט, מען טאָר ניט אַפילו אויף קיין מינוט אַראָפּוואַרפן דעם שמייכל פון די ליפּן. צי כ'וויל אָדער ניט מוז איך מיט אַ שמייכל יעדן באַגריסן אָבער דאָס האַרץ רייסט זיך וואָס גיכער צו

צודריקן מיין קינד. איך מוז דאָך וואָס גיכער אים אלץ דערציילן. ער מוז דאָך וויסן פון מיין אומשולד. איך האָב שוין פון א פריינד, וואָס איז געווען אין פארבינדונג מיט דיביידע וואַנדערנדיקע אַקטיאָרן, זיך דערוווּסט אז ביידע בחורים זענען זער גוטע פריינד. אז ביידע האָבן זיך באגעגענט ווען מיין זענעק איז אנטלאָפן פון דער פרוי פון דאָרף, און האָבן כסדר זיך געהאלטן צוזאמען. ביידע האָבן געוואָלט מיט אלע מיטלען ראטעווען זייער לעבן.האָבן זיי זיך אָנגאזשירט אין א צירק, געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט, דאָרף צו דאָרף און ניט ווייניק אונטערגעהונגערט. אין די בעסטע יאָרן געמאטערט זיך אין קאמף פאר א שטיקל ברויט. און דאָס אין דער צייט ווען מיין זענעק האָט פארמאָגט אזא רייכע היים. ביידע האָבן דערפילט אז זיי קענען שפילן טעאטער, האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אין א וואנדערנדיקע גרופע פון ארטיסטן, וואָס האָבן געשפילט גאנץ ווולגאַרע, אויב מען קען דאָס אנרופן דראַמעס. צו וויילן דעם פרימיטיוון עולם און אויך דערפון קוים געהאט צום לעבן. כאָטש צווישן דער גרופע האָבן זיך געפונען גאנץ פעיקע ארטיסטן, האָבן זיי ניט געקענט לאנג זיך האלטן און די גרופע איז זיך גיך צעפאלן. אין קיין ערנסטן טעאטער האָט מען זיי ניט געוואָלט באשעפטיקן. נאָר זיי ביידע האָבן ווייטער געהאַלטן זיך צוזאמען, געזוכט א וועג אין לעבן. און ביי יעדער געלעגנהייט דערוויל געטרונקען פון ביטערן טראָפן. זיי איז גאָר ניט איינגעפאלן אז זענעק האָט א רייכע מאַמע און א באַרימטע אַרטיסטקע. נאָר ווען איך האָב זיך באוויזן אין ווארשע און פון די רעקלאַמעס האָבן זיי זיך דערוווּסט אַז א בארימטע ארטיסטקע וועט אויפטרעטן, האָבן זיי באשלאָסן אויסנוצן די געלעגנהייט און

ווענדן זיך צו מיר נאָך הילף. דאָס איז פֿאָרגעקומען גראָד ווען מיינע פריינד זענען שוין סיי ווי געפאלן אויף די שפורן פון מיין זון. אָבער דער צופאל האָט צוגעאיילט מיין באגעגעניש מיט מיין זון.

„דערווייל צופרידענע פון דעם גרויסן כבוד צו זיין פארבעטן אויף א באַנקעט פון אַזאַ באַרימטער ארטיסטקע, האָט דאָס זיי אָנגעפילט מיט שטאָלץ. אָבער די מעגלעכקייט צו שטיין און געניסן פון אזא רייכן בופעט און באזונדער פון דער מעגלעכקייט צוכאַפּן א גוטן טרינק פון שטארקן קאָניאק, האָבן זיי פארגעסן פון האַלטן זיך לייטיש, וואָס האָט ארויסגערופן א שטיקל אומצופרידנקייט ביי געוויסע געסט. אָבער מיינע פריינד האָבן גלייך געטאָן אלץ, ווייל זיי זענען געווען פון מיר פארבעטן צו מאכן זיי העפלעך אויפמערקזאם, און דאָס האָט אויף זיי אביסל געווירקט. האָבן זיי זיך ארומגעדרייט און גוט זיך געהאַלטן, כאַפּנדיק א שמועס מיט געוויסע געסט. אלס גאָר יונגע בחורים האָט מען זיי זער גוט אויפגענומען. צווישן די געסט האָט זיך אויך באוויזן מיין מאן, ער איז געקומען שפעטער און איך האָב געהאַט די געלעגנהייט מיט אים זיך ניט צו באַגריסן. זעענדיק דעם גרויסן באנקעט און דעם כבוד וואָס מען גיט אָפּ זיין געוועזענער פרוי איז ער אויפגעגעסן געוואָרן פון איינפערזוכט. דערצו האָט ער זיך דערוווסט אז אין זאל געפינט זיך מיין געפונענער זון, האָט ער געזוכט עפעס קעגן מיר א נקמה. ער האָט אָבער גלייך באמערקט אז כ'האַב דערארבעט די סימפאטיע פון גרויסן עולם און ער האָט אויך געוווסט אז ווען א באַרימטע ארטיסטע פארלאָזט אָדער טוישט איר מאן אויף א צווייטן ווערט איר דאָס קיינמאָל ניט באטראכט פאר עפעס א חטא,

פאַרקערט מען נעמט דאָס אויף מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל... אָבער אוועקגיין אָן אַ שטיקל נקמה האָט ער ניט געקענט, האָט ער זיך אוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ בייזוויליק בריוול, אַז די גרויסע אַרטיסטקע, וואָס מען פּראָוועט דאָ פאַר איר דעם באַנקעט האָט אונטערגעוואָרפן איר'ס אַן אייגן קינד, וואָס געפינט זיך גראָד אין דאָזיקן זאַל, דאָס בריוול האָט ער צוגעטראָגן צו די צוויי יונגע בחורים און אַ ברוגזער פאַרלאָזט דעם זאַל.

"איך האָב דאָס אַלץ פון ווייטן אָבסערווירט. אָבער מיין פריינט, וועלכער איז געפאַלן אויף די שפורן פון מיין זון, האָט זיך געהאַלטן נאָענט פון זיי, אַפילו מיט זיי זיך באַפריינט און ער האָט שוין גוט געוווּסט וועלכער פון זיי איז זעניעק, דער זון פון זיין פריינדין די אַרטיסטקע, האָט ער דאָס מיר שפּעטער אַלץ איבערגעגעבן. ווען זיי האָבן באַקומען דאָס בריוול פון מיין עקס מאַן זענען זיי אוועק אין אַ זייטיק צימערל. זיי ביידע זענען געווען איבערגעגעבענע פריינד און דער וועמען מען האָט גערופן מונדעק האָט שטאַרק ליב געהאַט זעניעקן און געוווּסט אַז ער איז אַ זון פון אַ גרויסע אַרטיסטקע, וועלכע איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט, נאָר באַקומענדיק דעם דאָזיקן בריוול האָט זעניעק, פון פרייד אָדער כעס,ניט אַרויסגעלאָזט קיין וואָרט און אוועק צום בופעט מיטן ווילן זיך אָנצוטרינקען מיט אַ שטאַרקן געטראַנק, אָבער מונדעק, וואָס האָט אוודאי ליב געהאַט צו טרינקען האָט אים גראָד אָפּגעהאַלטן.

"דערווייל האָט דער עולם גאָר פריילעך פאַרברענגט. די מוזיק האָט געשפּילט, פּאָרלעך האָבן געטאַנצט, דער

בופעט איז געווען פון בעסטן, וואָס דאָס האַרץ נאָר פאַרגלוסט. נאָר מיר האָט דאָס האַרץ געזאָגט אַז מיין מאַן האָט ווידער אָפּגעטאָן עפּעס א בייזקייט. כ'האָב אָבער באַמערקט אַז די צוויי בחורים דערנעטערן זיך צו מיר און באַגריסן מיך העפלעך און מיין זונעק גיט מיר א קוש אין האַנט. דאָס האַרץ האָט דערפרייט אָבער כ'האָב דערווייל פון גאָרניט געוואָלט טראַכטן, נאָר א גליקלעכע געשטאַנען נעבן זיי און איינגעהערט זיך ווי זיי רעדן וועגן טעאַטער־פּראָבלעמען. מיט וווּנדער האָב איך דערקענט אַז זיי זענען גאָר ניט קיין דילעטאַנטן און ווייסן גאָר אַסך וועגן טעאַטער און זענען גאַנץ באַוווסטזיניקע בחורים, און ניט ווי עס האָט זיך מיר פריער אויסגעדוכט. ניט געקוקט אויף זייער אָרימען אויסזען האָבן די צוויי בחורים א גאַנץ פיינעם פּערספּעקטיוו אין זייער לעבנסוועג. פאַרשטענדלעך אַז מען דאַרף זיי אין דעם העלפן, ווייל אַזעלכע זענען דאָך אונדזער צוקונפט. ביים שמועס מיט די בחורים האָב איך געטראַכט, וואָס וועלן זאָגן מיינע גוטע פריינד. זיי וועלן דאָך פרעגן פאַרוואָס האָב איך זיך, אויב כ'האָב אים שוין יאָ מיין זון געטראָפן, ניט געגעבן זיך צו דערקענען? דער ענטפער איז אַז כ'האָב ניט געוואָלט מיט איין מאָל מאַכן א שטורעם אין זיין מוח. און נאָך מיין עקס־מאַנס בריוול האָב איך באַזונדער געמוזט אים פריער אויפקלערן, וואָס מיט מיר איז געשען און ער אַליין, א בחור מיט פאַרשטאַנד, וועט מוזן דעצידירן וועגן זיין גורל און וועגן זיין באַציאונג צו מיר, נאָך דעם אַלעמען וואָס מיט אים איז געשען. דאָך בין איך געווען זיכער אַז פון היינט הויבט זיך פאַר מיר אָן א נייע קאַפּיטל פון מיין לעבן. איך האָב געקוקט אויף מיין זון און געפילט

אז אים וועל איך איצט ווידמענען דאָס וויכטיקסטע פון מיין רייף לעבן.

"דערווייל האָט מען אלעמען גערופן צו די טישן און איר זייענדיק ארומגערינגלט מיט חושבע געסט האָב גאָר ניט געקענט מאכן אז מיין זון און זיי געטרייער חבר זאָלן זיצן נעבן מיר. איך בין אריין אין גרויסן זאל געארעמט מיט מיינע צוויי גוטע פריינד און האָבן גלייך זיך אויפגעשטעלט און געמאכט מיר אוואציעס און איך האָב מיט א שמייכל אלעמען באַדאַנקט. ארום די טישן זענען געזעסן א פינף הונדערט מאן. די טישן זענען געווען באפוצט מיט רויזן און בלומען. סערווירט מיט די בעסטע מאכלים. עס האָבן מיך דאן באגריסט דער גרויסער ארטיסט זעלבעוו. "אין נאמען פון ארטיסטן־פאריין, ער איז געווען דער אָרגאניזאטאָר און פאָרזיצער פון דעם באנקעט לכבוד מיר. עס האָבן אויך באגריסט, ווער אין נאָמען פון דעם קולטור־מיניסטער און פון פארשידענע קולטור־אינסטיטוציעס, און איך בין דאן געווען באזונדער שטאָלץ וואָס מיין זון איז אָנוועזנד און הערט זיך צו דעם אלעמען צו און אפשר גראָד דערפאר איז דאָס געווען דער גרעסטער יום טוב אין מיין לעבן. עס באגריסן מיך פריינד ארטיסטן און דערציילן וואָס פאר ביישטייער איך גיב פאר דער פוילישער קולטור, פארשפרייטנדיק אירע ווערטן איבער דער וועלט און ווי גוט איך אינטערפעטיר די גרויסע שרייבערס און ברענג זייערע טיפע געדאנקען פארן ברייטן פובליקום. איך הער ווי מען רעדט וועגן מיר און מיין זון מיט זיין חבר זיצן דאָרט אין א ווינקל און הערן זיך איין און מיין האַרץ איז פול מיט פרייד. נאָכדעם ווערט געמאַכט א קורצע פאָזע, אויף די טישן באַווייזן זיך פלעשער מיט

וויינען און מען גיסט אָן די גלעזלעך. אין א מינוט ווערט שטיל, דער פּאָרזיצער רופט אָן מיין נאמען און איך דארף האלטן א טאָסט. אָבער גראָד דאָ איז מיר דורכגעלאפן דער געדאנק, א ווי גליקלעך וואָלט איצט געווען מיין מאמע, מיין משפחה ווען זיי זענען דעם כבוד וואָס מען גיט אָפּ זייער טאכטער. אָבערליידער צווישן דער פוילישער געזעלשאפט און יידישן פאָלק טיילט אָפּ אן אייזערנער מויער און דאָס ערשטע מאָל, שטייענדיק פאר א גרויסן עולם, באקום איך א טרעמע און איך קען פון מויל קיין וואָרט ניט ארויסלאָזן. דאָס געדויערט א פּאָר מינוט, ארום ווערט שטיל אלע ארום ווארטן מיט איינגעהאלטענעם אָטעם. עפּעס שושקעט מען זיך, כאפּ איך זיך ווי אויף פון א לאנגן שלאָף, איך גיב א שמייכל און כ'הויב אן מיין טאָסט. איך רעד זער קורץ און באגריס אלע אָנוועזנדיקע, די פארשטייער פון די אינסטיטוציעס, די ארטיסטן און מיינע אלע גוטע פריינט. צו מיין גליק איז קיינער ניט גיריק אויף לאנגע רעדעס, גראד פאר דער קורצקייט פון מיין טאסט האָט מען נאָך מער מיר אפּלאָדירט, ווייל אלע האָבן שוין געוווּנקען צו די גלעזלעך וויין.

"אוודאי וואָלט איך נאָך געהאט עפּעס צו זאָגן וועגן דער גרויסער שליחות, וואָס עס טראָגט אויף זיך דער אקטיאָר, ווען ער ברענגט ארויס פאר די ברייטע מאַסן די הומאַניטאַרע געדאנקען פון אזעלכע גרויסע שרייבערס, ווי: שעקספּיר, טאָלסטוי, איבסען און אפילו אונדזער וויספּיאנסקי. איך וואָלט אפשר באדארף דערמאָנען, וויפל מאסן פון דער אָרעמקייט, וועלכע קענען ניט געניסן פון קיין טעאטער, פאר וועמען די קולטור איז פארשלאָסן אויף שלעסער און נאָר די רייכע עליטע

קען דערפון גניסן, וואָס יעדער איבער דער קולטור הערשט די פּאָליטיק. וועלכע דערשטיקט די רייכקייט פון דער קולטור. אָבער דאָס אַלץ האָב איך דאָ ניט געקענט זאָגן, ניט בלויז דערפאַר וואָס כ'בין געווען פאַרשיכורט פון דעם כבוד, וואָס מען האָט מיר צוגעטיילט, נאָר אויך פאַר די אַלע, וואָס לעבן אַרומגערינגלט פון לוקסוס וועלן זיין פרעמד די דאָזיקע ווערטער. אָבער טיף אין מיר האָבן שוין געבראָוזט געדאַנקען, מיט וועלכע כ'האָב זיך אַנגעזאָפּט פון אַט די גרויסע גאונים פון מענטשלעכן געדאַנק. ווען כ'האָב אויף דער בינע געהערט זייערע ווערטער זענען זיי טיף מיר אַריינגעדרונגען אין האַרצן און אין דער נשמה. און ווען כ'האָב אין מיטן פון דעם רייכן באַנקעט זיך דערמאָנט אין מיין אָרימער מאַמען, האָבן אַט די געדאַנקען מיר אַ בליץ געטאָן אין מוח. אָבער נאָר אויף מינוטן, איך בין נאָך אַלץ געווען פאַרבלענד פון מיין גרויסן דערפאָלג און מיט מיין טאַלאַנט, מיט וועלכן כ'האָב יעדער ניט געדינט דעם ברייטן פאָלק נאָר אויסדערוויילטע עליטע אין וועלכע עס האָט מיך אַריינגעפירט מיין פאַרדאָרבענער מאַן. און אפשר איז אויך דער גאַנצער קרייז אין וועלכע איך האָב זיך באַוועגט געווען גאַנץ טיף פאַרדאָרבן? אָבער איך האָב נאָך דעמאָלט דאָס ניט צושטאַרק געפילט.

"אָבער ווען אַלע האָבן געשמאַק זיך גענומען עסן און טרינקען האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ קלאַפּן אין טיש און כ'האָב געזען, ווי מיין זון איז אויפגעשטאַנען און מיט אַ הויכער שטימע אָנגעהויבן רעדן און אַלע אין זאַל זענען, ווי פאַרשטומט געוואָרן. זיינע ווערטער זענען געווען: 'טייערע פאַרזאַמלטע מען האָט מיך אויך דאָ פאַרבעטן, ווי אַ יונגן אַרטיסט דערלויבט זשע מיר אויך באַגריסן די באַרימטע

אַרטיסטקע. צו די אַלע דאָ אויסגעהערטע באַגריסונגען וויל איך, אַ גאַנץ קליינער אַרטיסט, אייך זאָגן אַז אַלס אַרטיסט האָב איך גרויס רעספּעקט פֿאַר אַזעלכע טאַלאַנטן ווי די אַרטיסטקע, פֿאַר וועמען דער הייטיקער באַנקעט איז געווידמעט. איך האָב דרך ארץ פֿאַר די וואָס ברענגען דאָס וואָרט פֿון גרויסע שרייבער פֿאַר די ברייטע מאַסן אָבער ביי דעם אַלעמען האַלט איך אַז וואָס גרעסער דער טאַלאַנט אַלס מער מוז אַ קינסטלער זיין אַ מאָראַליש פּערזענלעכקייט. אַ קינסטלער מוז קודם כל זיין אַ מענטש. און אָט האָב איך באַקומען אַ בריוול ווי עס ווערט דערציילט אַז אָט די גרויסע קינסטלערין האָט דערלויבט איר אייגן קינד אַוועקצוגעבן צו פֿרעמדע מענטשן וועלכע האָבן זיך איזדעקעוועט און זי האָט צו איר אייגן קינד ניט אַרויסגעוויזן איר מוטער פֿליכט, וואָס איז די עלעמענטאַרסטע אויפֿגאַבע פֿון אַ מוטער. ביי די ווערטער האָב איך באַמערקט אַז מיין עקס־מאַן האָט זיך ווידער באַוויזן אין זאַל און מסתמה געשעפּט נחת פֿון זיין אָפּגעטוענער פּראָוואָקאַציע. אָבער מיר האָט דערווייל גענומען קלאַפּן דאָס האַרץ. ער האָט ווייטער עפּעס גערעדט איך האָב אים שוין ניט געהערט, נאָר געהערט דעם טומל וואָס איז אַנטשטאַנען אין זאַל און כ׳בין געפֿאַלן חלושס אין זאַל זענען אָבער געווען מיינע גוטע פֿריינד, וועלכע האָבן געוווסט דעם אמת האָבן זיי באַרואיגט די געסט און מיך געטרייסט. גלייך איז צוגעקומען אויך מיין זון און זיך אַנטשולדיקט, געזאָגט אַז ער האָט גאָר ניט געוואָלט מיר ווייטאָן נאָר בלויז אַרויסברענגען זיין אייגענע אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען. האָב איך אים געוואָלט אַרויסווייזן מיין ליבשאַפֿט און זיך צוגעבויגן אים אַ גלעט צו

טאָן האָט אויף זיין האלז זיך א שאקל געטאָן דער מעדיאליאָן וואָס כ'האָב אלס קינד אים אנגעטאָן. כ'האָב גענומען דעם מעדיאליאָן אין האנט, געעפנט און ער האָט דערזען מיין בילדל און צוגעפאלן צו מיר און אויסגעשריגן — מאמע! און מיר האָבן ביידע זיך צעוויינט. איך האָב געפילט זיך ווידער ניט גוט און מיין זון האָט אלץ געפרוווט מיך טרייסטן. איך האָב קיין סך מיט אים ניט געקענט רעדן. כאָטש כ'האָב שטארק געוואָלט ער זאָל וויסן דעם גאנצן אמת האָב איך אים געהייסן מאָרגן קומען צו מיר אין האָטעל, מיט דער האָפענונג אז מיר וועלן מער זיך קיינמאָל ניט צעשיידן.

"אין האָטעל בין איך געקומען צו זיך און פאר פרייד ניט געקענט א גאַנצע נאַכט שלאָפן. אין דער פרי איז דער ערשטער געקומען מיין געוועזענער מאן. מיט א צאָרנדיק פנים, ער האָט זיך אוועקגעזעצט און מיך געפרעגט — וואָס איך רעכן צו טאָן? איך האָב געפילט אז ער קען מיר ניט פארגינען מיין פרייד האָב איך אים געהייסן גלייך פארלאָזן מיין צימער. געבליבן בין איך מיט א טאָפלטן געפיל. פון איין זייט האָט ער דאָך אסך פאר מיר געטאָן און גאָר א סך האָב איך אין מיין לעבן אים צו פארדאנקען, אָבער פון דער צווייטער זייט האָט ער דאָך צוגערויבט פון מיר מיין קינד, וואָס האָט צוליב אים אזויפיל געמוזט ליידן. זעט אויס אז גערעכט זענען די גרויסע שרייבערס אז אין יעדן מענטש וווינען א מלאך און א טייוול. אמאָל זיגט איינער אמאָל דער צווייטער. ווען כ'בין געבליבן אליין האָב איך טיף געליטן, ווייל ער איז דאָך געווען דער איינציקער מאַן וועמען כ'האָב ליב געהאַט. ער איז אָבער געווען דער וואָס האָט מיין לעבן צעבראָכן, איז ווי קען איך אים מוחל זיין? איז דאָס איינציקע וואָס

מיר איז פאַרבליבן איז מיין זון און אויף זיין קומען האָב איך גיריק געוואַרט.

"דערווייל האָט ווער פון מיינע גוטע פריינד אנגעקלונגען און מיר דערציילט אז די פרעסע האָט ברייט זיך צעשמירט איבער דעם נעכטיקן באַנקעט. אָבער די גרעסטע סענסאַציע איז געווען דאָס צוריקגעפונען פון מיין קינד. ליבער וואַצלאַוו, היינט זענען די מענטשן מער ניט פּילבאַר אויף דעם פאַרלירן פון א קינד. די מענטשלעכע הערצער זענען נאָך דער בלוטיקער מלחמה, נאָך דעם אומקום פון מיליאָנען געוואָרן אזוי פאַרשטיינערט, אז דאָס פאַרלירן פון א קינד האָט מער קיין ווירקונג ניט, ווייל ביי וויפל מיליאָנען מאַמעס האָט מען צוגערויבט און דערמאָרדעט זייערע קינדער? וויפל זויג־קינדער האָט מען אין די אויגן פון יידישע מאַמעס צעריסן אויף שטיקלעך? וויפל יידישע קינדער, אזעלכע ווי אונדזער טייערע רעבעקאַ, האָבן מיט די אייגענע אויגן געזען ווי מען דערמאָרדעט בעסטיאַליש זייערע מוטערס און פאָטערס? אָבער דעמאָלט נאָך איז דאָס צונעמען א קינד פון א מאַמען באַטראַכט געוואָרן פאַר א גרויסע טראַגעדיע און דאָס צוריקגעפונען פון א קינד איז נאָך געווען פאַר אלעמען א סענסאַציע. היינט דאָס פאַרלירן א קינד איז פאַר דער פרעסע מער ניט קיין סענסאַציע. נאָר דאָס האַרץ פון דער מאַמען בלוטיקט נאָך איר אומגעקומען קינד. אָבער אזעלכע זענען דאָך היינט מיליאָנען. דעריבער. נאָך דעם גרויסן חורבן, זעט דאָך מיין טראַגעדיע גאָר ניט אויס אזוי טראַגיש און דעריבער מיין איך אז איר, וואָס האָט אויך דורכגעלעבט דעם חורבן און איר אליין פאַרנעמט זיך מיט פאָרשן די פאַקטן פונעם חורבן, וועט מיין פערזענלעכע

איבערלעבונגען אפשר אייך גאָר לאַנגווייליקן. יאָ איך טראַכט טאַקע וועגן דעם און וואָלט גערן מיט אייך זיך געטראָפן כדי צו הערן וואָס איר מיינט וועגן דעם. צי זאָל איך אייך ווייטער דערציילן אָדער איבעררייסן דאָס שרייבן אייך מיינע בריוו? איך בין דעריבער גרייט צו קומען צו אייך און כ׳וויל וויסן צו דערמיט וועל איך ניט צורויבן אייער צייט. ביי דער געלעגנהייט וואָלט איך זען, ווי זעט היינט אויס דאָס אַמאָליקע וואַרשע. זייט געזונט. אייער יאַנינאַ".

אויף דעם האָט וואַצלאַוו איר געענטפערט, אַז זי האָט אַ גרויסן טעות ווען זי מיינט אַז איר טראַגעדיע איז בלויז אַ פּערזענלעכע, דאָס וואָס מיט איר איז געשען איז אַן אַנגעווייטיקט פּראָבלעם פאַר זייער אַסך פאָרלעך וועלכע קענען צוליב פאַרשיינסטע סיבות ניט האָבן זייערע אייגענע קינדער. איר טאַט געהערט צו די דרייסטע, וואָס קען ניט געטאַדלט ווערן נאָר פאַרקערט. זי פרעגט צי זי זאָל קומען? ער איז ניט נאָר גרייט זי אויפצונעמען, נאָר ער וואַרט אויף איר מיט אומגעדולד און ער וועט האָבן גענוג צייט מיט איר צו פאַרברענגען. מיט אַ זייט געזונט, איך וואַרט אויף אייך האָט וואַצלאַוו געענדיקט דאָס בריוו.

יאַנינאַ איז געקומען קיין וואַרשע, ווי זי איז שוין לאַנג ניט געווען. די שטאָט, כאָטש זי איז נאָך געווען גענונג צעשטערט, האָט געהאַט אַסך וואָס צו דערמאָנען. זי איז אָנגעקומען אין זעלבן האָטעל, ווי זי האָט זיך געטראָפן, נאָך פאַרן חורבן, מיט איר צוריקגעפונעם זון. דאָס איז געווען נאָך יענע צייט ווען מען האָט זי באַוואָרפן מיט בלומען. איצט ליגט וואַרשע אַכציק פּראָצענט צערונירט, כאָטש מען בויט די שטאָט מיט אַ גרויסן טעמפּאָ, פון אַלע זייטן וואַקסן אויס נייע געביידעס

און גאנצע גאסן ווערן צוריק רעסטאווירט. יאנינא האָט די נאכט געגעכטיקט אין דאָזיקן האָטעל זייענדיק פארזינקען אין רייכע חלומות און אין טיפן טרויער, וואָס זי האָט אלץ פארלוירן. צומאָרגנס האָט זי אָנקלונגען צו וואַצלאַוון און ביידע זענען ארויס שפאצירן איבער דער שטאָט. אָט שטייען זיי ביי דער לאַזשענקעס. יאַנינא האָט דאָ געהאַט א קליין הייזעלע און איצט שטייט אויף דעם אָרט א גרויסע מיליטערישע געביידע ניט א קיין זכר פון יענעם הערלעכן גאָרטן מיט אירע פּאַלאַצן, מיט די שפּאַצירנדיקע מענטשן, ווי איז דאָס אלץ אהינגעקומען? פון דאנען זענען זיי אוועקגעפאָרן צום געוועזענעם יידישן געטאָ. אָט דאָ איז געווען די מילע גאס, ניט ווייט איז געווען דער שטאב פון די געטאָ־אויפשטענדלער. איז אָט די הייזער האָבן געוווינט יאנינאס משפחה, אירע עלטערן, ברידער און שוועסטער מיט זייערע פאמיליעס. אביסל ווייטער אין די חורבות ליגט די מוראנאָווסקע, ווי עס האָבן געוווינט וואצלאווס עלטערן און דאָ אויף די גאסן האָט געלעבט א ברויזנדיקע יידישע יוגנט, וואָס האָט געחלומט פון א וועלט א פריי און א גערעכטע. זיי זענען צוגעקומען צום מאנומענט פון די געטאָ־קעמפער אויף גענשע־זאמענהאָף, באדעקט מיט בלומען. ווייטער זענען זיי אוועק צום קראַשינסקיס גאָרטן. ער איז אויך געשטאנען פוסט. גאָר ניט ווי אמאָל, ווען יידישע מאמעס האָבן דא געברענגט זייערע פיצעלעך קינדער און א יידישע יוגנט האָט דא געפירט הייסע דיסקוסיעס, צווישן קאמוניסטן און בונדיסטן און מיט אנהענגער פון אנדערע פארטייען. דאָ האָט מען געחלומט וועגן ארץ ישראל און וועגן דער וועלט־רעוואָלוציע. היינט הערט מען נאָר דעם שומען

פון די אלטעביימער. וועלכע האָבן אסך דא געזען און געהערט, ביז די דייטשישע הארמאטן האָבן דא, פון פלאץ קראשינסקי, צעשטערט די לעצטע הייזער פון יידישן געטאָ און אומגעברענגט די לעצטע העלדישע יידישע קעמפערס. זיי זענען אוועק דורך די חורבות און ניי געבויטע גאסן צו אלטן זאקסישן גאָרטן, א שיינער גאָרטן אין מיטן שטאָט. דער גאָרטן איז איצט פארקלענערט. די צוועלף טויערן פון אמאָל זענען איבערגעבויט, נאָר דער מאָנומענט פון אומבאקאנט זעלנער שטייט און וואָרט מען זאָל אים ברענגען בלומען. אמאָל זענען דאָ געקומען אויסגעפוצטע אָפיצירן פון דער סאַנאַציע־מאכט היינט קומען דא זעלנער און אָפיצירן פון דער קאמוניסטישער ארמיי. די מאכט האָט געטוישט זיך נאר דאָס פאָלק איז ניט גליקליכער געוואָרן. זי לעבט ווייטער אין אירע דאגות און נויטן. געבליבן זענען די אַרמייען, קאַזאַרמעס און טורמעס. פון א דריטל יידן וואָס האָבן געלעבט אין דער פוילישער הויפטשטאָט, זענען נאָר איינציקע געבליבן די יידן וועלן אהער צוריק ניט מער קומען. איינציקע וואַנדערן דאָ ארום עלנטע און פרעמדע.

מידע פון גיין איבער די שטומע גאסן, וואָס שטייען דוכט זיך פארזונקענע אין זכרונות, זענען מיר אוועק אין דעם האָטעל צו יאנינען. אין איר צימער האָט זי גלייך באשטעלט קאווע מיט קוכן, און קיין איין מינוט האָבן זיי ניט פארגעסן אז זיי האָבן א חוב צו גיין צו רעבעקאן און איר מוטער האננא. און זיי האָבן טאקע גלייך אָנגעקלונגען צו רעבעקאן. נאכמיטאג זענען זיי אהין אָנגעקומען. ביידע האָבן די געסט פריינטלעך באגעגנט, באזונדער רעבעקא וועלכע איז מיט פרייד ארויפגעפאלן אויף יאניאן און איר געקושט. זי האָט דערקלערט

אז פון וואַצלאַוון האָט זי געוווסט אז יאַנינאַ איז אין וואַרשע און די גאַנצע צייט מיט אומגעדולט געוואַרט אויף זייביידן. און אָט וואָס רעבעקאַ האָט זיי דערציילט וועגן זיך: ״איך האָב שוין באַקומען עטלעכע בריוו פון מיין משפחה פון אַמעריקע ווי פון ישראל, ביידע ווילן איך זאָל אומבאַדינג צו זיי קומען. איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן, אָבער קיין ישראל, ווייל גענוג בין איך געווען צווישן פרעמדע איצט וויל איך זיין נאָר צווישן אייגענע. פאַרשטענדלעך אז אויב כ׳בין ביז איצט ניט געפאָרן איז דאָס צוליב מיין מאַמען, ווייל זי וויל ניט פאָרן, זי האָט מורא צו זיין אין אַ פרעמדע אין אַ פרעמד לאַנד, און כאָטש זי זאָגט מיר אָן מיר וועט זי זיין איינזאַם און איך וועל איר אויספעלן פאָדערט זי פון מיר איך זאָל פאָרן. ס׳איז מיר אָבער זער שווער דאָס שיידן זיך מיט איר. זי וויל מיר אָבער ניט שטערן אין מיין צוקונפט און בעט נאָר איך זאָל איר אָפט שרייבן, און גוטע בריוו און אויב דאָרטן וועט מיר זיין שלעכט האָב איך ביי איר שטענדיק מיין היים, ווי כ׳קען צוריקומען. אויך יאַנינאַ און וואַצלאַוו זענען געווען ביי דער זעלבער מיינונג, אז רעבעקאַ דאַרף פאָרן צו איר משפחה און אויך געבעטן זי זאָל זיי שרייבן, וואָס זי האָט מיטן גאַנצן האַרצן צוגעזאָגט. נאָר די פרוי האַננאַ איז געזעסן טרויעריק און טיף געשוויגן, ביז זי האָט זיך האַרציק געזעגנט מיט די געסט.

פון רעבעקאַן זענען זיי אוועק צו יאַנינאַס האָטעל, ווי זיי האָבן געגעסן אָוונט־ברויט. דער גערויש און דער ריח פון פאַפּיראָסן איז געווען גאָר ניט צו דערטראָגן האָט וואַצלאַוו פראָפּאָנירט זיי זאָלן גיין צו אים און דאָרט טרינקענדיק אַ קאַווע. דאָ האָט פרוי יאַניניע אָנגעהויבן ווייטער צו דערציילן:

"איך האָב דאָ גלייך גענומען מיין זון און זיין חבר און מיט זיי אוועק אין מיין הויז אין דער שווייץ. זיי האָבן זיך דאָרט זער גוט געפילט. אין יענער צייט האָט מען מיר פארגעלייגט די פארשיידנסטע און גוטע פּראָפּאָזיציעס, איך האָב אָבער צוליב דער פרייד צו זיין מיט מיין זון אלץ אָפּגעוואָרפן. מיר איז דאן געווען צו גוט, געלעבט מיט פרייד און ליבע. אזוי האָבן מיר געלעבט אין געמיטלעכקייט און אָן זאָרג ביי צוויי מאָנאטן. ביידע האָבן מיך ארומגערינגלט מיט קינדישע ווארעמקייט, וואָס האָט א גאנץ לעבן מיר אזוי שטארק געפעלט. איך האָב אויך צו מיין זונס חבר זיך באצויגן, ווי א מאַמע און אים גענומען מיט זיך ווייל מיין זון האָט מיר געזאָגט אז ער האָט ניט ווי אהין צו גיין, און ביידע זענען דאָך געווען געטרייע חברים. איך האָב אים טאקע ניט געגעבן די קלענסטע סיבה ער זאָל זיך פילן ביי מיר פרעמד און כ'האָב זיך צוגעווינט צו געדאנק אז כ'האָב צוויי זין. אין א קורצע צייט האָט מען ביידע ניט געקענט דערקענען, סיי פון זאטן לעבן, אויך די קליידונג האָט זיי פארוואנדלט אין גאר אנדערע מענטשן און איך האָב געקוקט אויף זיי אין געשעפט נחת. באזונדער האָב איך זיך געפרייט ווען מען האָט מיר געזאָגט אז מיין זון איז א גענויע קאָפּיע פון מיר. הויך מיט שוואַרץ געלאָקטע האָר און שוואַרצע אויגן. בין איך מיט אלעמען געווען גליקלעך. נאָך צוויי מאָנאטן, ווען מיר זענען אלע געווען אויסגערוט און אין א גוטער שטימונג האָבן מיר געמאַכט א רייזע קיין פראַנקרייך און איטאליע. איך האָב געוואָלט אז אויך זיי זאָלן כאָטש א ביסל געניסן דערפון, וואָס איך האָב אזוי ברייט גענאָסן. מיר האָבן אין דער פראנצויזישער ריוויערע באגעגנט אסך

באקאנטע בינע־קינסטלער און מיר האָבן צוזאמען זער גוט פארברענגט.

"צוריקקומענדיק אהיים האָב איך אָנגעהויבן צו טראַכטן, וואָס וועט ווייטער זיין מיט מיין זון און זיין חבר. זיי מוזן דאָך עפעס א באשעפטיקונג און מיין האָפענונג איז דאָך געווען זיי זאָלן ווערן בינה־קינסטלער. אָבער דער געדאנק איז געקומען פון זיי אליין. אין איינעם א הארבסט־אוונט האָבן זיי מיר פארגעלייגט זייער פלאן פון גיין שטודירן אין א ווארשעווער דראַמטישער הויך־שולע, ווי איך האָב אמאָל געלערנט. אוודאי האָט זיך מיר ניט געוואָלט מיט זיי צושיידן איך האָב אָבער געמוזט אויף דעם איינגיין און געפרעגט ווען זענען דאָרט די עקזאמינס. פארשטענדלעך אז זיי וועלןביידע זיך נויטיקן אין מיין הילף און איך האָב מיט פארגעניגן דאָס זיי צוגעזאָגט, כאָטש דאָס איז געווען פאר מיר א פרייד און א טרויער. א טרויער וואָס כ'וועל זיך דאַרפן אויף א געוויסער צייט צעשיידן מיט מיין זון און ווידער בלייבן איינזאם.

"א ווען ניט מיין מאנס איינפערזיכטיקייט, וואָלט דאָך אונדז געוואַרט א ווארימע עלטער און א געטרייער משפחה־אטמאָספער. אָבער פאר זיין פארברעכן מוז ער איצט צאָלן מיט זיין אייגענער איזאָלאציע. ער איז געבליבן אָן פריינד, אין זיין דיפלאָמאטישן צימער פארמאכט מיט דיקע טירן און טעפיכער אויף די ווענט, וואָס איז איינגעהילט אין טיפע סודותדיקייט, און אין דיפלאָמאטישע אינטריגעס, פון וועלכע מען האָט זעלטן פערזענלעכע פארגעניגנס. דערצו האָט ער שוין דערלעבט צו גיין מיט דער הילף פון א גראָבן שטעקן און מיט טונקעלע ברילן. צי מעג איך ווען ער האָט דאך אויף פאַר מיר א סך גוטס געטון אים קיינמאָל ניט פארגעבן?

עס איז שווער צו פֿארגעבן א מענטש, וואָס באגייט א פֿארברעכן קעגן א קינד. דערצו א קינד פֿון זיינס א געליבטע. דאָס איז א צו גרויסער פֿארברעכן, וואָס מען קען ניט מוחל זיין.

"די צייט איז ווונדערלעך גיך געלאָפֿן. אויך די געשעענישן. מיינע צוויי בחורים האָבן זיך שוין גרייט אָפּצופֿאָרן און איך האָב איינגעקויפֿט אלץ וואָס איז פֿאר זיי נויטיק און אלץ פֿאר זיי צוגרייטן. עס האָט זיך מיר דערמאָנט די צייט ווען כ'בין אליין געווען א שילערן און מיין מאמע פֿלעגט מיר צוגרייטן אלץ צו גיין אין שולע און מיך אָפּוואַרטן ווען כ'פֿלעג צוריקומען, וואָס פֿאר א גוטן געפֿיל דאָס איז. אָבער מיין זון וועט דארפֿן אוועק ווייט, דאָך בין איך געווען צופֿרידן, וואָס ער פֿאָרט לערנען, צוגרייטן זיך א וועג אין א לעבן, א זיכערע צוקופֿט.

"און אָט בין איך, אין פֿופֿצטן סעפּטעמבער 1938, געשטאנען ביי דער באַן־טאנציע און באגלייט ביידע בחורים אויף זייער וועג קיין ווארשע און געווינטשן זיי מיטן גאנצן הארצן א גרויסן דערפֿאָלג אויף זייער וועג צו דער טעאטער־קאריערע און געבעטן זיי אָפּט צו מיר שרייבן. איך האָב געקוקט אויף זיי מיט ליבשאפֿט און געטראַכט וועגן דעם אז כ'בלייב איינזאַם, כאטש כ'וועל קענען צו זיי טעלעפֿאָנירן און אפֿילו, ווען דאָס וועט שטאַרק מיר זיך וועלן צו זיי צופֿאָרן. דאָך האָב איך זיך געזעגנט מיט זיי מיט טרערן. זיי האָבן געשמייכלט צו מיר, דורכן וואגאָן־פֿענצטער, אין דער צוג איז אָפּגעפֿאָרן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך א לאנגן פֿארבענקטן פֿייף פֿון לאָקאָמאָטיוו. איך בין געשטאַנען ווי פֿארחלומט נאָענט צו די באַן־רעלסן ביז א באַן־קאנדוקטאָר

האָט מיך העפלעך דערמאָנט, אַז דאָ איז געפערלעך צו שטיין. בין איך אוועק אין מיין אליינקייט.

"נאָך זייער אָפּפאָרן בין איך געבליבן א פּאָר וואָכן צוגעשמידט צום בעט, כ'האָב זיך ניט גוט געפילט, פון די קינדער האָב איך באַקומען גוטע בריוו, ווי פון זייערס א פּראָפעסאָר מיינס א גוטער פרייד, וואָס האָט מיר געשריבן אַז ביידע בחורים לערנען זיך פלייסיק. אָבער די נייעסן פון דער וועלט האָבן מיך שטאַרק באומרואיקט. אָט האָט היטלער אַנעקסירט טשעכאָסלאָוואַקיע און פאַדערט פון פוילן זי זאָל אָפּגעבן דאַנציק מיט דעם דאַנציקער קאָרידאָר. און כאָטש דער פוילישער פּרעזידענט רידזי שמיגלי האָט פאַרזיכערט אַז פוילן וועט אפילו קיין קנעפּל ניט אָפּגעבן האָב איך ניט געהאַט קיין גרויסן צוטרוי צו דער מיליטערישער קראַפט פון פוילן. איך האָב שוין עפּעס געוווּסט אַז פוילן איז מער פעיק צו העצן קעגן די יידן ווי צו פאַרטיידיקן איר אָנאָפּהענגיקייט. האָב איך טאַקע אין די בריוו זיי געבעטן זיי זאָלן אויף די וואַקאַציעס קומען קיין שווייץ, ווייל כ'האָב אויך שטאַרק נאָך זיי געבענקט. האָבן זיי אויף דעם מיר צוגעשיקט אַן אַפּיש, ווי עס ווערט באַקאַנט אַז די שולע גרייט אין וואַרשע טעלעכע אַמאַטאָרישע פאָרשטעלונגען, ווי זיי ביידע נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל. זיי גרייטן זיך אויך צו די עקזאַמענס צום האַלב־יעריקן לערנסעזאָן. איך האָב אָבער צו שטאַרק געבענקט און געפילט זיך מיטן געזונט פיל בעסער, האָב איך איינגעקויפט געוויסע פאַר זיי נויטיקע זאַכן און גלייך אוועק קיין וואַרשע. פאַרשטענדלעך אַז מיין און זייער פרייד איז געווען גאָר גרויס. איך בין געווען אין וואַרשע טעלעכע וואָכן און כ'האָב בכלל געטראַכט, געטראַכט צוריק

זיך איינצואָרדענען אין פּוילן, ווי אין די גוטע צייטן צו זיין צוזאמען מיט מיינע קינדער. מען האָט מיר געראָטן אז צוליב די געשפּאַנטקייט פון מיינע נערוון איז פאר מיר געזונטער זיך איינצואָרדענען אין א קליין אָרט, וי עס איז ניטאָ קיין גרויסער רעש. האָב איך טאקע געזוכט פארשידענע קליינע הייזלעך מיט באקוועמלעכקייטן. דערווייל האָב איך באקומען א בריוו פון מיין געוועזענע מיטהעלפערין מאלגאשען, וועמען מיין מאן האָט געשיקט אהיים ווען איך בין א קראנקע געלעגן אין שפּיטאָל אין שווייץ, ווי זי בעט מיך, אז אין שטעטל, ווי זי ווינט ביי איר טאָכטער נעבן לאָדזש, איז פאראַן צו קויפן א הויז מיט אלע באקוועמלעכקייט, מיט א גאָרטן און אזוי ווי זי ווינט דאָרט וואָלט זי געווען צופרידן מיר צו זיין בייהילפיק מיט אלץ. ווי דאָס איז געווען אמאָל. דער געדאנק איז מיר געפעלן און איך בין גלייך דאָרט אוועק, זיך ווידער געטראָפן מיט מיין זונס ניאניע און באקענט זיך מיט איר טאָכטער און איר משפחה. אויך דאָס הויז איז מיר געפעלן און איך האָב מיט מאָלגאָשעס הילף איינגעקויפט מעבל און פארשידענע שטוב־זאכן. מאלגאָשא האָט אין אלעמען מיר געהאָלפן און גענומען אויף זיך צו פארוואלטן איבער דעם הויז און איך בין א צופרידענע צוריק אוועק קיין ווארשע און דאָס דערציילט מיינע קינדער, וואָס האָבן זיך געפרייט אז מיר וועלן ווידער דאָ קענען זיין אלע צוזאמען. אין וואַרשע האָב איך אויך געטראָפן מיט אלטע באקאַנטע. איך האָב זיך אינטערעסירט וואָס עס מאַכט מיין משפחה. מיין מאמע איז געווען ביי מיין שוועסטער האָב איך דאָרט גלייך אוועקגעשיקט א טשעק. מיין ברודער מיט זיין פאמיליע ווינט אין בעלגיע, ווי ער מאכט גוטע געשעפטן. נאָכן דער דערלעדיקן דאָס אלץ,

האָב איך פאַרבעטןביידע בחורים אויף אן אוונטברויט און א מידע, בין איך מיטן געדאַנק, אין שווייץ אלץ צו פאַרקויפן, אָדער דאָס צייטווייליק איבערלאָזן אויף דעם אויפזיכט פון מיין שאָפער און זיין ווייב, מיין קעכן, זאָלן זיי דאָרט בעליבאַטעווען, און דערווייל, האָב איך געטראַכט צו פאַרבעטן מיינע ביידע זין צו קומען קיין שווייץ זיך גוט אָפּצורוען. אזוי בין איך, געווען פאַרפאַרעט מיט מיינע פאַרשידענע פּלענער פון שאַפן א צוקונפט פאַר מיין זון און זיין חבר און גאָר ניט געוווּסט, אז די הערשער פון דער וועלט שפּינען אנדערע פּלענער, פון אומגליקלעך צו מאַכן די וועלט, אז זיי ווילט זיך גאָר אריינוואַרפן די וועלט אין א נייער מלחמה.

״אין חודש מאי 1939 האָב איך באַקומען פון מיינע קינדער א בריוו, אז זיי וועלן ניט קענען קומען קיין שווייץ אויף די וואַקאַציעס, ווייל זיי זענען ביידע מאָביליזירט געוואָרן און געפינען זיך אין אן אָפיצירן־שולע. כאָטש אויף די צוגעשיקטע בילדער, אין מיליטערישע מונדורן, זעען זיי וווּנדערלעך אויס, האָט אָבער מיין מוטער־האַרץ מיר געזאָגט אז קיין גוטס קען מען דערפון ניט דערוואַרטן. כאָטש דער בריוו איז געווען געשריבן אין א פּאַטריאָטישן גייסט בין איך געווען שטאַרק אומרואיק און געהאַט אן אומבאַשטימטן געפיל פון א געפאַר.

״איך בין מיט מיינע זין געשטאַנען אין כסדרדיקן בריוו־קאָנטאַקט. די נייעסן פון פּוילן זענען ניט געווען קיין היימלעכע. דאָך האָבן מיינע זין מיך געבעטן כ׳זאָל וואָס גיכער קומען און באַזעצן זיך אין פּוילן. ווייל זיי ווילן אין יעדער פרייע צייט פון דער אַרמיי זיין מיט מיר. איך האָב גראָד דעם זומער באַקומען וואַסער אין די קני און עס האָט גאָר ניט געקענט זיין קיין רייד, אין אזא

צושטאנד, צו פארלאָזן שווייץ און באזעצן זיך אין פוילן. איך האָב זיך דאן ניט געקענט רירן. נאָר די צייט איז גאָר ניט געשטאנען אויף איין אָרט. אויף דער וועלט איז אָנגעגאנגען גרויסע געשעענישן. היטלער איז געוואָרן אלץ מער חוצפהדיק אין זיינע פאדערונגען צו פוילן. און מער פון אלץ האָט ער געשטורעמט קעגן די יידן פון דער וועלט און באשולדיקט אז זיי שטויסן די וועלט צו א מלחמה. עס איז געוואָרן אויך פאר מיר קלאָר אז היטלער גרייט אנצופאַלן אויף פוילן און די העצע קעגן די יידן איז פאר אים א גוט געווער איינצושלעפן דאָס אנטיסעמיטישע פוילן און גייסטיק זי צו אנטוואָפענען. איך האָב דאָס אָנגעהויבן צו פארשטיין און געפילט דעם געפאר וואָס דראָט די וועלט אָבער כודם, ווי יעדער מאמע, געפילט דעם געפאר וואָס דראָט מיינע קינדער. אָבער העלפן האָב איך גאָר ניט געקענט, כ'בין גראָד דאן אריין אין שפיטאָל, און מיין ליגן דאָרט האָט שטארק זיך פארצויגן.

"דעם ערשטן טאג פון סעפטעמבער 1939 איז פוילן באפאלן געוואָרן דורך היטלער־דייטשלאנד. מיין הארץ האָט אָנגעהויבן שטארקער צו קלאפן און דער בלוטדרוק האָט שטאַרק זיך געהויבן. כ'האָב דאן באקומען א טעלעגראמע — מאמע מיר געפינען זיך אין גדיניע! דאָס איז געווען דער לעצטער לעבעדיקער גרוס פון מיין זון און זיין חבר. איך האָב דאן באקומען אזא קראפט אז כ'האָב געבעטן דעם דאָקטאר ער זאַל מיך גלייך באפרייען פון שפיטאָל, כ'האָב געוואָלט ערגעץ לויפן ראטעווען מיינע קינדער. פארן דאָקטאָר איז דאָס געווען א מאדנער איינפאל, ער האָט דאָך געהייסן מיך אָפפירן א היים. איך האָב פרובירט טעלעפאָניש זיך פארשטענדיקן מיט מיינע פריינד אין פוילן. אָבער פוילן האָט שוין ניט

עקזיסטירט און קיין פארבינדונגען איז ניט מעגלעך געווען. איך בין גאנצע טעג ניט ארויס פון מיין צימער און געווארט אויף א טעלעפאָן. איך האָב דאן גיריק געלייענט, אלץ וואָס אין די צייטונגען איז געשריבן געוואָרן וועגן פוילן. די מיניסטארן און גענערעלער זענען די ערשטע אנטלאָפן פון פוילן, ווארשע האָבן העלדיש פארטיידיקט די איינוווינער פון דער שטאָט, וועלכע איז געשטאנען א צערונירטע אָן וואסער און אָן עלעקטרי. יא אויך גדיניע האָט העלדיש זיך פארטיידיקט, אירע פארטיידיקער זענען אומגעקומען. יא מיינע זין זענען העלדיש געפאלן פאר פוילן, אומגעקומען ווי העלדן. אזוי לאנג האָב איך געווארט און געראנגלט זיך צוריקצובאקומען מיין קינד און ווען כ'האָב דערלעבט שוין א ביסל נחת און פרייד איז מיט איין קלאַפּ געוואָרן פון אלץ אן ענדע.

"טייערע וואַצלאַוויע צי דאַרף איך אייך דערציילן אין וואָס פאַראַ גיהנום פוילן איז פארוואַנדלט געוואָרן אונטער דער היטלער־אקופּאַציע? צי דארף איך אייך דערציילן מיט וואָס פארא גרויליקן טויט די יידן פון דער וועלט זענען אין דעם לאנד אומגעקומען? איר אליין האָט דאָך אין אייער יונג לעבן ניט ווייניק געזען און ניט ווייניק אליין זיך אָנגעליטן. צוויי מאָנאטן נאָכן זיג איבער היטלער־דייטשלאנד בין איך געפאָרן קיין פוילן דאָ זיך צו באזעצן. פון מיין גאנצער משפחה איז קיין זכר ניט געבליבן. אפילו מיין ברודער פון בעלגיע איז מיט זיין גאנצער משפחה דעפּאָרטירט געוואָרן און אומגעקומען. איך האָב געטראָפן ווארשע אויסגעגליכט מיט דער ערד. איך בין דאן אוועק קיין לאָדזש און פון דאָרט קיין בזשעזשין צו מיין הויז, ווי מיין זונס באָנע איז די בעליבאסטע. אזוי ווי איך בין געקומען אומגעריכט האָט

זיך אין מיין הויז געפונען דאָן עטלעכע משפחות און היימען און עס האָט געדויערט ביז מיין וווינונג איז געשטאַנען צו מיין אייגענער דיספּאָזיציע און און מיין גאָרטן. און דאָס וואָס איר האָט געזען אַזוי גוט און שיין איינגעאָרדנט האָב איך נאָר מיין מאַלגאַשען צו פאַרדאַנקען. און אָט זיצט איך אין מיין היים אין איינזאַמע און פרעמדע און פרעג זיך אפט פאַרוועמען האָב איך אָפּגעגעבן מיין טאַלאַנט און מיין איינציקן זון? פאַר אַ פאָלק וואָס ווייזט ניט אַרויס קיין צייכן פון פריינדשאַפט, קיין צייכן פון באַדויער? האָבן זיי דאָך ניט ווייניק צוגעהאָלפן היטלערן אויסצומאָרדן זייערע יידישע שכנים. ווי דאָס האָט געטאָן יאַן מיט די עלטערן פון רעבעקאַן. אַזעלכע זענען דאָך גאָר ניט געווען קיין איינציקע און קיין אויסנאַמען. אויסנאַמען זענען נאָר געווען די גוטע, וואָס האָבן געראַטעוועט און דערביי איינגעשטעלט זייער אייגן לעבן.

"אָט האָבן מיר שפּאַצירט איבער די וואַרשעווער גאַסן. אַמאָל איז דאָ געווען די געגנשע, זאַמענהאָף, מילע, די הייזער ווערן צוריק אויפגעבויט אָבער די יידן זיי וועלן שוין קיינמאָל דאָ מער ניט וווינען. די קינדער וועלן זיך דאָ מער ניט שפּילן. מען וועט מער ניט זען דעם קינדישן שמייכל פון די הונגעריקע פּנימער, וואָס זענען דאָ באַרוועס אומגעלאָפן. די פּוילישע ערד האָט איינגעזאַפּט זייער בלוט. אוודאי זענען חוץ די זעקס מיליאָן יידן אויך אומגעקומען מיליאָנען פּאָלאַקן און רוסן און אַנדערע. אָבער די יידן האָבן דאָך קעגן קיינעם קיין מלחמה ניט געפירט, קיין טעריטאָריע ניט באַזיצט, קיין מיליטער און קיין גענעראַלן, פאַרוואָס האָט מען זיי אומגעבראַכט, און דאָס אַזוי אַכזריותדיק? איך באַוווּנדער זיך

ווי איך קען אזוי געמיטלעך רעדן וועגן יענע גרויליקע טאטן, וואָס עס האָבן אָפּגעטאָן די מערדערישע נאַצים".

זייענדיק אין ווארשע האָט וואצלאוו אויך באַגלייט יאנינען צו א פרוי ווי עס האָבן געוווינט אין ווארשע אירע צוויי בחורים. די פרוי ווי זי האָט זיך אהערגעצויגן נאָכדעם ווי איר ווינונג אין ווארשע איז געווען צערונירט. קיין פראגע א טייל פון ווארשע, אויף יענער זייט ווייסל, ווי עס האָבן זיך איבערגעטראָגן אגרויסע צאָל מענטשן וואָס זענען אין גרויסן ווארשע געבליבן אָן אדאך איבערן קאָפּ אין דאָ געוואַרט ביז זיי וועלן באקומען אין ווארשע צוגעטיילט א דירה. דערווייל געוווינט דאָ אין גרויס ענקשאפט. וואצלאוו מיט יאנינען האָבן קוים געפונען איר ווינונג. די פרוי האָט קיין סך ניט געהאַט, וועגן יאנינאס בחורים, וואָס האָבן געוווינט ביי איר, צו דערציילן. זי האָט יאנינען איבערגעגעבן ניט וויכטיקע זאכן, וואָס איר איז געבליבן פון די צוויי בחורים, אָבער פאר יאנינען איז דאָס געווען א טייערער אנדענק און זי האָט דאָס צוגענומען ווישנדיק די טרערן.

יאנינא האָט אָבער נאָך עפּעס געהאַט וואָס צו דערלעדיקן, זי האָט געהאט א בריוו פון עפּעס א גלח, וואָס האָט דורכן "רויטן־קרייץ" אויסגעפונען איר אדרעס און געבעטן זי זאָל אומבאדינגט מיט אים זיך טרעפן. האָט אויך אהער וואצלאוו איר באגלייט צי דער טרעפונג. דער קלויסטער האָט זיך געפינען אויף דעם פלאַץ "דריי קרייצן". א ריזיקער קלויסטער, וואָס איז געווען פיל מיט מתפללים פון טויזנטער מענטשן. וואצלאוון שטארק געוווּנדערט, וואָס היינט נאָך די גרויסע ענדערונג פון דעם רעזשים האָבן די גרויסע מאסן מער געגלויבט אין דער קאטוילישער רעליגיע ווי אין סאָציאַליזם.

זעט אויס אַז עס איז ניט געווען קיין פּאָליטישע ענדערונג צו ענדערן די מענטשלעכע נשמה. דער סאָציאַליזם האָט אַנדערש געמאַכט דאָס לעבן אָבער ניט דעם מענטש, וואָס איז געבליבן ווי פריער פאַנאַטיש, עגאָיסטיש און אַנטיסעמיטיש, מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס?

אין דעם גרויסן קלויסטער איז ניט שווער געווען צו געפינען דעם גלח, וואָס האָט יאַנינען געבעטן צו קומען. איז געראַד געווען פון די וויכטיקסטע אין דער גלחישער העראַרכיע און מען האָט אונדז גלייך געפירט צו אים. ער האָט געשטעלט יאַנינען עטליכע פראַגן וועגן איר געוועזענעם מאַן, וואָס איז ביים אויסברוך פון דער מלחמה אַנטלאָפן מיט אַן אייראָפּלאַן, צוזאַמען מיט אַנדערע מלוכה־מענער. דער אייראָפּלאַן איז אָבער פון די דייטשן אַראָפּגעקלאַפּט געוואָרן און יאַנינאַס געוועזענער מאַן איז צוזאַמען מיט די אַלע אַנדערע אומגעקומען. דער גלח איז צוגעגאַנגען צו אַ שאַנק און פון דאָרט אַרויסגענומען אַ דאָקומענט געשריבן פון איר געוועזענעם מאַן, פאַר זיין אַנטלויפן פון פוילן, אין דאָקומענט ווערט געזאָגט אַז דאָס גאַנצע זיין פאַרמעגן לאָזט ער איבער זיין לעגאַלע פרוי יאַנינען. מיט דעם פאַרמעגן דערלויבט ער יאַנינען טאָן אַלץ וואָס זי וועט האַלטן פאַר נויטיק.

צונעמענדיק דעם דאָקומענט איז וואַצלאַוו מיט יאַנינען אַוועק צו איר אין האָטעל און ביי אַ גלאָז קאַווע באַשלאָסן דאָס ערשטע שטעלן איר געוועזענעם מאַן אַ מאָנומענט אויף דעם פאַוואָנזקער צמענטאַזש, זיי האָבן אויך באַשלאָסן אויפן נאָמען פון איר זון און זיין חבר דאָס געלט פון דעם איבערגעלאָזטן פאַרמעגן, צו שענקען פאַר אויפבויען

א קינדערהיים און א טייל פון געלט אויך פאר די קולטור־צוועקן פאר די גרעסטעוועטע יידן אין פוילן. וואָס וואצלאוון האָט געוואונדערט איז די גלייכגילטיקייט מיט וואָס יאנינא האָט אויפגענומען אָט דעם אומגערעכטן זשעסט פון איר אומגעקומענעם געוועזענעם מאַן. ווער ווייס, צי נאכדעם האָט זי אין איר הארץ אים מוחל געווען? זי האָט אפשר דאן מער געטראכט וועגן די פליכטן, וואָס דאָס פארמעגן לייגט ארויף אויף איר, ווי א שוואכע פרוי. האָט זי וואצלאוון אלס איר נאָענטסטן פריינד און אדוואָקאט, איבערגעגעבן די אלע דאָקומענטן ער זאָל דערמיט זיך פארנעמען.

אהיימקומענדיק אין זיין וווינונג האָט וואצלאוו געפונען אין זיין פאסטקעסטל א בריוו פון רעבעקאַן. צו אים און צו יאנינאן פון ישראל. אין בריוו דערציילט זי אז עס איז איר דארט גוט צו זיין צווישן אייגענע, זי לערנט זיך איצט די שפּראַך, וואָס איז געווען פאר איר אין גאנצן פרעמד, זי וועט נאָך דעם באשטימען וואָס פארא געביט ווייטער צו לערנען. זי האָט אויך געשריבן אז זי בענקט נאָך דער פרוי האננא, וואָס האָט איר אויפגענומען ווי אן אייגענער טאָכטער, זי בענקט אויך צו יאנינען און וואצלאוון און זי וואָלט געוועזן, שרייבט זי, גליקלעך ווען זי וואָלט זיי אלעמען געהאט אין ישראל. ער האָט גלייך אָנגעקלינגען צו יאנינען און איר דערציילט וועגן בריוו. זי האָט א שטארק גערירטע אים געזאָגט, ווען זי וואָלט געווען יונגער וואָלט זי זיכער אוועק קיין ישראל און רעבעקאן וואָלט זי געוואָלט האָבן פאר אן אייגענער טאָכטער. איך מיין אז מען דארף איר שיקן א ביסל געלט זי זאָל זיך קענען איינאָרדענען אין איר נייער היים.

בלייבנדיק אין שטוב האָט וואצלאוו איבערגעקוקט גענוי אלע דאָקומענטן וואָס דער גלח האָט געגעבן יאנינען און עס האָט זיך ארויסגעוויזן אז עס האנדלט זיך אין א גאנץ גרויסן פארמעגן. אין אוונט איז ער אוועק זיך געזעגענען מיט יאנינאן, וואָס האָט באדארף אוועק צוריק אין איר היים. ער האָט געטראָפן יאנינען גאָר ניט קיין גליקלעכע פון דעם גרויסן פארמעגן, וואָס זי האָט אומגעריכט גערשנט. זי האָט טרויעריקע געזאָגט צו וואצלאוון: — "דא אויף די רואינעס פון ווארשע, אויף די רואינעס פון מיין פאָלק, זע איך די רואינעס פון מיין אייגן לעבן." זי האָט זיך אָפגעזעגנט מיט וואצלאוון אין אים גאָר ניט־גוטער שטימונג.

בלייבנדיק אליין מיט זיך האָט וואצלאוו אסך געטראכט וועגן די צוויי גרויסע מענטשלעכע טראגעדיעס, מיט וועלכע ער האָט אין דער לעצטער צייט געהאַט א פארבינדונג. די טראגעדיע — רעבעקא, וואָס איז אייגנטלעך געווען די טראגעדיע פון גאנצן יידישן פאָלק און איר אַפּפאָרן נאָך ישראל, וואָס עס איז דאָך דער לאגישסטער ענטפער אויף איר טראגעדיע און אויף דער טראגעדיע פון איר פאָלק. טיף אין זיך האָט ער געפילט א פערזענלעכע סימפּאַטיע צו רעבעקען און כאָטש ער האָט געהאַלטן אז זי האָט גוט געטאָן, וואָס זי האָט פארלאָזט דאָס לאנד פון די קברים פון אירע עלטערן און פון איר פאָלק, האָט ער דאָך באדויער וואָס ער וועט דאָס דאָזיקע ליבע מיידל מער ניט באגעגענען. און אפשר? זי ווינטשט זיך דאָך אז ער זאָל אהין קומען... ווי קען דאָס אָבער געשען וועז פון דער פריעסטער יוגנט האָט ער געווידמעט זיך דעם קאמף פאר א סאָציאליסטיש פוילן? צי קען ער,

ווי א דעזערטירן, אנטלויפן פון דעם לאנד ווי עס בויט זיך דער סאָציאַליזם?

דעם פליכט וואָס ער האָט אויף זיך גענומען צו רעאַליזירן, אלס אדוואָקאט איבער דעם פארמעגן און ירושה, וואָס יאנינא האָט באקומען, האָט אים געצווונגען צו שטיין אין שטענדיקן מיט איר קאָנטאקט. סיי אין די בריוו, סיי דורכן טעלעפאָן האָט זיך יאנינא כסדר פאר אים באקלאָגט פאר איר איינזאמקייט. זי וואָס איז געווען געוווינט צו א שטורמיש־געזעלשאפטלעך און טעאטער לעבן איז געבליבן אין גאנצן פארגעסן און פאראיינזאמט. האָט זי טאקע זיך געקלאמערט אין דער פריינדשאפט מיט וואצלאוון. אָבער אויך ער וואָס האָט, אויך ווי א געראטעוועטער פון אומקום, א דאנק זיין געטריישאפט צו דער באוועגונג, וואָס שטייט איצט אין פוילן ביי דער מאכט, באקומען די גרויסע מעגלעכקייט צו לערנען און צו א גרויסן דערפאָלג, האָט זיך אויך ניט זעלטן געשטעלט די פראַגע צי דראָט אויך אים ניט צו האָבן דעם זעלבן גורל וואָס יאַנינען? צי איז ער טאקע ביי זיין גאנצן דערפאָלג, ניט איינזאם נאָך דעם ווי ער איז געבליבן אָן א משפחה, אָן זיין אמאליק שטורמיש־אידעישער סביבה אויף יידישער גאס? ער האָט געזען ווי עס גוסנט דאָס לעבן פון יאנינען אין איר אייזאַמקייט, נאכדעם, ווי זי האָט דורכגעמאכט אזא דערפאלגרייך, רייך און הערויש לעבן, צי דארף ער ניט דערפון עפעס לערנען? אָבער זעלטן לערנען מענטשן פון דער דערפארונג, ביז דאָס לעבן אליין צווינגט זיי אנצונעמען באשלוסן, צו וועלכע זיין טראַכטן, זיין אידעאלאָגיע און זיין דערציאונג, וואָלט אים דערצו קיינמאָל ניט דערפירט. די צייט איז געלאָפן מיט א פיבערדיקע גיכקייט

צוזאמען מיט די געשעענישן. אָט איז אוועק יאנינא, די איינציקע אויפריכטיקע פריינדין און ער הויבט אויך ער צו פילן דעם טעם פון איינזאמקייט. עפּעס ענדערט זיך די לאגע אין דעם לאנד. פּלוצים דערקענען נעכטיקע פריינד אַז ער איז אַ ייד, צי איז דאָס אויך פאַר זיי אַ פאַרברעכן? צי איז מעגלעך אַז אין סאָציאַליסטישן פּוילן זאָל מען צוריק גיין צו דער טראַדיציע פון דעם יידן־פּאָגראָם אין שעדלעץ. איז דאָס מעגלעך מיניסטאָרן פון סאָציאַליסטישן פּוילן זאָל אָפן זיך דעקלארירן אַלס אנטיסעמיטן? און נאָך ערגער די אַלע יידן וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן באַקעמפט דעם ציוניזם און יעדן יידישן נאַציאָנאַליזם און טריי געהאָלפן דאָס אנטשטיין פון אַ סאָציאַליסטיש פּוילן זאָלן געשטעמפּלט ווער אַלס "מאַסקירטע ציוניסטן?" דאָס לעבן אַליין האָט אויך וואצלאַוון געטריבן אוועק אַ הין, ווי עס געפינט זיך רעבעקאַ כדאי ארויס פון דער איינזאַמקייט און אָנהייבן אַ נייע פריינדשאַפט.

עוועלין אלעקסאנדער

די ארויסגעבערין פונעם בוך